| вспоминать *о* | דערמאָ'נען זיך (אין/אָן) | |
| топор | האַק די (העק) | ה |
| расти | וואַקסן (איז געוואָ'קסן) | ו |
| угол | ווינקל דער (ען) | |
| ввосьмером (-двоём, -троём, -четвером) | זאַ'לבע אַכט (...צווייט, ...דריט, ...פֿערט) | ז |
| субботние песни *(религ.)* | זמירה די (־ות) [зми'рэ] | |
| смотрит, заглядывает [букв.: „делает смотреть” (длительно)] | טוט קוקן אין ... | ט |
| шаг | טריט דער (=) | |
| слеза | טרער די (ן) | |
| ложка | לעפֿל דער (=) | ל |

| | | |
|---|---|---|
| | לע'פֿעלע דאָס (ך) | ложечка |
| מ | מו'רמלען | произносить приглушённно, бормотать, шептать |
| נ | ניגון דער (ים) [нигн-нигу'ним] | мелодия |
| ס | סאַ'ראַ | какой, какая, какое |
| ע | עשירות דאָס [аши'рэс] | 1. богатство; 2. обилие; 3.великолепие; 4.счастье |
| פ | פערל דער (=) | жемчуг |
| | פריץ דער (ים) [по'рэц- при'цим] | пан; помещик |
| | פריצל (פריצימלעך) [по'рэцл- при'цимлэх] | панич; сын помещика |
| פֿ | פֿאַרגי'סן (זיך) ((זיך) פֿאַרגאָסן) | заливать(ся) |
| | פֿאַרגעני'גן דער (ס) | наслаждение, удовольствие |
| | פֿאַרהע'רן (פֿאַרהערט) | экзаменовать; спрашивать |
| | פֿאַרטראַ'כט | задумавшись, задумчиво |
| | פֿאַררו'קן זיך | *здесь:* забиться в угол |
| | פֿי'נגער דער (=) | палец |
| | פֿי'נגערל דאָס (עך) | пальчик |
| | פֿי'נצטער די | темнота, темень |
| | פֿע'נצטער דאָס (=) | окно |
| צ | צאינה־וראינה [цэнэрэ'нэ] | название книги популярных рассказов – легенд на библейские темы для женщин на языке идиш |
| | צו'באָמקען | подыгрывать (подпевать) „бим-бом" |
| ק | קיין עין־הרע [эйн(h)о'рэ] | не сглазить бы! |
| | קניפ דער (ן) | щипок |
| | קני'פעלע דאָס (ך) | щипочек |
| | קאָפ דער (קעפ) | голова |
| | קע'פעלע דאָס (ך) | головка |
| ש | שאָ'קלען | трясти |
| | שטיל | тихо |
| ת | תּלמיד־חכם דער [та'лмэд-хо'хэм] | учёный |

**Задание 2.** Выучите наизусть слова песни “ פֿרײַ'טיק אויף דער נאַכט„.

## Общепрошедшее время

Общепрошедшее время употребляется для выражения действия, происходившего в прошлом, до момента речи.

Форма общепрошедшего времени образуется с помощью вспомогательного глагола **האָבן** или **זײַן** (в личной форме) и партиципа (причастия прошедшего времени) основного глагола. Например: **זיי** **געלייענט** האָבן „они читали"; **זיי** זײַנען **געקומען** „они пришли".

***Большинство*** глаголов образует общепрошедшее время с помощью вспомогательного глагола **האָבן**, как в следующем примере:

| | |
|---|---|
| I. Неопределённая форма: „делать" | I. **אינפֿיניטיוו:** מאַכן |
| II. Партицип: „сделан" | II. **פּאַרטיציפּ:** געמאַכט |
| III. Общепрошедшее время | III. **געוויינלעכע פֿאַרגאַנגענהייט** |

| *Единственное число* | **איינצאָל** |
|---|---|
| 1. Я *(с)делал* задание. | 1. איך האָב געמאַכט די אויפֿגאַבעס. |
| 2. Ты *(с)делал* задание. | 2. דו האָסט געמאַכט די אויפֿגאַבעס. |
| 3. Он *(с)делал* задание. | 3. ער האָט געמאַכט די אויפֿגאַבעס. |
| *Множественное число* | **מערצאָל** |
| 1. Мы ***(с)делали*** задание. | 1. מיר האָבן געמאַכט די אויפֿגאַבעס. |
| 2. Вы ***(с)делали*** задание. | 2. איר האָט געמאַכט די אויפֿגאַבעס. |
| 3. Они ***(с)делали*** задание. | 3. זיי האָבן געמאַכט די אויפֿגאַבעס. |

### *О двух разных значениях глагола* האָבן

> ***Внимание!*** Глагол **האָבן** может употребляться самостоятельно в значении „иметь", например:
>
> Я имею (у меня есть) книги. איך **האָב** ביכער.

***Только в сочетании с партиципом*** другого глагола **האָבן** становится вспомогательным глаголом, признаком прошедшего времени. Поэтому очень важно научиться распознавать форму партиципа в тексте, ибо от её наличия (или отсутствия) зависит значение и перевод глагола – сказуемого. Сравните, например, перевод следующих двух предложений:

1) Я ***имею*** книги. — 1) איך האָב ביכער.

2) Я ***читал*** книги. — 2) איך האָב **געלייענט** ביכער.

# Партицип דער פּאַרטיציפּ

Форма партиципа от подавляющего большинства глаголов образуется путём добавления к корню глагола безударной приставки –גע и суффикса ט–.

*Таблица 30*

□ корень глагола

| Прошедшее время | Партицип | Неопределённая форма глагола |
|---|---|---|
| האָב גע + □ + ט | גע + □ + ט | □ + (ע)ן |
| איך האָב געמאַ'כט | גע + מאַכ + ט | מאַכ + ן |
| דו האָסט געהאַ'רעוועט | גע + האָ'רעווע + ט | האָ'רעווע + ן |
| ער האָט געלײ'ענט | גע + לײ'ענ + ט | לײ'ענ + ען |

**Задание 3*.** Образуйте партицип от неопределённой формы следующих глаголов:
1) זאָגן, 2) ע'נטפֿערן, 3) לע'רנען, 4) דרוקן, 5) קויפֿן, 6) פֿרעגן, 7) זוכן, 8) זיגן, 9) מוזן, 10) שטעלן, 11) האָ'רעווען, 12) האָ'דעווען, 13) מו'טשען, 14) טאָ'פּטשען, 15) קוקן.

**Задание 4*.** Образуйте от следующих партиципов неопределённую форму.
1) געהאַ'קט, 2) געפֿרע'גט, 3) געקאָ'נט, 4) געשמו'עסט, 5) געקע'נט, 6) געשאָ'קלט, 7) געבלאָ'נדזשעט, 8) געדאַ'ווענט.

**Задание 5.** Перепишите следующие предложения. Вместо пропусков напишите партицип от глагола, помещённого в скобках. Например:

*Задано:* איך האָב (לײ'ענען). ***Образец ответа:*** איך האָב געלײ'ענט.
1) דו האָסט (פֿרעגן). 2) וואָס האָסטו (לײ'ענען)? 3) מיר האָבן (שמו'עסן). 4) דער זשורנאַ'ל האָט (דרוקן) דעם נײַ'עם ראָמאַ'ן. 5) ער האָט (לע'רנען) יי'דיש. 6) זיי האָבן (קויפֿן) צוויי בילע'טן. 7) מיר האָבן (זיגן). 8) ער האָט (רעדן) אויפֿן מי'טינג.

**Задание 6.** Переведите предложения задания 5 на русский язык. ***Обратите внимание,*** что обе составные части – האָבן и партицип – переводятся одним словом – глаголом в форме прошедшего времени.

# ЧТЕНИЕ

**Задание 7*.** Прочитайте и переведите текст.

דער חנוכּת־הבית [ханукэс-hаба'йэс]
(אַ מעשׂה־שהיה [майсэ-шэhо'йэ])

1) הײַנט האָבן מיר געהאַ'ט אַ פֿײַ'ערלעכן אָוונט, געווי'דמעט דעם חנוכּת־הבית פֿו'נעם נײַ'עם הויז פֿון דער ייִ'דישער קהילה [кэhи'лэ] אין או'נדזער שטעטל. 2) דעם אָוונט האָט געע'פֿנט דער פֿאָ'רזיצער פֿו'נעם אָ'רטיקן וועד [ваа'д]. 3) ער האָט גערע'דט וועגן דער גו'טער אַ'רבעט פֿון או'נדזערע חבֿרים [хавэ'йрим], די בוי'־אַרבעטערס. 4) ער האָט געזאָ'גט: 5) אַדאַ'נק אײַ'ער אי'בערגעגעבענער אַ'רבעט האָבן מיר איצט אָנשטאָ'ט דער אַ'לטער כאַ'טקע אַ נײַ הויז, 6) וווּ עס איז דאָ גענו'ג אָרט סײַ פֿאַרן מנין [ми'нйэн], סײַ פֿאַר די קלאַסן פֿון דער זו'נטיקשול, סײַ פֿאַר דער ביבליאָטע'ק, סײַ פֿאַר דער הומאַניטאַ'רער ווי'לטעטיקייט פֿון „חסד“ [хэ'сэд].

7) ער האָט נאָך געזאָ'גט: 8) או'נדזערע חבֿרים האָבן געאַ'רבעט צוזאַ'מען האַרמאָ'ניש ווי איין קאָלעקטי'וו, 9) נאָר יע'דער האָט געמאַ'כט זײַן אַ'רבעט: 10) די בוי'־אַרבעטערס האָבן געבוי'ט, 11) די מוי'ערערס האָבן געמוי'ערט, 12) די סטאָ'ליערס האָבן געהו'בלט ברע'טער, געשטע'לט טירן און פֿע'נצטער־ראַ'מען, געליי'גט דילן, 13) די גלע'זערס האָבן באַגלאָ'זט, 14) די מאַ'ליערס האָבן געקאַ'לכט די ווענט, די סטע'ליעס, געפֿאַ'רבט די דילן, טירן און פֿע'נצטער־ראַ'מען. 15) זיי האָבן זיך אַ'לע געסטאַ'רעט, 16) ווײַל זיי האָבן געוווּ'סט, אַז זיי אַ'רבעטן לטובֿת [лэто'йвэс] או'נדזער ייִ'דישער עדה [э'йдэ].

17) דערנאָ'ך האָבן נאָך גערע'דט די געסט פֿון קע'שענעוו, פֿון דער ייִ'דישער קהילה, פֿון דזשווינט, פֿון דער ייִ'דישער קולטו'ר־געזע'לשאַפֿט. 18) ר' זלמן [рэб за'лмэн] האָט געזאָ'גט אַ תּפֿילה [тфи'лэ], געמאַ'כט אַ ברכה [бро'хэ] און צו'געפֿעסטיקט די מזוזות [мэзу'зэс] צו די בײַ'שטידלעך פֿון די טירן.

19) נאָך דעם פֿײַ'ערלעכן טייל האָבן מיר געהאַ'ט אַ שיי'נעם קאָנצע'רט. 20) אַ לי'בהאָבער־אַנסאַמבל האָט געשפּי'לט ייִ'דישע מעלאָ'דיעס און טאַ'נצמוזיק. 21) או'נדזער חבֿר, דער געווע'זענער פֿראָנטאָווי'ק, דער פּאָע'ט פּ. האָט געליי'ענט זײַ'נע נײַ'ע לי'דער. 22) ער האָט זיי געווי'דמעט די מלחמה־וועטעראַ'נען, ווע'לכע האָבן געקע'מפֿט און געזי'גט אין קאַמף קעגן די הי'טלער־פֿאַשי'סטן. 23) או'נדזערע אַרטי'סטן האָבן געשטע'לט אַ פֿריי'לעכן סקעטש. 24) או'נדזער חבֿר ד. האָט געליי'ענט אַ הומאָרע'סקע אַזוי' טאַלאַנטי'רט, אַז מיר האָבן געלאַ'כט ממש [ма'мэш] ביז טרערן.

25) נאָכן קאָנצע'רט האָבן מיר נאָך געטאַ'נצט און פֿאַרבראַ'כט די צײַט זיי'ער אָ'נגענעם מיט חבֿרים און באַקאַ'נטע. 26) דער אָוונט האָט געמאַ'כט אויף או'נדז אַן או'מפֿאַרגעסלעכן אײַ'נדרוק. 27) מיר האָבן הנאה [hано'э] געהאַ'ט פֿו'נעם שיי'נעם אָוונט און וועלן אים נאָך לאַנג געדע'נקען.

## *Пояснения к тексту*

*Подзаголовок:* אַ מעשׂה־שהיה [майсэ-шэhо'йэ] быль, действительный факт.

24) מיר האָבן געלאַ'כט ממש ביז טרערן мы смеялись прямо до слёз.

27) מיר וועלן אים נאָך לאַנג געדע'נקען мы ещё долго будем его помнить.

### Новые слова — נײַע ווערטער

| Новые слова | נײַע ווערטער | |
|---|---|---|
| благодаря | אַ דאַ'נק | א |
| незабываемый | אומפֿאַרגע'סלעך | |
| впечатление | אײַ'נדרוק דער (ן) | |
| приятно | אָ'נגענעם | |
| вместо | אָנשטאָ'ט | |
| местный | אָ'רטיק | |
| строительный рабочий | בוי'־אַרבעטער דער (ס) | ב |
| строить | בוי'ען | |
| косяк двери | בײַ'שטידל דאָס (עך) | |
| благословение | ברכה די (־ות) [бро'хэ] | |
| стекло | גלאָז דאָס | ג |
| застеклять | גלאָזן | |
| стекольщик | גלע'זער דער (ס) | |
| помнить | געדע'נקען | |
| бывший | געווע'זענער | |
| достаточно | גענו'ג | |
| пол | דיל די (ן) | ד |
| удовлетворение; удовольствие | הנאה די (־ות) [hано'э] | ה |
| получать удовольствие | הנאה האָבן | |
| стена | וואַנט די (ווענט) | ו |
| благотворительность | ווױ'לטעטיקייט די | |
| посвящать | ווי'דמען | |
| совет; *здесь:* руководитель еврейской общины | ווער דער [ваа'д] | |
| побеждать | זיגן | ז |
| новоселье | חנוכּת־הבית דער [ха'укэс-hаба'йэс] | ח |
| благосклонность; милосердие; милость | חסד דער (ים) [хэ'сэд-хсо'дим] | |
| талантливо | טאַלאַנטי'רט | ט |
| танец | טאַנץ דער (טענץ) | |

| | | |
|---|---|---|
| смеяться | לאַכן | ל |
| для, ради, на благо | לטובֿת [лэто'йвэс] | |
| любитель | לי'בהאָבער דער (ס) | |
| строить из кирпичей | מוי'ערן | מ |
| каменщик | מוי'ערער דער (ס) | |
| мезуза | מזוזה די (־ות) [мэзу'зэ] | |
| столяр | סטאָ'ליער דער (ס) | ס |
| потолок | סטע'ליע די (ס) | |
| как ..., так и ... | סײַ...‚ סײַ... | |
| община; общество | עדה די (־ות) [э'йдэ] | ע |
| открывать | ע'פֿענען | |
| красить | פֿאַרבן | פֿ |
| проводить время | פֿאַרבראַ'כט: פ״פ פֿון פֿאַרברע'נגען | |
| председатель | פֿאָ'רזיצער דער (ס) | |
| праздничный | פֿײַ'ערלעך | |
| прикрепить; прибить | צו'פֿעסטיקן | צ |
| белить | קאַלכן | ק |
| община | קהילה די [кэhи'лэ] | |
| бороться | קעמפֿן | |
| рама | ראַם די (ען) | ר |
| молитва | תּפֿילה די (־ות) [тфи'лэ] | תּ |

# СЛОВООБРАЗОВАНИЕ

## Суффиксы существительных

Важнейшим средством образования существительных от различных частей речи являются суффиксы. Приводим наиболее употребительные из них.

Суффикс ער– (варианты: לער–, נער–, אַ'נער–) образует существительные, обозначающие лиц мужского пола по роду занятий, профессии, по какому-нибудь свойству, а также существительные со значением „житель данной местности”. Сравните: אַ'רבעטן „работать” и אַ'רבעטער „рабочий”, די קונסט „искусство” и דער קי'נסטלער „художник”, אַמע'ריקע „Америка” и דער אַמעריקאַ'נער „американец”.

Большинство существительных с суффиксом ער– образует множественное число с помощью суффикса ס– [с]. Сравните: דער שרײַ'בער „писатель” и די שרײַ'בערס „писатели”. У существительных со значением „житель данной местности” форма множественного числа совпадает с формой единственного числа; сравните, например: דער אַפֿריקאַ'נער „африканец” и די אַפֿריקאַ'נער „африканцы”.

**Задание 8.** *а)* Выпишите из текста „דער חנוכּת־הבית“ существительные с суффиксом ־ער: „рабочий”, „каменщик”, “стекольщик”, „председатель”. Подчеркните исходную основу одной чертой, суффикс – двумя, например: דער גלעזער.
*б*) напишите эти существительные во множественном числе.

**Задание 9.** Переведите следующие производные существительные, ориентируясь на известное уже вам значение исходного слова, данного в скобках.

1) דער אויס'לענדער (אויס'לאַנד), 2) דער בע'קער (באַקן), 3) דער דערציי'לער (דערציי'לן), 4) דער דרו'קער (דרוקן), 5) דער הע'רער (הערן), 6) דער זי'גער (זיגן), 7) דער טע'נצער (טאַנצן), 8) דער לוי'פֿער (לויפֿן), 9) דער ליי'ענער (ליי'ענען), 10) דער מי'טאַרבעטער (מי'טאַרבעטן), 11) דער מי'טקעמפֿער (מי'טקעמפֿן), 12) דער פֿי'שער (פֿיש), 13) דער פֿאַרקוי'פֿער (פֿאַרקוי'פֿן), 14) דער פֿאַ'רבער (פֿאַרבן), 15) דער פֿאַרטיי'דיקער (פֿאַרטיי'דיקן), 16) דער פֿי'רער (פֿירן), 17) דער פֿלי'ער (פֿלי'ען), 18) דער מאָ'סקווער (מאָ'סקווע), 19) דער אוקראַי'נער (אוקראַי'נע), 20) דער ע'נגלענדער (ע'נגלאַנד – Англия).

***Существительные, обозначающие лиц женского пола***, получают в вышеуказанных значениях суффикс ־ערין (читается [-эрн]). Во множественном числе существительные с суффиксом ־ערין получают суффикс ־ס. Сравните: אַ'רבעטן „работать” и די אַ'רבעטערין „работница”, די אַ'רבעט–ערינ–ס [а'рбэтэрнс] „работницы”; די שול „школа” и די שי'לערין „школьница”, די שי'ל–ערינ–ס [ши'лэрнс] „школьницы”.

**Задание 10.** Образуйте из существительных предыдущего задания названия лиц женского пола. Напишите их в единственном и множественном числе по образцу:

דער בע'קער ← די בע'קערין, די בע'קערינס

***Названия лиц*** мужского и женского пола образуются также при помощи славянских суффиксов ־ניק для мужского рода и ־ניצע для женского. Сравните:

דער ייִשובֿניק „деревенский еврей” – די ייִשובֿניצע „деревенская еврейка”
דער האָרעפּאַ'שניק „труженик” – די האָרעפּאַ'שניצע „труженица”

Названия лиц женского пола имеют часто и суффикс ־קע. Например, די מאַשיני'סטקע „машинистка”.

Существительные с суффиксами ־ניק, ־ני'צע, ־קע получают во множественном числе суффикс ־(ע)ס. Например: די האָרעפּאַ'שניקעס „труженики”, די האָרעפּאַ'שניצעס „труженицы”, די מאַשיני'סטקעס „машинистки”.

Суффикс ונג– образует существительные *женского рода** со значением ***процесса*** или ***результата действия.*** Во множественном числе существительные с ונג– получают суффикс ען–; сравните: גענײ'טן זיך „упражняться”, די גענײ'טונג „упражнение”, די גענײ'טונגען „упражнения”; דערציי'לן „рассказать”, די דערציי'לונג „рассказ”, די דערציי'לונגען „рассказы”; אי'בערזעצן „переводить”, די אי'בערזעצונג „перевод”, די אי'בער–זעצונגען „переводы”.

**Задание 11.** Перепишите следующие слова с их переводом; каждое многоточие замените существительным, образованным от основы глагола при помощи суффикса ונג–.

| | | | |
|---|---|---|---|
| награждать | באַלוי'נען | награждение | די באַלוי'נונג |
| прикасаться | באַריי'רן | прикосновение | ... |
| образовать | בילדן | образование | ... |
| напоминать | דערמאָ'נען | напоминание | ... |
| (по)являться | דערשײַ'נען | явление | ... |
| посвящать | ווי'דמען | посвящение | ... |
| защищать | פֿאַרטיי'דיקן | защита | ... |
| представлять | פֿאָ'רשטעלן | представление | ... |
| создавать | שאַפֿן | создание | ... |

**Задание 12.** Выпишите образованные вами существительные во множественном числе.

**Задание 13.** Выпишите в словарные тетради новые слова из раздела „Словообразование”.

**Задание 14.** *а*) Прочитайте ещё раз текст ‘דער חנוכּת־הבית„ и ответьте на приводимые ниже вопросы.
*б*)* Напишите номера вопросов и рядом укажите номера предложений, содержащих ответ на данный вопрос.
1) ווע'לכער געשע'עניש איז געווע'ן געווי'דמעט דער אָוונט? 2) ווער האָט געע'פֿנט דעם אָוונט? 3) ווי איז געווע'ן דאָס נײַ'ע הויז אין פֿאַרגלײַ'ך מיט דער אַ'לטער שטוב? 4) וואָס האָבן געמאַ'כט די גלע'זערס? די סטאָ'ליערס? די בוי'־אַרבעטערס? די מוי'ערערס? 5) וואָס פֿאַר אַ מוזי'ק האָט געשפּי'לט דער לײ'בהאָבער־אַנסאַ'מבל? 6) ווע'מען האָט געווי'דמעט זײַ'נע לי'דער דער פֿראַנטאָווי'ק פּ.? 7) ווי האָט מען פֿאַרבראַ'כט די צײַט נאָכן קאָנצע'רט? 8) ווו'הי'ן האָט מען צו'געפּעסטיקט די מזוזות? 9) וואָס פֿאַר אַן אײַ'נדרוק האָט געמאַ'כט די הומאָרע'סקע? 10) וואָס פֿאַר אַן אײַ'נדרוק האָט געמאַ'כט דער אָוונט?

* Единственное исключение – דער לאָזונג „лозунг”*(м.р.).*

**Грамматика:** Сложное предложение. Общепрошедшее время и партиципы от глаголов с приставочными словами.
**Текст:** ווי אַזוי' איך האָב זיך צו'געגרייט צום יי'דיש־לימוד
**Словообразование:** Суффиксы существительных ־הייט, ־קייט, ־שאַפֿט

# ГРАММАТИКА

## СЛОЖНОЕ ПРЕДЛОЖЕНИЕ
## Сложносочиненное предложение

Сложносочинённое предложение состоит из синтаксически равноправных предложений, соединённых союзом или без него:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1) | Цыгане клянутся, евреи ударяют по рукам, помещики щёлкают кнутами, лошадки мчатся взад и вперёд.<br>*(Шолом-Алейхем)* | די ציגײַנער שווערן זיך, ייִדן פּאַטשן איבער די הענט, פּריצים קנאַקן מיט די בײַטשן, פֿערדלעך לויפֿן אַהין און אַהער.<br>(שלום-עליכם) | 1) |
| 2) | А колёса не вертятся,<br>А лошадки не идут,<br>А глоток водки хочется,<br>А жена ругается...<br>*(Народная песня)* | און די רעדלעך דרייען זיך ניט,<br>און די פֿערדלעך גייען ניט,<br>און אַ טרונק בראָנפֿן ווילט זיך,<br>און דאָס ווײַב שילט זיך.<br>(פֿאָלקסליד) | 2) |

> ***Выучите*** значение и перевод основных сочинительных союзов:
> 1) און – и; а; 2) אָ'בער – но; однако; 3)אָ'דער – или; 4) אַבי' – лишь бы; 5) ...סײַ ,...סײַ – как ..., так и ...; 6) ...נאָר, ...אויך נישט – не только ..., но и ...; 7)...אי' ,...אי' – и ..., и ...

Союзы не являются членами предложения и не учитываются при определении места личной формы глагола в предложении. Они занимают так называемое *нулевое* место. Таким образом, между союзом и личной формой глагола должен находиться ещё какой-либо член предложения, занимающий 1-е место перед личной формой глагола.

Сравните:

| | |
|---|---|
| 2) Или ты мне напишешь, или я дам тебе телеграмму. | ∅ 1 2<br>1) אָדער דו וועסט מיר אָנשרײַבן,<br>∅ 1 2<br>אָדער איך וועל דיר טעלעגראַפֿירן. |
| 2) И волк сыт, и овца цела. | ∅ 1 2<br>2) אי דער וואָלף איז זאַט,<br>∅ 1 2<br>אי די ציג איז ניט צעריסן. |
| 3) Я готов на всё, лишь бы ребёнок был здоров. | 1 2<br>3) איך בין גרייט אויף אַלץ,<br>∅ 1 2<br>אַבי דאָס קינד זאָל זײַן געזונט. |

**Задание 1.** Составьте сложносочинённые предложения, используя указанные в скобках союзы. Обратите внимание на место личной формы глагола.

1) די טעג ווערן לע'נגער. די נעכט ווערן קי'רצער (און). 2) די נאַטו'ר שלאָפֿט. אין שטאָט גייט אָן אַן אָ'נגעשטרענגטע אַ'רבעט (אָ'בער). 3) מע מעג זײַן שוואַרץ. מע האָט אַ גוט האַרץ (אַבי'). 4) מיר לייי'ענען ייִ'דישע בי'כער. מיר מאַכן שרײַ'פֿטלעכע געני'טונגען (אי..., אי...). 5) ער איז אין דער היים. ער איז אין שול (אָ'דער..., אָ'דער...).

## Сложноподчиненное предложение

Сложноподчинённое предложение состоит из главного предложения и одного или нескольких придаточных. Определяя порядок слов в сложноподчинённом предложении, следует учесть, что ***всё придаточное предложение приравнивается к отдельному члену главного предложения***. Сравните, например, способы выражения обстоятельств времени и причины „обыкновенным” членом предложения и придаточным предложением:

*Таблица 31*

| בײַשפּיל<br>**Пример** | אױ'סגעדרוקט דורך אַ<br>**Способ выражения** | פֿראַגע<br>**Вопрос** | באַשטי'מונג<br>**Обстоятельство** |
|---|---|---|---|
| זײַ'נען מיר אַוועק אַהײ'ם.<br>мы пошли домой.<br>{ אין אָוונט<br>Вечером<br>ווען עס איז צו'געפֿאַלן דער אָוונט,<br>Когда наступил вечер, | זאַ'צגליד:<br>**член предложения**<br>בײַ'זאַץ:<br>**придаточное предложение** | ווען?<br>когда? | צײַ'ט־<br>באַשטי'מונג<br>времени |
| איז ער ניט געקו'מען.<br>он не пришёл<br>{ מחמת [ма'хмэс] דער קראַ'נקייט<br>Из-за болезни<br>ווײַל ער איז געווען קראַנק,<br>Так как он заболел, | זאַ'צגליד:<br>**член предложения**<br>בײַ'זאַץ:<br>**придаточное предложение** | פֿאַר וואָס?<br>почему? | סיבה [си'бэ]־<br>באַשטי'מונג<br>причины |

Итак, придаточное предложение занимает во всём сложноподчинённом предложении *одно* место.

---

Если придаточное предложение стоит в начале сложноподчинённого предложения, то оно уже занимает первое место, и сразу же вслед за ним, т. е. на второе место, следует поставить личную форму глагола главного предложения.

---

Поясним сказанное на примере известного вам сложноподчинённого предложения из текста „Пословицы” ( Урок VI ). (Цифры снизу обозначают место данной структурной единицы во всём сложноподчинённом предложении; цифры сверху - порядок слов в придаточном предложении.)

4 3 2 1 ∅

אַז מע גראָבט אַ גרוב אויף יע'נעם, פֿאַלט מען אַלײ'ן אַרײַ'ן.

5 4 3 2 1

Если поменяем местами главное и придаточное предложения, то придётся изменить порядок слов в главном предложении так, чтобы личная форма глагола “ פֿאַלט „ оказалась на втором месте, т. е.

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | ∅ | 1 | 2 | 3 | 4 |
| מען | פֿאַלט | אַליי'ן | אַרײַ'ן, | אַז | מע | גראָבט | אַ גרוב | אויף יע'נעם |
| 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | | | | |

И в первом, и во втором варианте соблюдается основное правило порядка слов в повествовательном предложении: второе место занимает личная форма глагола.

**Задание 2.** Поменяйте местами главное и придаточное предложения, изменив соответственно порядок слов.

1) אַז מע האַקט האָלץ, פֿלי'ען שפּע'נער. 2) אַז מע זוכט, געפֿינט מען. 3) אַז מע קאָן נישט בײַסן, זאָל מען די ציין נישט ווײַזן. 4) אַז מע שלאָגט דעם קאַלטן שטיין, פֿליט אַרויס אַ היי'סער פֿונק. 5) ווו מע דאַרף האָבן מוח, העלפֿט ניט קיין כּוח.

**_Выучите_** значение и перевод основных подчинительных союзов:
1) אַז - что; когда; если; 2) איי'דער – 1. прежде чем; 2. нежели чем (***при сравнении:*** „больше чем" и т. п.); 3)ביז – пока не; до тех пор; 4) בעת [бэйс] – когда; в то время как; 5) ווי נאָר – как только; 6) ווען – 1. когда; 2. если; 7) זינט, זינט – с тех пор как; 8) נאָך דעם ווי – после того как; 9) כּל־זמן [колзма'н] – пока; 10) ווײַל – потому что; 11) מחמת [ма'хмэс] – в виду того, что; 12) היות [hэйо'йс] – так как; 13) כּדי [кэдэ'й], בכּדי [бихд'эй] – для того чтобы; дабы; 14) אַזוי' אַז – так что; 15) אויב – если; 16) וויבאַ'לד – раз; 17) כאָטש – хотя; 18) הגם [hага'м] – хотя; несмотря на то что; 19) סײַדן– разве что; 20) ווי, אַזוי' ווי, גלײַך ווי - словно; как; 21) פּונקט ווי – точно как.

**Задание 3*.** Переведите предложения и составьте сложноподчинённые предложения, используя указанный в скобках союз. Придаточное предложение поставьте *впереди* главного предложения.

1) איך קום צו סאָ'ניען; זי איז שוין גרייט. – (אַז). 2) מע וויל פֿאָרן קיין מאָ'סקווע; מע דאַרף קויפֿן בילע'טן. – (אויב). 3) דער קאָנדו'קטאָר קומט; מיר באַווײַ'זן אים אָ'נדזערע בילע'טן. – (אַז). 4) איך פֿאָר מיט סאָ'ניען; איך קויף צוויי בילע'טן. – (אַזוי' ווי – так как). 5) דער קאָנדו'קטאָר קומט; מיר באַשטע'לן צוויי גלע'זער טיי מיט צו'קער. – (ווען). 6) מיר גיי'ען שלאָפֿן; עס איז שוין שפּעט. – (ווײַל). 7) עס קומט דער קאַ'לטער ווי'נטער; קיין בלו'מען בלי'ען ניט. – (ווען). 8) ער איז נאָך

ניט אין דער היים; ער האָט הײַנט זעקס לימודים. – (ווײַל). 9) אָ'נהייב האַרבסט איז נאָך הייס; די זון שטייט נאָך הויך אין דעם העלבלויען הימל. – (ווײַל). 10) מײַנע קע'נטענישן אין יי'דיש העלפֿן מיר בײַם לע'רנען עבֿרית; ביי'דע שפּראַכן האָבן דעם זע'לביקן אַלף־בית און אַ סך געמיי'נזאַמע ווע'רטער. – (ווײַל). 11) איך גיי אַרײַ'ן אין בילע'טן־זאַל; איך גיי צו דער בילע'טן־ קאַסע. – (אַז).

## ОБЩЕПРОШЕДШЕЕ ВРЕМЯ И ПАРТИЦИП ОТ ГЛАГОЛОВ С ПРИСТАВОЧНЫМИ СЛОВАМИ

I. В партиципе от глаголов с приставочными словами приставка גע– стоит не в начале слова, а между приставочным словом и основой глагола. Сравните:

| | Неопределённая форма | Партицип |
|---|---|---|
| строить | בוי'–ען | גע–בוי'–ט |
| построить | אוי'פֿ–בוי–ען | אוי'פֿ–גע–בוי–ט |
| водить | פֿיר–ן | גע–פֿי'ר–ט |
| проводить *(работу)* | דו'רכ–פֿיר–ן | דו'רכ–גע–פֿיר–ט |

Примеры в прошедшем времени:

1) Мы построили много домов. — 1) מיר האָבן אוי'פֿגעבויט אַ סך הײַ'זער.
2) Мы провели собрание. — 2) מיר האָבן דו'רכגעפֿירט אַ פֿאַרזאַ'מלונג.

**Задание 4*.** Образуйте партиципы от следующих глаголов.

1) אוי'סבויען, 2) אָ'פּדאַנקען, 3) צו'דעקן, 4) אוי'סלערנען, 5) אוי'סהערן, 6) אוי'סזוכן, 7) אָ'פּזאָגן, 8) אָ'פּדרוקן, 9) אָ'פּשטעלן, 10) אַרוי'ספֿירן, 11) אַרײַ'נפֿירן, 12) אי'בערזעצן, 13) אײַ'נקויפֿן, 14) פֿאָ'רשטעלן.

II. В словарях глаголы приводятся по алфавиту в неопределённой форме. Следовательно, чтобы с помощью словаря перевести глагол, который стоит в форме партиципа, надо предварительно преобразовать этот партицип в словарную, т. е. неопределённую, форму. Для этого надо отбросить приставку גע– и вместо суффикса ט– поставить (ע)ן–, например:

1) געזאָגט ← זאָגן; 2) אָפּגעזאָגט ← אָפּזאָגן; 3) אײַנגעקויפֿט ← אײַנקויפֿן.

**Задание 5*.** Преобразуйте следующие партиципы в неопределённую форму глагола (письменно).

1) אוי'פֿגעשטעלט, 2) אַרוי'סגעלאָזט, 3) אוי'פֿגעבויט, 4) אוי'פֿגעפֿירט, 5) צונוי'פֿגעשטעלט, 6) אוי'סגעפֿירט, 7) צו'געגרייט, 8) אוי'סגעפֿילט, 9) אָ'פּגעמערקט, 10) אוי'סגעדריקט, 11) אָ'נגעפֿירט, 12) אוי'סגעווײלט, 13) או'מגעקערט.

III. ***Внимание!*** Есть несколько глаголов, у которых приставка גע– имеется уже в основе неопределённой формы глагола, и отбрасывать её нельзя. Запомним важнейшие из них:

| | |
|---|---|
| 1) געברוי'כן | употреблять |
| 2) געדוי'ערן | продолжаться |
| 3) געדײַ'ען | процветать |
| 4) געדע'נקען | помнить |
| 5) געהע'רן | принадлежать |
| 6) געוווי'נען זיך | привыкать |
| 7) געווע'לטיקן | властвовать |
| 8) געווע'רן | продолжаться |
| 9) געזע'גענען זיך | прощаться |
| 10) געטרוי'ען | доверять |
| 11) גענאַ'רן זיך | обманываться |
| 12) געשטאַ'לטיקן | формировать |

Эти глаголы надо поместить в словаре на букву ג.

Партиципы געברויכט, געדענקט, געהערט, געווינט могут относиться к разным по значению глаголам. Сравните:

געברוי'כט от ברויכן „иметь потребность", „нуждаться в чём-либо" и от געברוי'כן „(у)потреблять"; געדע'נקט от דע'נקען „думать" и от געדע'נקען „помнить"; געהע'רט от הערן „слышать" и от געהע'רן „принадлежать"; געוווי'נט от ווי'נען „проживать" и от זיך געוווי'נען „привыкать".

Точное значение в каждом отдельном случае узнаётся по смыслу всего предложения.

## ЧТЕНИЕ

**Задание 6*.** Добейтесь беглого чтения текста. Переведите его на русский язык. Особое внимание обратите на правильный перевод форм прошедшего времени.

### ווי אַזוי' איך האָב זיך צו'געגרייט צום ייִ'דיש־לימוד

1) צו ע'רשט האָב איך אוי'פֿגעמאַכט מײַן העפֿט און אי'בערגעלייענט, וואָס מע האָט או'נדז פֿאַרגע'בן. 2) מיר האָבן געדאַ'רפֿט זע'לבשטענדיק דו'רכשטודירן די גראַמאַ'טיק, אוי'פֿזוכן דעם באַטײַ'ט פֿון די נײַ'ע ווע'רטער, אי'בערלייענען דעם נײַ'עם טעקסט און מאַכן ע'טלעכע געני'טונגען. 3) איך האָב אוי'פֿגעמאַכט דאָס

בוך און אי'בערגעלייענט די גראַמאַ'טישע כללים [кло'лим]. 4) נאָך דעם ווי איך
האָב אי'בערגעלייענט די כללים, האָב איך שרי'פֿטלעך און מי'נדלעך אוי'סגעפֿילט
ע'טלעכע געני'טונגען. 5) נאָך דעם ווי איך האָב געמאַ'כט די געניטונגען, האָב איך
זיך באַקע'נט מיט די נײַ'ע ווע'רטער צום נײַ'עם טעקסט. 6) דעם באַטײַ'ט פֿון די
נײַ'ע ווע'רטער האָב איך אוי'פֿגעזוכט אי'נעם ייִדיש־רוסישן ווע'רטערבוך.
7) דערנאָ'ך האָב איך ע'טלעכע מאָל אַדו'רכגעלייענט דעם טעקסט און געסטאַ'רעט
זיך רי'כטיק פֿאַרשטיי'ן דעם אי'נהאַלט. 8) דעם טעקסט האָב איך אי'בערגעזעצט
פֿון ייִדיש אויף רוסיש. 9) נאָך דעם ווי איך האָב אי'בערגעזעצט דעם טעקסט, האָב
איך געמאַ'כט די געני'טונגען צום טעקסט. 10) איך האָב אי'בערגעזעצט זאַצן מיט
די נײַ'ע ווע'רטער. 11) איך האָב אויך צונוי'פֿגעשטעלט אַ קו'רצע דערציי'לונג מיט
די נײַ'ע ווע'רטער. 12) דערבײַ' האָב איך אויך אי'בערגע־ חזרט [и'бэргэхазэрт]
די אַ'לטע טע'מעס. 13) דערנאָ'ך האָב איך אַרײַ'נ־ געשריבן די נײַ'ע ווע'רטער אין
מײַן ווע'רטערהעפֿט און אוי'סגעלערנט זיי אויף אוי'סנווייניק. 14) צום סוף [соф]
האָב איך זיך אַדו'רכגעקאָנטראָלירט לויט די פֿראַ'געס צום טעקסט. 15) לסוף
[лэсо'ф] האָב איך צו'געמאַכט מײַן בוך און העפֿט, אַרײַ'נגעלייגט זיי אין
פּאָרטפֿע'ל און בין געווען גרייט צום לימוד.

## Новые слова

## נײַע ווערטער

| | | |
|---|---|---|
| א | אַדו'רכלייענען (האָט אַדו'רכגעלייענט) | прочитать |
| | אוי'סלערנען זיך (האָט (זיך) אוי'סגעלערנט) | выучить; научиться |
| | אוי'ספֿילן (האָט אוי'סגעפֿילט) | выполнять; заполнять |
| | אוי'פֿזוכן (האָט אוי'פֿגעזוכט) | отыскать, найти |
| | אוי'פֿמאַכן (האָט אוי'פֿגעמאַכט) | открыть |
| | אי'בערזעצן (האָט אי'בערגעזעצט) | переводить *(с языка)* |
| | אי'בערחזרן [и'бэргэхазэрт] (האָט אי'בערגעחזרט) | повторять |
| | אי'בערלייענען (האָט אי'בערגעלייענט) | прочесть |
| | אַרײַ'נלייגן (האָט אַרײַ'נגעלייגט) | вложить |
| ב | באַקע'נען (זיך) (האָט זיך באַקע'נט) | (п)ознакомить(ся) *с* |
| | בין געווען | был (-а) |
| ג | געני'טונג די (ען) | упражнение |
| | גרייטן | готовить; сделать готовым |
| ד | דו'רכשטודירן (האָט דו'רכשטודירט/ דו'רכ־ געשטודירט) | прорабатывать; изучать |
| | דערבײַ' | при этом |
| | דערנאָ'ך = נאָך דעם | потом, затем |
| ז | זאַץ דער (ן) | предложение *(граммат.)* |
| | זע'לבשטענדיק | самостоятельно |
| כ | כלל דער (ים) [клал-кло'лим] | правило |

| | | |
|---|---|---|
| после того как | נאָך דעם ווי | נ |
| стараться | סטאַ'רען זיך (האָט זיך געסטאַ'רעט) | ס |
| несколько | ע'טלעכע | ע |
| задавать | פֿאַרגע'בן (האָט פֿאַרגע'בן) | פֿ |
| подготовить(ся) | צו'גרייטן (זיך) (האָט (זיך) צו'געגרייט) | צ |
| закрыть | צו'מאַכן (האָט צו'געמאַכט) | |
| наконец | צום סוף = לסוף [лэсо'ф] | |
| составлять | צונוי'פֿשטעלן (האָט צונוי'פֿגעשטעלט) | |
| прежде всего, сначала | צו ע'רשט = קודם־כּל [ко'йдэмкол] | |

# СЛОВООБРАЗОВАНИЕ

## СУФФИКСЫ СУЩЕСТВИТЕЛЬНЫХ

*(Продолжение)*

Суффиксы ־הייט и ־קייט образуют существительные с отвлечённым значением *состояния* или *свойства*, например:

דאָס קינד „дитя" — די קי'נד־הייט „детство"

קלאָר „ясный" — די קלאָ'ר־קייט „ясность"

Все существительные с суффиксами ־הייט и ־קייט *женского рода.* Во множественном числе существительные с ־הייט и ־קייט получают суффикс ־ן:

די שיי'נהייט „красавица" – די שיי'נהייטן „красавицы" *(мн. ч.)*

די פֿיַי'ערלעכקייט „празднество" – די פֿיַי'ערלעכקייטן „празднества" *(мн. ч.)*

**Задание 7.** Перепишите приведённые ниже слова с переводом; каждое многоточие замените:

*а*) существительным, образованным с помощью суффикса ־הײט.

| | | | |
|---|---|---|---|
| дитя | דאָס קינד | детство | די קי'נדהייט |
| человек | דער מענטש | человечество | ... |
| равный | גליַיך | равенство | די גליַי'כהייט |
| свободный | פֿריַי | свобода | ... |
| красивый | שיין | красавица | ... |

*б*) то же – при помощи суффикса ־קייט.

| | | | |
|---|---|---|---|
| ясный | קלאָר | ясность | די קלאָ'רקייט |
| больной | קראַנק | болезнь | די קראַ'נקייט |
| сладкий | זיס | сладость | ... |

| | | | |
|---|---|---|---|
| высокий | הויך | высота | ... |
| красивый | שיין | красота | ... |
| готовый | גרייט | готовность | ... |
| благородно | איידל | благородство | ... |
| точный | פּי'נקטלעך | точность | ... |
| человечный | מע'נטשלעך | человечность | ... |

Суффикс שאַפֿט– образует *существительные*
1) с отвлечёнными значениями *состояния,* отношения между людьми. Например:

דער פֿרײַנד „друг" — די פֿרײַ'נדשאַפֿט „дружба";

2) *собирательного* значения, „коллектива людей", например:

דער אַ'רבעטער „рабочий" — די אַ'רבעטערשאַפֿט „трудящиеся";

3) с некоторыми другими значениями, например:

לײַדן „страдать" — די לײַ'דנשאַפֿט „страсть".

Все существительные с суффиксом שאַפֿט– *женского* рода. Во множественном числе они получают суффикс ן–, например:

די לײַ'דנשאַפֿט „страсть" — די לײַ'דנשאַפֿטן „страсти" *(мн. ч.)*

**Задание 8.** Перепишите слова с переводом, вместо многоточия поставьте существительное с суффиксом שאַפֿט–.

| | | | |
|---|---|---|---|
| отец | דער פֿאָ'טער | отцовство | די פֿאָ'טערשאַפֿט |
| мать | די מו'טער | материнство | ... |
| друг | דער פֿרײַנד | дружба | ... |
| товарищ | דער חבֿר | товарищество *(дружба)* | ... |
| брат | דער ברו'דער | братство | ... |
| учитель | דער לע'רער | учительство *(коллектив)* | ... |
| читатель | דער ליי'ענער | читатели *(коллектив)* | ... |
| человек *(личность)* | דער מאַן | личный состав, команда | ... |
| знание | דאָס וויסן | наука *(система знаний)* | ... |

**Задание 9.** Выпишите новые слова из раздела „Словообразование" в словарные тетради и на карточки.

**Задание 10*.** Разбейте следующие 20 слов на 10 пар – антонимов (т. е. слов, противоположных по значению).

1) מי'נדלעך, 2) ע'רשטער, 3) געזו'נט, 4) שרי'פֿטלעך, 5) ע'פֿענען, 6) לע'צטער, 7) הייס, 8) פֿרי, 9) קראַנק, 10) שפּעט, 11) צו'מאַכן, 12) קאַלט, 13) פֿריי'לעך, 14) קו'מען, 15) טרוי'עריק, 16) אַנטלוי'פֿן, 17) הימל, 18) פֿרייד, 19) ערד, 20) טרוי'ער.

**Задание 11.** Разбейте следующие 12 слов на 6 пар – синонимов (близких по значению слов).

1) ווו'נדערלעך, 2) קלאָר, 3) פֿריי'לעך, 4) געביײַ', 5) אַ סך, 6) הויז, 7) מאַכן, 8) פֿיל, 9) העל, 10) זיי'ער שיין, 11) לו'סטיק, 12) טאָן.

**Задание 12.** *а)* Прочитайте ещё раз текст и ответьте на следующие вопросы, используя формулировки из текста.

*б)** Напишите номера вопросов и рядом номера предложений, содержащих ответы на данный вопрос.

1) ווי הייסט דער טעקסט?
2) וויפֿל געני'טונגען האָט מען געדאַ'רפֿט מאַכן?
3) ווי אַזוי' האָט מען געדאַ'רפֿט דו'רכשטודירן די גראַמאַ'טיק?
4) ווו האָט דער תּלמיד געפֿו'נען דעם באַטײַ'ט פֿון די נײַ'ע ווע'רטער?
5) וואָס האָט ער געמאַ'כט נאָך דעם ווי ער האָט געמאַ'כט די געני'טונגען?
6) וואָס האָט ער געמאַ'כט, איי'דער (прежде чем) ער האָט געמאַ'כט די געני'טונגען?
7) וואָס האָט ער געמאַ'כט, איי'דער ער האָט צונוי'פֿגעשטעלט די דערציי'לונג מיט די נײַ'ע ווע'רטער?
8) וואָס פֿאַר אַ געני'טונגען האָט ער געמאַ'כט נאָך דעם ווי ער האָט אי'בערגעזעצט דעם טעקסט?
9) ווי אַזוי' האָט ער אײַ'נגעחזרט (אײַ'נחזרן [а'йнхазэрн] – выучить) די נײַ'ע ווע'רטער?
10) וווהי'ן האָט ער אַרײַ'נגעשריבן די נײַ'ע ווע'רטער?
11) צי האָט ער אויך אי'בערגעזעצט פֿון רו'סיש אויף ייִ'דיש?

**Задание 13.** Прочитайте и затем перескажите текст, заменив подлежащее איך „я" на ער „он" (например, вместо איך האָב אוי'פֿגע–מאַכט מײַן העפֿט читайте ער האָט אוי'פֿגעמאַכט זײַן העפֿט и т. д.).

**Грамматика:** Глагол. Общепрошедшее время от глаголов с приставками и от глаголов с суффиксом ־ירן.
**Текст:** און דער פּאַרטיזאַן האָט דערציי׳לט
**Словообразование:** Основные значения глагольных приставок ־אַנט, ־באַ, ־דער.

# ГРАММАТИКА

## ГЛАГОЛ

### Общепрошедшее время с приставками и от глаголов с суффиксом ־ירן

> Партицип от глаголов с неотделяемыми (безударными) приставками ־אַנט, ־באַ, ־דער, ־פֿאַר, ־צע, а также от глаголов, оканчивающихся на суффикс ־ירן, образуется без приставки ־גע.

| Общепрошедшее время | Партицип | Неопределённая форма |
|---|---|---|
| קאָלו׳מבוס האָט אַנטדע׳קט אַמע׳ריקע. | אַנט–דע׳ק–ט | אַנט–דע׳ק–ן |
| ער האָט באַצאָ׳לט צוויי רובל. | באַ–צאָ׳ל–ט | באַ–צאָ׳ל–ן |
| ער האָט דערציי׳לט וועגן זיך. | דער–ציי׳ל–ט | דער–ציי׳ל–ן |
| מיר האָבן פֿאַרטיי׳דיקט דאָס לאַנד. | פֿאַר–טיי׳דיק–ט | פֿאַר–טיי׳דיק–ן |
| מיר האָבן אָרגאַניזי׳רט אַן אָוונט. | אָרגאַניז–י׳רט | אָרגאַניז–י׳רן |
| איך האָב טעלעגראַפֿי׳רט. | טעלעגראַפֿ–י׳רט | טעלעגראַפֿ–י׳רן |

**Задание 1*.** Образуйте партицип от известных вам глаголов (вспомните их перевод!).
1) באַרי׳רן, 2) באַדאַ׳נקען, 3) באַשטע׳לן, 4) באַדע׳קן, 5) פֿאַרדע׳קן, 6) דערקע׳נען, 7) דערמאָ׳נען, 8) פֿאַרטיי׳דיקן, 9) געדע׳נקען, 10) פֿאַר–ע׳פֿנטלעכן, 11) צעהאַ׳קן, 12) דעמאָנסטרי׳רן, 13) מאַרשי׳רן.

**Задание 2*.** *а)* Образуйте партицип от глаголов: 1) באַרױ'בן „ограбить"; 2) פֿאַרשקלאַ'פֿן „поработить"; 3) צעשטע'רן „разрушать"; 4) פֿאַר־מאַ'כן „закрыть"; 5) באַגײַ'סטערן „воодушевлять"; 6) באַפֿרײַ'ען „освобождать"; 7) צעקלאַ'פּן „разбить"; 8) פֿאַרפֿאָ'לגן „преследовать"; 9) באַ־גרי'סן „приветствовать"; 10) באַזו'כן „посещать".

*б*) Переведите предложения.
1) די פֿאַשי'סטן האָבן באַרױ'בט און פֿאַרשקלאַ'פּט דאָס פֿאָלק. 2) זײ האָבן צעשטע'רט די עקאָנאָ'מיע, פֿאַרמאַ'כט די שולן און אוניווערסיטע'טן. 3) דער קאַמף פֿון דער סאָוועטישער אַרמײ' האָט באַגײַ'סטערט דאָס פֿאָלק צום קאַמף קעגן די פֿאַשי'סטן. 4) די סאָוועטישע אַרמײ' האָט באַפֿרײַ'ט או'נדזער לאַנד, פֿאַרפֿאָ'לגט דעם שונא [со'йнэ] און צעקלאַ'פּט זײַן אַרמײ'. 5) די פֿע'לקער פֿון דער גאַ'נצער װעלט האָבן באַגרי'סט די הע'לדישע סאָוועטישע אַרמײ'.

## ЧТЕНИЕ

**Задание 3*.** Прочитайте текст. Обратите внимание на формы прошедшего времени. Переведите текст, используя прилагаемый список новых слов и пояснения к тексту.

1) ...און דער פּוי'לישער ייִד, דער פּאַרטיזאַ'ן, האָט דערצײי'לט: 2) „אַז די הי'טלער־פֿאַשיסטן האָבן פֿאַרכאַ'פּט פּוילן, 3) האָבן זײ גלײַך אײַ'נגעשטעלט זײ'ער „נײַ'ע אָ'רדענונג". 4) זײ האָבן קודם־כּל באַרױ'בט און פֿאַרשקלאַ'פּט דאָס פֿאָלק, צעשטע'רט די עקאָנאָ'מיע, פֿאַרמאַ'כט די שולן און אוניווערסיטע'טן, דערהרגעט [дэрhа'ргэт] צע'נדליקער טוי'זנטער בי'רגער, או'מגעבראַכט די אינטעליגע'נץ, פֿאַרסמט [фарса'мт] די לופֿט מיט ראַ'סנהאַס. 5) מיט חיהשער [ха'йишэр] רציחה [рэци'хэ] האָבן זײ פֿאַרפֿאָ'לגט די ייִ'דישע באַפֿע'לקערונג. 6) הע'כער דרײַ הו'נדערט טוי'זנט פּוי'לישע ייִדן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף מיזרח [ми'зрэх] אין די געגנטן פֿון מערבֿ־אוקראַי'נע [май'рэв-] און מערבֿ־ווײַ'סרוסלאַנד. 7) דער ראַ'טן־פֿאַרבאַנד האָט זײ אַלע אוי'פֿגענומען און געראַ'טעוועט פֿון או'מקום. 8) אָ'בער מיליאָ'נען ייִדן זײַ'נען געבלי'בן אי'נעם אָקופּי'רטן פּוילן. 9) די פֿאַשי'סטן האָבן זײ פֿאַרשפּאַ'רט אין ע'נגע שמו'ציקע גע'טאָס און קאָנצלאַ'גערן, מיליאָ'נען מענטשן פֿאַרברע'נט אין קרעמאַטאָ'ריעס. 10) יע'דער פּרוּוו פֿון אַ ווי'דערשטאַנד, די הע'לדישע אוי'פֿשטאַנדן אין די גע'טאָס פֿון װאַ'רשע און אין אַ'נדערע שטעט, האָבן זײ דערטרו'נקען אין טײַכן בלוט. 11) זײ האָבן בלו'טיק פֿאַרפֿאָ'לגט יעדן פּאַטריאָ'ט און אַנטיפֿאַשי'סט. 12) און זײ האָבן שוין טאַ'קע געמײי'נט, אַז זײ האָבן דערשטי'קט די פֿרײַ'הייט און פֿאַרווי'רקלעכט זײ'ער בלו'טיקן טרוים פֿון אַ „טוי'זנטיאָריקן רײַך".

13) אָ'בער אין גי'כן האָבן זײ זיך אי'בערצײַגט, אַז דאָס איז בלויז אַ פּו'סטער חלום [хо'лэм], און זײ האָבן זיך בלו'טיק אַנטוי'שט. 14) דער הע'לדישער קאַמף פֿון דער סאָוועטישער אַרמײ' האָט אויך אונדז באַגײַ'סטערט צום קאַמף קעגן די

פֿאַשי'סטן. 15) מיר האָבן זיך פֿאַראיי'ניקט אין פּאַרטיזאַ'נישע אָטריאַ'דן – פּאָליאַ'קן און ייִדן, אוקראַיִ'נער און ווײַ'סרוסן. 16) מיר האָבן צעשטע'רט אײַ'זנבאַן־ליניעס, פֿאַרברע'נט געווע'ר־סקלאַדן, מיר זײַ'נען אָנ'געפֿאַלן אויף פֿאַשי'סטישע גאַרניזאָ'נען און האָבן באַפֿרײַ'ט אַרעסטי'רטע בי'רגערס און מלחמה־געפֿאַנגענע. 17) וואָס נע'ענטער דער פֿראָנט, אַלץ שטאַ'רקער האָט זיך צעפֿלאַ'קערט דער קאַמף...

18) און אַט האָבן מיר דערלע'בט די גליי'קלעכע שעה [шо] – 19) די סאָווע'טישע אַרמיי' און די פּוי'לישע קאָסטיו'שקאָ־דיוויזיע האָבן פֿאַריאָ'גט די הי'טלער־אַרמיי או'סער די גרע'נעצן פֿו'נעם ראַ'טן־פֿאַרבאַנד און האָט אויך או'נדזער לאַנד באַפֿרײַ'ט פֿון דעם פֿאַשי'סטישן קאָשמאַ'ר. 20) מיט גרוי'סער פֿרייד האָבן מיר באַגריי'סט או'נדזערע באַפֿרײַ'ערס. 21) אין די ריי'ען פֿון דער פּוי'לישער קאָסטיו'שקאָ־דיווי'זיע האָב איך זיך ווײַ'טער באַטיי'ליקט אין דער באַפֿרײַ'ונגס־מלחמה קעגן דעם היטלערי'זם. 22) אין בלו'טיקע שלאַכטן האָבן די אַלייִ'רטע ברי'דער־אַרמייען צעקלאַ'פּט דעם שונא [со'йнэ], פֿאַרפֿאָ'לגט אים ביז סאַ'מע בערלי'ן און דערשטי'קט די פֿאַשי'סטישע חיה [ха'йэ] אין איר הייל – אין בערלי'ן. 23) הײַנט פֿאַרשטיי'ט איר שוין, וואָס באַטײַ'ט פֿאַר מיר דער טאָג פֿו'נעם זיג אי'בער הי'טלער־דײַטשלאַנד!...“

## *Пояснения к тексту*

7) האָט אוי'פֿגענומען принял;
8) זײַ'נען געבליי'בן остались;
10) האָבן דערטרו'נקען потопили;
12) “טוי'זנטיאָריקן רײַך„ „тысячелетний рейх” – гитлеровская идея о создании германской империи на тысячелетия;
16) מיר זײַ'נען אָ'נגעפֿאַלן אויף פֿאַשי'סטישע גאַרניזאָ'נען мы нападали на фашистские гарнизоны;
21) קאָסטיו'שקאָ־דיוויזיע дивизия имени Тадеуша Костюшко, организованная польскими патриотами на территории СССР и воевавшая вместе с Советской армией во время Великой Отечественной войны против гитлеровских захватчиков.

| **Новые слова** | **נײַע ווערטער** |
|---|---|
| отправиться в путь | א אַווע'קלאָזן זיך (האָט זיך אַווע'קגעלאָזט) |
| 1. кроме; 2. вне | אוי'סער |
| принимать *(гостей и т. п.)* | אוי'פֿנעמען (האָט אוי'פֿגענומען) |
| восстание | אוי'פֿשטאַנד דער (ן) |
| губить; уничтожать | או'מברענגען (האָט או'מגעבראַכט) |
| гибель | או'מקום דער |

| | | |
|---|---|---|
| убеждать(ся) | אי’בערצײַגן (זיך) (האָט (זיך) אי’בערצײַגט) | |
| железная дорога | אײַ’זנבאַן די (ען) | |
| устанавливать | אײַ’נשטעלן (האָט אײַ’נגעשטעלט) | |
| вскоре | אין גי’כן | |
| разочаровывать(ся) | אַנטוי’שן (זיך) (האָט (זיך) אַנטוי’שט) | |
| нападать *(на)* | אָ’נפֿאַלן (איז אָ’נגעפֿאַלן) | |
| порядок; строй | אָ’רדענונג די (ען) | |
| арестованный | אַרעסטי’רטער דער (מ״צ אַרעסטי’רטע) | |
| означать; иметь значение | באַטײַ’טן (האָט באַטײַ’ט) | ב |
| участвовать | באַטיי’ליקן זיך (האָט זיך באַטיי’ליקט) | |
| население | באַפֿע’לקערונג די | |
| освобождение | באַפֿרײַ’ונג די | |
| освобождённый | באַפֿרײַ’ט | |
| освободитель | באַפֿרײַ’ער דער (ס) | |
| гражданин | בי’רגער דער (ס) | |
| кровь | בלוט דאָס | |
| кровавый | בלו’טיק | |
| оружие | געווע’ר דאָס | ג |
| гетто | גע’טאָ די (ס) | |
| пленный | געפֿאַ’נגענער דער (מ״צ געפֿאַ’נגענע) | |
| граница | גרע’נעץ די (ן) | |
| убить | דערהרגענען (האָט דערהרגעט) [дэр-ha'ргэнэн] | ד |
| утопить; потопить | דערטרי’נקען (האָט דערטרו’נקען) | |
| дожить *(до)* | דערלע’בן (האָט דערלע’בט) (ביז) | |
| подавить; (за)душить | דערשטי’קן (האָט דערשטי’קט) | |
| юг | דרום דער [до'рэм] | |
| ненависть | האַס דער | ה |
| берлога, пещера; *зд.* логово | הייל די (ן) | |
| сегодня | הײַנט[1] | |
| итак; следовательно | הײַנט[2] | |
| свыше *(больше)* | הע’כער | |
| сопротивление | ווי’דערשטאַנד דער | ו |
| далёкий | ווײַ’טער[1] *прил. м. р.* | |
| дальше | ווײַ’טער[2] *нареч. сравн. степени* | |
| белорус | ווײַ’סרוס דער (ן) | |
| зверь | חיה די (־ות) [ха'йэ] | ח |
| зверский, звериный | חיִיש [ха'йиш] | |
| сновидение; мечта, химера, иллюзия | חלום דער (ות) [хо'лэм-хало'ймэс] אַ פּו’סטער חלום | |
| действительно, в самом деле | טאַ’קע | ט |
| тысячелетний | טוי’זנטיאָריקער | |

| | | |
|---|---|---|
| | טרוים דער | мечта |
| י | יעדער | каждый, каждая, каждое |
| ל | לופֿט די | воздух |
| מ | מיזרח דער [ми'зрэх] | восток |
| | מיי'נען (האָט געמיי'נט) | думать *(полагать)* |
| | מערבֿ דער [ма'йрэв] | запад |
| נ | נע'ענטער | ближе |
| | וואָס נע'ענטער | чем ближе |
| ס | סאַ'מע | самый |
| ע | ענג | узкий, тесный |
| פּ | פּוילן דאָס | Польша |
| | פּרוּוו דער (ן) | попытка, проба |
| פֿ | פֿאַרברע'נען (האָט פֿאַרברע'נט) | сжигать |
| | פֿאַרווי'רקלעכן (האָט פֿאַרווי'רקלעכט) | осуществлять |
| | פֿאַריאָ'גן (האָט פֿאַריאָ'גט) | прогонять, изгонять |
| | פֿאַראיי'ניקן (זיך) (האָט (זיך) פֿאַראיי'ניקט) | объединять(ся) |
| | פֿאַרכאַ'פּן (האָט פֿאַרכאַ'פּט) | захватить |
| | פֿאַרסמען [фарса'мэн] (האָט פֿאַרסמט) | отравлять |
| | פֿאַרשפּאַ'רן (האָט פֿאַרשפּאַ'רט) | запирать *(в)*, загонять *(в)* |
| | פֿרייד די (ן) | радость |
| צ | צע'נדליק דער (ער) | десяток |
| | צעפֿלאַ'קערן זיך (האָט זיך צעפֿלאַ'קערט) | разгораться |
| | צפֿון דער [цо'фн] | север |
| ק | קודם־כּל [ко'йдэмкол] | прежде всего |
| | קעגן | против |
| ר | ראַ'טן־פֿאַרבאַנד דער | Советский Союз |
| | ראַ'טעווע\|ן (האָט געראַ'טעוועט) | спасать; спасти |
| | ראַ'סנהאַס דער | расовая ненависть |
| | ריי די (ען) | ряд |
| | רציחה די [рэци'хэ] | 1. злодейство; 2. жестокость |
| ש | שטאַ'רקער | сильнее |
| | אַלץ שטאַרקער | всё сильнее |
| | שלאַכט די (ן) | битва, бой, сражение |
| | שמו'ציק | грязный |

**Задание 4.** Прочитайте ещё раз текст и *а*) Устно ответьте на следующие вопросы; *б*)* Запишите номера вопросов и рядом укажите номера предложений, содержащих ответ на данный вопрос.

1) ווּהי'ן האָבן זיך אַווע'קגעלאָזט הע'כער 300000 פּוי'לישע ייִ'דן?

2) וואָס האָט באַגײַ'סטערט די באַפֿע'לקערונג צום קאַמף קעגן די פֿאַשי'סטישע אָקופּאַ'נטן?

6*

3) ווע'מען האָבן פֿאַרפֿאָ'לגט די פֿאַשי'סטן?
4) וויפֿל פּוי'לישע ייִדן האָט געראַ'טעוועט דער ראַ'טן־פֿאַרבאַנד פֿון או'מקום?
5) ווי האָט די באַפֿרײַ'טע באַפֿע'לקערונג באַגרי'סט די סאָווע'טישע אַרמיי'?
6) ווי האָבן די פֿאַשי'סטן רעאַגי'רט אויף יעדן פּרוּוו פֿון ווי'דערשטאַנד?

# СЛОВООБРАЗОВАНИЕ

## ОСНОВНЫЕ ЗНАЧЕНИЯ ПРИСТАВОК –אַנט, –באַ, –דער

Приставка –באַ образует *глаголы:*

*а*) от основы существительного или прилагательного, обозначающие *снабжение* тем, что названо в основе, сравните:

דאָס גליק „счастье" и באַ–גלי'קן „осчастливить";

די גרע'נעץ „граница" и באַ–גרע'נעצן „ограничивать";

נײַ „новый" и באַ–נײַ'–ען „обновлять";

*б*) от основ глаголов, причём придаёт исходному глаголу значение действия, нацеленного на *всесторонний охват* предмета. Сравните:

קוקן „смотреть" и באַ–קו'קן „осматривать";

שרײַבן „писать" и באַ–שרײַ'בן „описывать".

**Задание 5.** Руководствуясь значением основного слова, образуйте производный от него глагол с помощью приставки –באַ.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| а) | דאָס גלאָז | стекло | остеклить | באַגלאָ'ז–ן |
| | דאָס קלייד | одежда | одевать | ... ן |
| | דער לוין | награда | награждать | ... ען |
| | פֿרײַ | свободный | освобождать | ... ען |
| | גרין | зелёный | озеленить | ... ען |
| | העל | светлый | осветить | ... ן |
| | רו'יִק | спокойный | успокоить | ... ן |
| б) | וואַשן | мыть | обмывать | באַוואַ'שן |
| | טראַכטן | думать | обдумывать | ... |
| | דינען | служить | обслуживать | ... |
| | אַ'רבעטן | работать | обрабатывать | ... |
| | רעדן | говорить | обговаривать | ... |
| | קלעפּן | клеить | оклеивать | ... |

Приставка –אַנט в противоположность приставке –באַ (см. выше) вносит значение *лишения* чего-либо, *освобождения* от чего-либо, *удаления*.

Приставка ־אַנט образует *глаголы*

*а*) от существительных и прилагательных. Сравните:

דער שקלאַף „раб" и אַנט־שקלאַ'פֿ־ן „раскрепостить"; מו'טיק „мужественный" и אַנט־מו'טיק־ן „обескуражить", „лишить мужества".

Сравните также противоположные значения глаголов с ־אַנט и с ־באַ в сопоставляемых парах:

וואָפֿן „оружие" – באַוואָ'פֿענען „вооружать" – אַנטוואָ'פֿענען „разоружать";
וואַ'סער „вода" – באַוואַ'סערן „обводнить" – אַנטוואַ'סערן „обезводить";
וואַלד „лес" – באַוואַ'לדן „засадить лесом" – אַנטוואַ'לדן „обезлесить".

*б*) от других глаголов:

לויפֿן „бегать" и אַנט־לוי'פֿן „убежать";
דעקן „крыть" и אַנט־דע'קן „открывать".

Зачастую приставка ־אַנט придаёт глаголу значение *начала* действия, возникновения, развёртывания. Сравните:

שטיין „стоять" и אַנט־שטיי'ן „возникнуть";
ווי'קלען „вить" и אַנט־ווי'קלען „развить".

Приставка ־דער придаёт глаголу значение достижения намеченного или необходимого *предела, результата*. Сравните:

זען „видеть" и דער־זע'ן „увидеть";
טראָגן „носить" и דער־טראָ'גן „донести до...".

**Задание 6.** Руководствуясь значением основного слова, образуйте производный от него глагол с помощью приставки ־דער.

| | | | |
|---|---|---|---|
| צאָלן | платить | доплатить | דערצאָ'לן |
| יאָגן | гнать | догонять | ... |
| לעבן | жить | дожить | ... |
| פֿירן | вести | доводить | ... |
| אַ'רבעטן | работать | доработать | ... |
| וואַקסן | расти | дорасти | ... |
| ליי'ענען | читать | дочитать | ... |

**Задание 7.** Выпишите новые слова из раздела „Словообразование" в словарные тетради и на карточки.

**Грамматика:** Глагол. Общепрошедшее время от нерегулярных глаголов. Партицип с суффиксом ן(ע)–. Вспомогательный глагол прошедшего времени זײַן
**Текст:** פּראָנט־חבֿרים

# ГРАММАТИКА

## НЕРЕГУЛЯРНЫЕ ГЛАГОЛЫ

В идише имеется относительно небольшая группа так называемых нерегулярных глаголов *. С некоторыми из них вы уже встретились в тексте предыдущего урока. Прочитайте ещё раз эти предложения, вспомните их перевод; обратите внимание на формы прошедшего времени, на суффикс партиципа, на вспомогательный глагол.

7) דער ראַ'טן־פֿאַרבאַנד האָט זיי אַ'לע או'ספֿגענומען און געראַ'טעוועט פֿון או'מקום.

8) ... מיליאָ'נען ייִדן זײַ'נען געבלי'בן אי'נעם אָקופּי'רטן פּוילן.

10) יע'דער פּרוּוו פֿון אַ ווי'דערשטאַנד ... האָבן זיי דערטרו'נקען אין טײַכן בלוט.

16) מיר ... זײַ'נען אָנ'געפֿאַלן אויף פֿאַשי'סטישע גאַרניזאָ'נען.

Как следует из этих примеров, нерегулярным глаголам присущи следующие особенности:

I. В отличие от большинства глаголов нерегулярные глаголы образуют партицип не с помощью суффикса ט–, а *с помощью суффикса* ן(ע)–. Сравните партиципы от регулярных глаголов: געזאָ'ג–ט, געמאַ'כ–ט, געראַ'טעווע–ט и от нерегулярных глаголов: או'פֿגענומ–ען, געבלי'ב–ן, דערטרו'נק–ען, אָ'נגעפֿאַל–ן.

**Задание 1*.** Укажите номера только тех форм прошедшего времени, которые образованы от нерегулярных глаголов.

1) ער האָט געליי'ענט. 2) זי האָט געשרי'בן. 3) מיר האָבן געאַ'רבעט. 4) זיי האָבן געזו'נגען. 5) איך האָב אים געהאָלפֿן. 6) איר האָט געבוי'ט. 7) דו האָסט

---

* В грамматиках их называют также „сильными глаголами” или „глаголами сильного спряжения”.

פֿאַרשטאַ'נען. 8) זיי זײַ'נען געלאָ'פֿן. 9) ער איז געבליבן דאָרט. 10) זי איז דאָ געזע'סן.

II. При образовании партиципа от нерегулярных глаголов часто изменяется корень глагола. Сравните, например, звучание корня в неопределённой форме и в партиципе следующих глаголов:

| **Неопределённая форма** | **Партицип** | **Изменения в корне** |
|---|---|---|
| נע'מ–ען | גע–נו'מ–ען | -ע- → -ו- |
| בלײַב–ן | גע–בלי'ב–ן | -ײַ- → -י- |
| דער–טרי'נ–קען | דער–טרו'נק–ען | -י- → -ו- |
| זיצ–ן | גע–זע'ס–ן | -זיצ- → -זעס- |

***Внимание!***

| **Если в неопределённой форме –** | | **– то в партиципе** |
|---|---|---|
| I. -ײַ- [ай] | → | -י- [и] |
| שרײַבן | | געשרי'בן |
| בלײַבן | | געבלי'בן |
| רײַסן | | געריסן |
| II. -ינ- [ин] | → | -ונ- [ун] |
| זי'נגען | | געזו'נגען |
| געפֿי'נען | | געפֿו'נען |
| בינדן | | געבו'נדן |
| III. -אָ- [о] | → | -אָ- [о] |
| טראָגן | | געטראָ'גן |
| שלאָפֿן | | געשלאָ'פֿן |
| פֿאָרן | | געפֿאָ'רן |

**Задание 2*.** Образуйте партицип от следующих нерегулярных глаголов:

1) זי'נגען, 2) רי'נען, 3) שפּרי'נגען, 4) בײַסן, 5) קלי'נגען, 6) שווי'מען, 7) שטײַגן, 8) זי'נקען, 9) גערא'טן, 10) דערשײַ'נען, 11) אָנ'צינדן, 12) ווײַזן, 13) גראָבן, 14) שלאָגן, 15) ראָטן, 16) בײַטן, 17) גלײַכן, 18) טרײַבן, 19) קלײַבן, 20) שווײַגן.

> ***Внимание!*** При образовании партиципа от следующих нерегулярных глаголов изменяются не только гласные, *но и согласные* корня.

| Неопределённая форма | | Партицип | Изменения в корне |
|---|---|---|---|
| זײַן | быть | געװע׳ן | זײַ- → -גע-װע- |
| גײן | идти | געגאַ׳נגען | גײ- → -גאַ׳נג- |
| שטײן | стоять | געשטאַ׳נען | שטײ- → -שטאַ׳נ- |
| זיצן | сидеть | געזע׳סן | זיצ- → -זע׳ס- |
| עסן | кушать | געגע׳סן | עס- → -גע׳ס- |
| לײַדן | страдать | געלי׳טן | לײַד- → -לי׳ט- |
| שנײַדן | резать | געשני׳טן | שנײַד- → -שני׳ט- |
| מײַדן | миновать | געמי׳טן | מײַד- → -מי׳ט- |
| פֿליִ׳ען | летать | געפֿלױ׳גן | פֿלי- → -פֿלױ׳ג- |
| ציִ׳ען | тянуть | געצױ׳גן | צי- → -צױ׳ג- |
| שפּײַ׳ען | плевать | געשפּי׳גן | שפּײַ- → -שפּי׳ג- |
| שרײַ׳ען | кричать | געשרי׳גן | שרײַ- → -שרי׳ג- |

III. Некоторые нерегулярные глаголы образуют прошедшее время не с помощью вспомогательного глагола האָבן, а с помощью вспомогательного глагола זײַן.

Приведём для примера формы прошедшего времени от глагола בלײַבן (партицип געבלי׳בן) „оставаться”:

| **Прошедшее время** | פֿאַרגאַ׳נגענהײט |
|---|---|
| *Единственное число* | אײ׳נצאָל |
| 1. Я остался. | 1. איך בין געבלי׳בן. |
| 2. Ты остался. | 2. דו ביסט געבלי׳בן. |
| 3. Он остался. | 3. ער איז געבלי׳בן. |
| *Множественное число* | מע׳רצאָל |
| 1. Мы остались. | 1. מיר זײַנען געבלי׳בן. |
| 2. Вы остались. | 2. איר זײַט געבלי׳בן. |
| 3. Они остались. | 3. זײ זײַנען געבלי׳בן. |

Следующие глаголы образуют прошедшее время при помощи вспомогательного глагола זייַן:

| Значение | פּאַרטיצי'פּ | אינפֿיניטי'וו |
|---|---|---|
| оставаться | געבלי'בן | בלייַבן |
| идти | געגאַ'נגען | גיין |
| удаваться | געלו'נגען | געלי'נגען |
| удаваться | געראָטן | געראָ'טן |
| случаться; совершаться | געשען | געשען |
| появляться | דערשי'נען | דערשייַ'נען |
| висеть | געהאַ'נגען | הע'נגען |
| становиться | געוואָ'רן | ווערן |
| быть | געווע'ן (געווע'זן) | זייַן |
| вязнуть, погружаться | געזו'נקען | זי'נקען |
| сидеть | געזע'סן | זיצן |
| ступать | געטראָ'טן | טרעטן |
| бежать | געלאָפֿן | לויפֿן |
| лежать | געלע'גן (געלי'גן) | ליגן |
| падать | געפֿאַלן | פֿאַלן |
| ехать | געפֿאָ'רן | פֿאָרן |
| исчезать | פֿאַרשוווּ'נדן | פֿאַרשווי'נדן |
| летать | געפֿלוי'גן | פֿלי'ען |
| мёрзнуть, зябнуть | געפֿרוי'רן (געפֿראָ'רן) | פֿרירן |
| приходить | געקו'מען | קו'מען |
| лазить, ползать | געקראָכן | קריכן |
| течь | גערו'נען | רי'נען |
| плавать | געשוווּ'מען | שווי'מען |
| умирать | געשטאָ'רבן | שטאַרבן |
| подниматься; возрастать | געשטי'גן | שטייַגן |
| стоять | געשטאַ'נען | שטיין |
| спать | געשלאָפֿן | שלאָפֿן |
| прыгать | געשפרו'נגען | שפרי'נגען |

***Чтобы запомнить*** глаголы, образующие прошедшее время с помощью вспомогательного глагола זייַן, можно использовать следующий приём.

Все эти глаголы делятся по значению на 4 группы:
1) глаголы, обозначающие позицию и положение в пространстве;
2) глаголы, обозначающие передвижение, перемещение;
3) глаголы становления, бытия и исчезновения;
4) четыре глагола с приставкой גע–.

1. ***Глаголы, обозначающие позицию и положение в пространстве***, располагаются в последовательности от бодрствования („стоять”) ко сну („спать”), а именно: 1) стоять –שטיין, 2) сидеть – זיצן, 3) лежать – ליגן, 4) спать – שלאָפֿן и, дополнительно, 5) висеть – הענגען.

2. ***Глаголы, обозначающие „перемену места”*** – в последовательности от глагола обобщённого значения „прибыть” קומען к глаголам, обозначающим различные способы и нарастающие скорости передвижения, а именно: 1) прибыть – קומען, 2) ползти – קריכן, 3) ступать – טרעטן, 4) идти – גיין, 5) бежать – לויפֿן, 6) ехать – פֿאָרן 7) летать – פֿלי׳ען, 8) взмывать, взбираться – שטײַגן, 9) плавать – שווימען, 10) прыгать – שפּרי׳נגען, 11) падать – פֿאַלן, 12) вязнуть, погружаться – זי׳נקען.

3. ***Глаголы, обозначающие процессы становления, бытия и исчезновения***, заучиваются в последовательности от появления („появляться”) к исчезновению („исчезать”), а именно: 1) становиться – ווערן, 2) появляться – דערשײַ׳נען, 3) расти – וואַקסן, 4) быть – זײַן, 5) оставаться – בלײַבן, 6) умирать – שטאַרבן, 7) исчезать – פֿאַרשווי׳נדן.

4. Наконец, *4 глагола с приставкой* גע–: 1) урождаться, удаваться – געראָטן, 2) удаваться – געלינגען, 3) нравиться – געפֿעלן и 4) происходить, совершаться, случаться –געשען.

## Перевод форм прошедшего времени нерегулярных глаголов с помощью словаря

Прошедшее время нерегулярного глагола узнаётся в тексте по партиципу с суффиксом (ע)ן–. Чтобы перевести его с помощью словаря, надо предварительно преобразовать этот партицип в словарную, т. е. неопределённую, форму. Для этого необходимо обратиться к „Таблице нерегулярных глаголов”.

I. *Как найти неопределённую форму от партиципов, помещённых в таблице.*

Глаголы в этой таблице приведены в алфавитном порядке партиципов. Рядом с каждым партиципом указана неопределённая форма и дан перевод.

Глаголы, образующие прошедшее время с помощью личных форм вспомогательного глагола זײַן (איך בין, דו ביסט, ער איז; מיר זײַ׳נען, איר זײַט, זיי זײַ׳נען), имеют дополнительный признак – слово איז. Отсутствие этого слова означает, что данный глагол образует прошедшее время с помощью вспомогательного глагола האָבן (איך האָב, דו האָסט, ער האָט; מיר האָבן, איר האָט, זיי האָבן).

Например:

| Перевод | Неопределённая форма | Партицип |
|---|---|---|
| идти, ходить | גיין | געגאַ'נגען איז |
| есть *(кушать)* | עסן | געגעסן |

Приведённые выше примеры означают, что, встречая в тексте форму בין געגאַ'נגען, надо найти в таблице партицип געגאַ'נגען и в соответствии с указанием в графе „Неопределённая форма" искать в словаре значение слова גיין; этим значением будет „ходить", а вся форма переводится „я шёл". Подобным образом, встретив в тексте דו האָסט געגע'סן, надо искать в словаре неопределённую форму עסן „есть" *(кушать)* (перевод всей формы: „ты ел").

**Задание 3.** Партиципы, выделенные в следующих предложениях, преобразуйте с помощью таблицы в неопределённую форму и укажите их перевод. Например:

*в задании:* ... זײַ'נען **געפֿלױ'גן**

*образец ответа:* פֿלי'ען „летать"

1) מיר זײַ'נען **געפֿלױ'גן**. 2) איך האָב **באַקו'מען** אַ בריוו. 3) מיר זײַ'נען **געווע'ן**
אין איין ווזוואָד אויפֿן פּראָנט. 4) מיר האָבן **צוזאַ'מען געשלאָ'גן** דעם שׂונא. 5) נאָך
דער מלחמה איז מײַן חבֿר **ווי'דער געקו'מען** קיין וואָלגאָ־ גראַ'ד. 6) פֿאַר אונדז
זײַ'נען **געלע'גן** שיי'נע גאַ'סן. 7) סערגיי' האָט מיר **געוויי'זן** דאָס נײַ'ע
וואָלגאָגראַ'ד. 8) מיר האָבן **געטראָ'פֿן** דאָרט נאָך עטלעכע פֿראָנט־חבֿרים. 9) אין
די סקווערן זײַ'נען **געזע'סן** מאַ'מעס מיט קי'נדער. 10) איף דער וואָ'לגע זײַ'נען
**געשוווּ'מען** שיפֿן.

**Задание 4*.** Переведите предложения задания 3 на русский язык.

II. *Как найти неопределённую форму от партиципов с приставочными словами.*

Если перед ‑גע‑ имеется приставочное слово, то следует: 1) отбросить приставочное слово; 2) отыскать по таблице или по словарю неопределённую форму корневого глагола; 3) вновь присоединить к ней приставочное слово и 4) найти в словаре перевод данного глагола.

Например, встретив слово אױ'סגעמיטן, надо отбросить ‑אויס, по оставшейся части געמיטן найти в таблице или в словаре соответствующую форму מײַדן, вновь присоединить ‑אויס и отыскать в словаре перевод слова אױ'סמײַדן („миновать", „избегать кого-либо, что-либо").

| III |  | II |  | I |
|---|---|---|---|---|
| **в словаре** | ← | **в таблице** | ← | **в тексте** |
| миновать אויס + מײַדן | ← | געמי'טן *см.* מײַדן | ← | אױ'סגעמיטן |

**Задание 5.** Используя таблицу нерегулярных глаголов, укажите, какую неопределённую форму надо искать в словаре для перевода выделенных партиципов:

1) מיר האָבן אויסגעהאַלטן אַ'לע אַטאַ'קעס. 2) זיי האָבן אָ'פּגעגעבן דאָס לעבן פֿאַרן גליק פֿון או'נדזער פֿאָלק. 3) מיר זײַ'נען אַרויסגעפֿלויגן קיין מאָ'סקווע. 4) דער ראַ'טן־פֿאַרבאַנד האָט אויפֿגענומען הו'נדערטער טוי'זנטער פּוי'לישע בי'רגערס. 5) דאָס פֿאָלק איז אויפֿגעשטאַנען קעגן די פֿאַשי'סטישע באַנדי'טן.

**Задание 6*.** Переведите предложения задания 5 (אויסהאַלטן „выдержать").

III. *Как найти неопределённую форму от партиципов с неотделяемыми приставками.*

Если партицип начинается с одной из неотделяемых приставок –אַנט, –באַ, –דער, –פֿאַר, –צע, то следует: 1) заменить её (мысленно) на –גע и отыскать в таблице (или в словаре) вновь образованный партицип с приставкой –גע; 2) найти неопределённую форму основного глагола; 3) к ней опять присоединить неотделяемую приставку и найти в словаре перевод данного глагола.

| III<br>в словаре | | II<br>в таблице | | I<br>в тексте |
|---|---|---|---|---|
| возникать אַנט + שטיין | ← | שטיין *см.* גע–שטאַנען | ← | אַנטשטאַ'נען |
| описывать באַ + שרײַבן | ← | שרײַבן *см.* גע–שריבן | ← | באַשרי'בן |

**Задание 7*.** Преобразуйте с помощью таблицы следующие партиципы в неопределённую форму.

1) פֿאַרבלי'בן, 2) באַגאָ'סן, 3) באַזו'נגען, 4) באַשטאַ'נען, 5) דערצוי'גן, 6) באַפֿאַ'לן, 7) באַקו'מען, 8) דערשי'נען.

**Задание 8*.** Переведите на русский язык следующие предложения (перевод глаголов смотрите в ключе к заданию 7).

1) ער איז פֿאַרבלי'בן אין קי'עוו. 2) זי האָט באַגאָ'סן די בלו'מען. 3) מאַיאַקאָ'ווסקי האָט באַזו'נגען די רעוואָלו'ציע. 4) די גרו'פּע איז באַשטאַ'נען פֿון צען מענטשן. 5) זי האָט דערצוי'גן פֿינף קי'נדער. 6) די פּאַרטיזאַ'נערס זײַ'נען אָ'נגעפֿאַלן אויף די געווע'רסקלאַדן. 7) מיר האָבן באַקו'מען אַ נײַ'ע אויפֿגאַבע. 8) די צײַ'טונג איז דערשי'נען יעדן טאָג.

> ☞ ***Внимание!*** 1) В идише имеется ряд нерегулярных глаголов, которые без приставок или приставочных слов не употребляются. Они помещены в таблице нерегулярных глаголов наравне с корневыми (сравните: געלי'נגען „удаваться", פֿאַרלי'רן „терять" и др.).
>
> 2) В таблице помещены также те партиципы с суффиксом ט–, корень которых отличается от корня неопределённой формы:
>
> געבראַ'כט – ברע'נגען; געהאַ'ט – האָבן; געוואָלט – וועלן; געוווּ'סט – וויסן.

## ЧТЕНИЕ

**Задание 9*.** Прочитайте и переведите текст. Переведите с помощью таблицы нерегулярных глаголов выделенные формы прошедшего времени. Перевод остальных новых слов дан после текста.

### פֿראָנט־חבֿרים

1) ...ער האָט זיך פֿאַרטראַ'כט און דערנאָ'ך אַנגעהוי'בן זײַן דערציי'לונג:

2) „איך האָב באַקו'מען אַ בריוו. 3) געשרי'בן האָט מיר מײַן פֿראָ'נט־חבֿר סערגיי'. 4) מיר זײַ'נען ביי'דע געווע'ן אין איין ווזוואָד אויפֿן סטאַלינגראַ'דער פֿראָנט. 5) מיר זײַ'נען געווע'ן ווי צוויי ברי'דער. 6) מיר האָבן געגע'סן פֿון איין קאָטיעלאָ'ק, געטרו'נקען פֿון איין פֿליאַ'גע, געשלאָ'פֿן או'נטער איין שינע'ל. 7) צוזאַ'מען האָבן מיר געלי'טן קעלט און הו'נגער, צוזאַ'מען געשלאָ'גן דעם שונא, צוזאַ'מען געפּײַ'ערט דעם זיג.

8) נאָך דער מלחמה איז ער ווי'דער געקו'מען קיין וואָלגאָגראַ'ד. 9) דאָ האָט ער געטראָ'פֿן זײַן צו'קונפֿטיקע פֿרוי און איז שוין געבלי'בן דאָ ווױ'נען.

10) אי'נעם בריוו האָט ער זיך אַפֿילו [афи'лэ] אַ ביסל געביי'זערט: „וויפֿל מאָל האָב איך דיך געבע'טן קו'מען כאָטש אויף ע'טלעכע טעג צו אונדז. 11) וויפֿל מאָל האָב איך דיך גערו'פֿן... 12) צי' דען האָ'סטו, באָרי'ס איסײַ'עוויטש, שוין אַלץ פֿאַרגע'סן, אַלץ, וואָס דאָ איז געווע'ן און געשע'ן?..."

13) ניין, איך האָב גאָ'רנישט נישט פֿאַרגע'סן! ניט די פֿראָ'נט־חבֿרים, ניט די שטאָט, ניט די שרי'דערלעכע און רו'מפֿולע טעג און נעכט פֿון דער שלאַכט... 14) איך האָב געליי'ענט דעם בריוו, און פֿאַר מײַ'נע אויגן איז ווי'דער דערשי'נען דאָס שוי'דערלעכע בילד פֿון דער שלאַ'כטשטאָט:

15) דער שונא האָט זיך ווי אַ ווי'לדע חיה געריסן צו דער וואָ'לגע. 16) ער האָט געוואָ'רפֿן קעגן אונדז אַ פּאָלק נאָך אַ פּאָלק, אַ דיוויזיע נאָך אַ דיוויזיע. 17) אין הימל זײַ'נען געהאַ'נגען אי'בער אונדז טאָג און נאַכט די פֿאַשי'סטישע אַעראָפּלאַ'נען. 18) זיי האָבן געשאָ'טן אויף או'נדזערע קעפּ טוי'זנטער טאָן

באַ'מבעס. 19) די פֿאַשי'סטישע טאַ'נקען, האַרמאַ'טן און קוי'לנוואַרפֿערס האָבן ווי צעיו'שעטע חיות געשפּי'גן מיט פֿײַ'ער און טויט. 20) טײַכן בלוט האָבן זיך געגאָ'סן. 21) די ערד האָט זיך או'נטער אונדז געהוי'דעט און געוואַ'קלט ווי אַ שי'פֿדעק אין שטו'רעם. 22) די שטאָט איז געשטאַ'נען אין פֿלאַ'מען. 23) די הײַ'זער זײַ'נען געלע'גן אין רוי'נען. 24) דער טויט האָט געלוי'ערט פֿון אַלע זײַטן און געשני'טן און געקאָ'סעט אויף לינקס און אויף רעכטס. 25) און די פֿאַשי'סטן האָבן שוין טאַ'קע געמיי'נט, אַז מיר וועלן ניט אוי'סהאַלטן דעם גיהנום [гэ'нэм]... 26) נאָר מיר האָבן אוי'סגעהאַלטן. 27) מיר האָבן געשוואָ'רן: קיין טראָט צוריק! 28) און דעם בלו'טיקן פֿאַשי'סט האָט שוין גאָ'רנישט ניט געהאָ'לפֿן. 29) ער האָט דאָ געבראָ'כן זײַן האַ'לדז־און־נאַ'קן. 30) און מיר זײַ'נען אַוועק פֿאָרוי'ס – באַפֿרײַ'ען או'נדזער לאַנד, אייראָ'פּע און די גאַ'נצע וועלט פֿו'נעם פֿאַרשאָ'לטענעם פֿאַשי'סטישן יאָך. 31) נאָר וויפֿל טײַ'ערע מענטשן האָבן מיר דאָ פֿאַרלאָ'רן. 32) וויפֿל יו'נגע לעבנס זײַ'נען דאָ געבלי'בן, געבלי'בן אויף איי'ביק יונג!... 33) נאָך דער שלאַכט איז פֿון דער שטאָט גאָ'רנישט ניט געבלי'בן – ניט קיין הויז, ניט קיין בוים, ניט קיין הויף, ניט קיין צוים... 34) ווי זשע זעט אויס די שטאָט איצט? 35) בקיצור [бэки'цэр], איך האָב גענו'מען אַ בילע'ט, און דער איל (ИЛ) האָט מיך געבראַ'כט קיין וואָלגאָגראַ'ד. 36) סערגיי' און זײַן משפּחה האָבן מיך באַגע'גנט טאַ'קע ווי אַ לײַ'בלעכן ברו'דער, מיט ברויט און זאַלץ און מיט אַן אָפֿן האַרץ. 37) איך בין געווע'ן בײַ זיי צוויי וואָכן. 38) מיר האָבן דאָרט געטראָ'פֿן נאָך עטלעכע פֿראָ'נט־חבֿרים. 39) די טעג זײַ'נען געגאַ'נגען, די נעכט זײַ'נען געפֿלוי'גן, און מיר האָבן אַלץ גערע'דט, געזו'נגען או'נדזערע אַ'לטע לי'בע פֿראָ'נטלידער...

40) סערגיי' האָט מיר געוויז'ן דאָס נײַ'ע וואָלגאָגראַ'ד. 41) איך האָב די שטאָט ניט דערקע'נט. 42) פֿאַר אונדז זײַ'נען געלע'גן בלי'ענדיקע סקוועראָן און ברייטע שיי'נע פּלע'צער. 43) לענג־אוי'ס די ברייטע גאַסן האָבן זיך געצוי'גן אַליי'ען פֿון גרי'נע ביי'מער און בו'נטע בלו'מען. 44) דאָרט, ווו נאָך דער מלחמה זײַ'נען געווע'ן חורבֿות [ху'рвэс] און רוי'נען, דאָרט זײַ'נען איצט געשטאַ'נען נײַ'ע פֿילשטאָ'קיקע ווױ'נהײַזער. 45) אויף דער וואָ'לגע זײַ'נען געשווו'מען באַ'רזשעס און שיפֿן. 46) אָ'בער זיי זײַ'נען געווע'ן געלאָ'דן ניט מיט באָ'מבעס, סנאַריאַ'דן און טאַ'נקען, נאָר מיט אויטאָמאָבי'לן, קאָמבײַ'נען, תּבֿואה [тву'э] און פֿרוכטן. 47) אין די סקווערן זײַ'נען געזעסן יו'נגע פּאָ'רלעך, מאַ'מעס מיט קי'נדער, באָ'בעס מיט איי'ניקלעך. 48) קי'נדער האָבן זיך געשפּי'לט, געשפּרו'נגען, געלאַ'כט, געזו'נגען. 49) זיי'ערע קי'נדערשע קולות האָבן געקלו'נגען ווי גלע'קעלעך פֿול מיט גליק. 50) און דאָרט, ווו מיר האָבן אַמאָ'ל געגראָ'בן אָקאָ'פּעס, האָט זיך געהוי'בן צום הימל אַ דע'נקמאָל פֿאַר די העלדן, וואָס האָבן דאָ געקע'מפֿט און אָ'פּגעגעבן זיי'ער לעבן פֿאַרן גליק פֿון די קי'נדער, פֿון דער שטאָט, פֿו'נעם לאַנד. 51) מיר האָבן זיי ניט פֿאַרגע'סן. 52) מיר וועלן זיי ניט פֿאַרגע'סן!“

### *Пояснения к тексту*

25) אַז... מיר וועלן ניט אוי'סהאַלטן что мы не выдержим;
46) זיי זײַ'נען געווע'ן געלאָ'דן они были нагружены;
52) מיר וועלן זיי ניט פֿאַרגע'סן мы их не забудем.

## Новые слова

## נײַע ווערטער

> *Внимание!* Указания относительно употребления вспомогательного глагола даются в дальнейшем только при партиципах от глаголов, образующих прошедшее время с помощью זײַן, например, (איז געגאַ'נגען) גיין. Отсутствие איז означает, что прошедшее время от данного глагола образуется с помощью האָבן. Например, (געמאַ'כט) מאַכן – это то же самое, что (האָט געמאַ'כט) מאַכן

| | | |
|---|---|---|
| глаз | אויג דאָס (ן) | א |
| выдержать | אוי'סהאַלטן (אוי'סגעהאַלטן) | |
| выглядеть | אוי'סזען (אוי'סגעזען) | |
| вечный | איי'ביק | |
| Европа | אייראָ'פּע די | |
| когда-то | אַמאָ'ל | |
| открытый | אָ'פֿענער (אָפֿן) | |
| встречать | באַגע'גענען | ב |
| получать | באַקו'מען | |
| пёстрый | בונט | |
| оба (обе) | ביי'דע | |
| сердиться | ביי'זערן זיך | |
| немного | ביסל: אַ ביסל | |
| цветущий | בליִ'ענדיק | |
| короче говоря | בקיצור [бэки'цэр] | |
| хлеб | ברויט דאָס (ן) | |
| широкий | ברייט | |
| улица | גאַס די | ג |
| ничто | גאָ'רנישט | |
| ад | גיהנום דער (ס) [гэ'нэм] | |
| колокольчик | גלע'קעלע דאָס (ך) | |
| оружие | געווע'ר דאָס | |
| горло; шея | האַלדז דער (הע'לדזער) | ה |
| сломать шею; *(перен.)* потерпеть поражение | האַלדז־און־נאַקן ברעכן (געבראָ'כן) | |
| пушка | האַרמאַ'ט דער (ן) | |
| качать(ся), колебать(ся) | הוי'דען (זיך) ((זיך) געהוי'דעט) | |
| двор | הויף דער (ן/הייף) | |
| качать(ся), шатать(ся) | וואַ'קלען (זיך) ((זיך) געוואַ'קלט) | ו |

| | | |
|---|---|---|
| | וווי'נען (געוווי'נט) | жить, проживать |
| | ווילד | дикий |
| | זאַלץ די | соль |
| | זײַט די (ן) | 1. сторона; 2. бок; 3. страница |
| ז | זשע | же |
| ח | חיה די (־ות) [ха'йэ] | зверь |
| | חורבֿה די (־ות) [ху'рвэ] | развалина *(следы разрушений)* |
| ט | טאָן די (ען) | тонна |
| | טראָט דער (טריט) | шаг |
| י | יאָך דער (ן) | иго |
| כ | כאָטש | хотя бы |
| ל | לוי'ערן | подстерегать |
| | ליב | дорогой, любимый |
| | לײַ'בלעך | родной, кровный |
| | לענג־אוי'ס | вдоль |
| נ | נאַקן דער (ס) | затылок, загривок |
| פּ | פּאָרל דאָס (עך) | парочка *(„он" и „она")* |
| | פּרע'כטיק | прекрасный |
| פֿ | פֿאַרגע'סן (זיך) ((זיך) פֿאַרגע'סן) | забывать(ся) |
| | פֿאַרטראַ'כטן (זיך) ((זיך) פֿאַרטראַ'כט) | задумывать(ся) |
| | פֿאַרשאָ'לטן | проклятый |
| | פֿאָרוי'ס | вперёд |
| | פֿול | полный, наполненный |
| | פֿײַ'ערן | праздновать |
| | פֿלאַם דער (ען) | пламя |
| | פֿראַ'גע די (ס) | вопрос |
| | פֿרוכט די (ן) | плод, фрукт |
| | פֿרוי די (ען) | 1. жена; 2. женщина |
| צ | צו'קונפֿטיק | будущий |
| | צוים די/דער (ען) | 1. ограда; 2. уздечка |
| | צי דען (זשע) | неужели |
| | צעיו'שעט | разъярённый, взбесившийся |
| ק | קאָסען | косить *(траву и т. д.)* |
| | קאָפּ דער (קעפּ) | голова |
| | קוי'לנוואַרפֿער די (ס) | пулемёт |
| | קול דאָס (ות/קולער) [кол-ко'йлэс/кэ'лэр] | голос |
| | קולות די | 1. *мн. ч. от* קול; 2. крики |
| ר | רוי'ן די (ען) | руина |
| | רום דער | слава |
| | רו'מפֿול | славный |
| | רעכטס | справа |

| | | |
|---|---|---|
| ש | שוי׳דערלעך | ужасный |
| | שטאָלץ | гордый |
| | שטו׳רעם דער (ס) | 1. шторм, буря; 2. штурм |
| | שיסן (געשאָ׳סן) | стрелять |
| | שיף די (ן) | корабль |
| | שי׳פֿדעק די (ן) | палуба |
| | שמו׳עסן | беседовать |
| ת | תּבֿואה די (־ות) [тву'э] | зерно, хлеба́ *(на корню)* |

**Задание 10*.** Ответьте на вопросы. Письменно укажите номер вопроса и рядом - номера́ предложений, содержащих ответ на данный вопрос.

1) בײַ װע׳מען איז באָרי׳ס איסײַ׳עװיטש געװען אין װאָלגאָגראַ׳ד?
2) װי האָבן באָרי׳סן באַגע׳גנט זײַן חבֿר סערגײ׳ מיט זײַן משפּחה?
3) װוּ האָבן באָרי׳ס און סערגײ׳ געקעמפֿט קעגן די פֿאַשי׳סטן?
4) װי האָט אױ׳סגעזען די שטאָט נאָך דער שלאַכט?
5) װאָס שטײט דאָרט, װוּ זײ האָבן אַמאָ׳ל געגראָ׳בן אָקאָ׳פּעס?
6) װי זעט אױס די שטאָט איצט?
7) װער זיצט אין די סקװערן?
8) מיט װע׳מען האָט זיך באָרי׳ס נאָך געטראָ׳פֿן אין װאָלגאָגראַ׳ד?
9) פֿאַר װאָס האָבן די העלדן אָ׳פּגעגע׳בן זײ׳ער לעבן?

**Задание 11.** Пользуясь „Таблицей нерегулярных глаголов", выпишите в словарные тетради и в картотеку встретившиеся в тексте нерегулярные глаголы. Образец:

| Перевод | Партицип | Неопределённая форма |
|---|---|---|
| выдержать | (אױ׳סגעהאַלטן) | אױ׳סהאַלטן |
| приказывать | (באַפֿױ׳לן) | באַפֿע׳לן |
| (и так далее...) | | אאַז״װ (און אַזױ װײַטער...) |

**Грамматика:** Глагол. Будущее время.
**Тексты:** 1) די ע'רשטע לי'בע; 2) והיה באחרית הימים
**Словообразование:** Суффиксы прилагательных ־יק, ־דיק, ־יש, ־לעך, ־לאָז, ־ינק, ־יטשק. Приставка או'מ־

# ГРАММАТИКА

## БУДУЩЕЕ ВРЕМЯ

*Форма будущего времени* в идише сходна по структуре с формой сложного будущего в русском языке. Сравните:

| **Будущее время** | **צו'קונפֿט** |
|---|---|
| *Единственное число* | אײנצאָל |
| 1. Я *буду* читать и писать. | 1. איך װעל לײ'ענען און שרײַבן. |
| 2. Ты *будешь* читать и писать. | 2. דו װעסט לײ'ענען און שרײַבן. |
| 3. Он (она, оно) *будет* читать и писать. | 3. ער (זי, עס) װעט לײ'ענען און שרײַבן. |
| *Множественное число* | מערצאָל |
| 1. Мы *будем* читать и писать. | 1. מיר װעלן לײענען און שרײַבן. |
| 2. Вы *будете* читать и писать. | 2. איר װעט לײענען און שרײַבן. |
| 3. Они *будут* читать и писать. | 3. זײ װעלן לײענען און שרײַבן. |

Как видно из примеров, форма будущего времени в обоих языках состоит из двух частей: вспомогательного глагола (в русском – „буду”, в идише – **װעלן**) и основного глагола („писать”, „читать” и т. п., соответственно לײ'ענען, שרײַבן и т. п.). Вспомогательный глагол изменяется по лицам (сравните: „буду”, „будешь” и т. д. и **װעל**, **װעסט**, **װעט**, **װעלן**); основной глагол остаётся во всех лицах без изменения (в неопределённой форме).

> ☞ ***Внимание!*** Во 2-м и 3-м лице единственного числа и во 2-м лице множественного числа вспомогательный глагол **װעלן** не имеет -ל-: **דו װעסט**, **ער װעט**, **איר װעט**.

В устной речи, а также при передаче её в художественной литературе часто используются сокращённо-слитные формы местоимения и вспомогательного глагола: вместо איך וועל – сокращённо כ'וועל или איכ'ל, вместо ער וועט – ר'וועט или ער'ט, вместо מיר וועלן – מיר'ן, вместо איר וועט – איר'ט. Например:

я приду איך וועל קו'מען = כ'וועל קו'מען, איכ'ל קו'מען
он поедет ער וועט פֿאָרן = ר'וועט פֿאָרן, ער'ט פֿאָרן
мы напишем מיר וועלן אָ'נשרײַבן = מיר'ן אָ'נשרײַבן
вы напишете איר וועט אָ'נשרײַבן = איר'ט אָ'נשרײַבן

**Задание 1.** Проспрягайте в будущем времени глаголы в следующих предложениях:

1) איך וועל אַ'רבעטן. 2) איך וועל קויפֿן אַ בוך. 3) איך וועל גיין אין קינאָ.

В зависимости от смысла всего предложения *формы с* וועל- *переводятся* на русский язык формами сложного будущего (типа „буду писать“), или формами простого будущего (типа „напишу“, „пойду“ и т. п.). Сравните:

| | |
|---|---|
| 1) Я *буду писать* тебе очень часто. | 1) איך וועל דיר שרײַבן זיי'ער אָפֿט. |
| 2) Первое письмо я *напишу* завтра. | 2) דעם ערשטן בריוו וועל איך אָ'נשרײַבן מאָרגן. |

Сочетание וועלן с глаголом זײַן „быть” переводится на русский язык одним словом „буду” („будешь” и т. д.). Сравните:

| | |
|---|---|
| 1) Завтра я *буду* у тебя. | 1) מאָרגן וועל איך זײַן בײַ דיר. |
| 2) Когда он *будет* до́ма? | 2) ווען וועט ער זײַן אין דער היים? |

## ЧТЕНИЕ

**Задание 2*.** Прочитайте отрывок из автобиографического романа Шолом-Алейхема „С ярмарки”, в котором автор описывает „сладкие грёзы” тринадцатилетнего мечтателя. Обратите внимание на формы будущего времени, а также на слова, общие для еврейского и русского языков. Переведите текст.

### די ע'רשטע לי'בע

(פֿון שלום־עליכמס „פֿו'נעם יאַרי'ד“. אַדאַפּטי'רט)

1) געהיי'סן האָט זי ראָ'זע. 2) זי איז געווע'ן די איי'נציקע אין שטאָט, וואָס

שפּילט פּיאַ'נע און רעדט פֿראַנצײ'זיש. 3) איר טאַ'טע איז אײ'נער פֿון די רײַ'כסטע ייִדן אין שטאָט, אַ ייִד אַן אַריסטאָקראַ'ט.

4) ראָ'זע האָט געפֿלע'פֿט דאָס האַרץ פֿו'נעם פֿאַרחלומטן [фархо'лэмтн] שלום. 5) ער האָט זיך פֿאַרלי'בט אין דער דאָ'זיקער שולמית [шула'мис] מיטן הײ'ליקן פֿײַ'ער פֿון אַן או'משולדיק ייִנגל. 6) צווישן אי'רע קאַוואַלי'רן איז געווע'ן אײ'נער אַ גלי'קלעכער מיטן נאָ'מען חיים [ха'йэм] פֿרו'כטשטיין. 7) אים האָט די שטאָט געקרוי'נט פֿאַר איר חתן [хосн]. 8) דערפֿאַ'ר געקרוי'נט, ווײַל ער איז אויך אַ זון פֿון אַ נגיד [но'гид]. 9) און ער, פֿרו'כטשטיין, רעדט פֿראַנצײ'זיש, און זי רעדט פֿראַנצײ'זיש, 10) און זי שפּילט פּיאַ'נע, און ער שפּילט פֿידל. 11) און אָ'נגעטאָן איז ער ווי דער גרע'סטער פֿראַנט: 12) שטיבלע'טן לאַקי'רטע און סקרי'פּנדיקע, אַ זשילע'ט אַ ווײַ'סער... 13) און ער, שלום, איז נע'בעך אויף גרוי'סע צרות [цо'рэс]!... 14) און דער או'מגליקלעכער שלום האָט זיך דאָס וואָרט געגע'בן און געשוואָ'רן זיך בײַ דער לבֿנה [лэво'нэ] און שטערן, 15) אַז פֿון הײַנט אָן און ווײַ'טער וועט ער זיך אוי'סלערנען שפּילן אויפֿן פֿידל. 16) און אַז ער וועט מיט זײַן פֿי'דל־שפּילן פֿאַרשטע'קן אין גאַרטל צען אַזע'לכע ווי חיים פֿרו'כטשטיין. 17) און ריידן פֿראַנצײ'זיש וועט ער זיך אוי'סלערנען. 18) און ער וועט נאָך אים, פֿרו'כטשטיינען, אפֿשר [э'фшэр] אַרי'בעריאָגן. 19) און דעמאָלט ערשט וועט ער קו'מען צו איר, צו ראָ'זען, גלײַך אַהײ'ם. 20) און ער וועט איר זאָגן מיטן לשון [лошн] פֿון שיר־השירים [шир-hаши'рим]: 21) קער זיך אוי'ס צו מיר, שולמית, מיטן פּנים [по'нэм] אויף איין ווײַ'לע, 22) און הער זיך אײַ'ן, ווי אַזוי' איך שפּיל אויפֿן פֿידל! 23) און ער וועט געבן אַ פֿיר מיטן סמי'טשיק אי'בער די די'נסטע סטרו'נעס... 24) און שולמית־ראָ'זע וועט דאָס דערהע'רן, וועט זי שטוי'נען, און זי וועט אים פֿרעגן: „פֿון וואַ'נעט?“ 25) וועט ער איר ע'נטפֿערן: „פֿון זיך אַליי'ן“. 26) און חיים פֿרו'כטשטיין וועט שטיין פֿון דער זײַט און וועט גאַפֿן און וועט אים, שלומען, מקנא [мэка'нэ] זײַן. 27) וועט ער וועלן זאָגן ע'פּעס ראָ'זען אויף פֿראַנצײ'זיש, 28) וועט שלום אים אי'בערהאַקן און וועט צו אים זאָגן אויך אויף פֿראַנצײ'זיש: 29) „היט זיך, ר' [рэб] חיים, מיט אײַ'ער לשון, וואָ'רעם איך פֿאַרשטײ' אי'טלעכס וואָרט“. 30) און שולמית־ראָזע וועט אַ פֿרעג טאָן:

31) „דו רעדסט פֿראַנצײ'זיש אויך? פֿון וואַ'נעט?“ 32) וועט איר שלום זאָגן: „פֿון זיך אַליי'ן“. 33) דעמאָלט וועט שולמית־ראָ'זע אוי'פֿשטיין און וועט נע'מען שלומען פֿאַר אַ האַנט און וועט אים זאָגן: „קום!“ 34) וועלן זיי גיין אין צוויי'ען אָפּן שפּאַצי'רן אי'בער די פּערעיאַ'סלאַווער „פּעשעכאָ'דן“ (טראָטואַ'רן) און וועלן ריידן ביי'דע אויף פֿראַנצײ'זיש, 35) און די גאַ'נצע שטאָט וועט טײַ'טלען מיט די פֿי'נגער: „ווער איז דאָס גלי'קלעכע פּאָר?“ 36) וועט מען זיי ע'נטפֿערן: „איר ווייסט ניט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך ראָ'זע מיט איר אוי'סדערווײילטן!“ 37) „ווער זשע איז דער אוי'סדער־ווײילטער?“ 38) „איר אוי'סדערווײילטער – דאָס איז דאָך דער וואָראָנקאָ'ווער בעל־תּנ"ך [бал-тана'х] און כּתבֿא־רבא [ка'свэ-ра'бэ] שלום ראַבינאָ'וויטש...“ 39) און שלום הערט דאָס אַ'לצדינג, און ער גייט ווײַ'טער און ווײַ'טער האַנט בײַ האַנט מיט דער שײ'נער ראָ'זען. 40) און ער זעט אי'רע שײ'נע בלוי'ע אויגן, ווי זיי קוקן אויף אים און לאַכן. 41) און ער פֿילט איר קליין וואַ'רעם הענטל אין זײַן האַנט, 42) און ער הערט, ווי דאָס האַרץ בײַ אים קלאַפּט: טיק־טאַ'ק, טיק־טאַ'ק. 43) און די שטי'וועלעך או'נטער אים האָבן

ווי פֿון זיך אַליי'ן אָ'נגעהויבן צו ריידן: „סקריפּ־סקריי'פּ, סקריפּ־סקריי'פּ.“ 44) און דאָס איז שוין אַ ווו'נדער פֿאַר אים אַליי'ן – פֿון וואַ'נעט האָבן זיי געכאַ'פּט דעם סקריפּ? אויך פֿון זיך אַליי'ן?... 45) און ער קוועטשט מיט ביי'דע פֿיס שטאַרק־שטאַ'רק. 46) און דאָ כאַפּט ער אַ שטורך פֿון זײַן ע'לטערן ברו'דער, מיט וועלכן ער שלאָפֿט אין איין בעט: 47) „וואָס דריי'געסטו מיט די פֿיס ווי אַ לאַ'שיקל?“ 48) און ער כאַפּט זיך אויף – ניט שוין זשע איז דאָס געווע'ן נאָר אַ חלום?...

## *Пояснения к тексту*

4) גע‏פֿלע'פּט דאָס האַרץ пленила сердце (*букв.* поразила сердце);
5) שולמית Суламифь – имя любимой девушки из „Песни Песней“;
12) שטיבלע'טן штиблеты – вид мужских ботинок;
13) און ער ... איז נע'בעך אויף ... צרות он, бедняга, терпит нужду, бедствует;
20) שיר־השירים „Песнь Песней“;
23) וועט געבן אַ פֿיר מיטן סמי'טשיק поведёт смычком;
25), 32) פֿון זיך אַליי'ן сам научился (*букв.* от самого себя);
30) וועט אַ פֿרעג טאָן спросит;
38) דער וואָראָנקאָ'ווער בעל־תּנ"ך און כּתבֿא־רבא воронковский знаток Танаха и каллиграф. Воронко(во) – местечко, где прошло детство Шолом-Алейхема

| **Новые слова** | **נײַע ווערטער** |
|---|---|
| домой | א אַהיי'ם |
| невинный | או'משולדיק |
| избранный | אוי'סדערווײַלט |
| выучить(ся) | אוי'סלערנען (זיך) ((זיך) אוי'סגעלערנט) |
| просыпаться, проснуться | אוי'פֿכאַפּן זיך (זיך אוי'פֿגעכאַפּט) |
| такой | אַזע'לכער |
| *зд.* перебивать *(речь)* | אי'בערהאַקן (אי'בערגעהאַקט) |
| 1. превзойти; 2. перегнать | אי'בעריאָגן (אי'בערגעיאָגט) |
| каждый | אי'טלעך |
| вслушаться | אײַ'נהערן זיך (זיך אײַ'נגעהערט) |
| единственный | איי'נציק |
| вдвоём | אין צוויי'ען |
| всё | אַ'לצדינג |
| называть(ся) | אָ'נרופֿן (זיך) ((זיך) אָ'נגערופֿן) |
| может быть | אפֿשר [э'фшэр] |

| | | |
|---|---|---|
| вмешивать(ся) | אַרײַ'נמישן (זיך) ((זיך) אַרײַ'נגעמישט) | |
| *разг.* глазеть (с изумлением) | גאַפּן | ג |
| пояс | גאַרטל דער (ען) | |
| ведь; всё же; всё-таки | דאָך | ד |
| тонкий | דין | |
| тончайший | דינסט | |
| тогда | דעמאָלט | |
| этот; эта; это | דער דאָ'זיקער; די דאָ'זיקע; דאָס דאָ'זיקע | |
| поэтому, потому | דערפֿאַ'ר | |
| дрыгать; *зд.* брыкаться | דרי'גען (געדרי'געט) | |
| рука | האַנט די (הענט) | ה |
| беречь(ся) | היטן (זיך) ((זיך) געהיט) | |
| святой, священный | הײ'ליק | |
| позади | הינטן: פֿון הינטן | |
| ручка | הענטל דאָס (עך) | |
| тёплый | וואַ'רעם | ו |
| потому что, ибо | וואָ'רעם | |
| потому что, так как | ווײַל | |
| минутка | ווײַ'לע די (ס) | |
| сновидение, сон | חלום דער (ות) [хо'лэм-хало'ймэс] | ח |
| жених | חתן דער (ים) [хосн-хаса'ним] | |
| показывать *(пальцем)* | טײַ'טלען (געטײַ'טלט) | ט |
| спохватиться | כאַפּן זיך (זיך געכאַפּט) | כ |
| жеребёнок | לאָשיעקל דאָס (עך) | ל |
| луна | לבֿנה די (־ות) [лэво'нэ] | |
| язык *(речь)* | לשון דאָס (ות) [лошн-лэшо'йнэс] | |
| больше | מער | מ |
| завидовать | מקנה זײַן [мэка'нэ] (האָט מקנה געווע'ן) | |
| богач | נגיד דער (ים) [но'гид-нэги'дим] | נ |
| струна | סטרו'נע די (ס) | ס |
| смычок | סמי'טשיק דער (עס) | |
| старший | ע'לטער | ע |
| что-либо, что-то | ע'פּעס | |
| только, лишь | ערשט | |
| пианино | פּיאַ'נע די (ס) | פּ |
| ошеломить, поразить | פּלע'פֿן (געפּלע'פֿט) | |
| лицо | פּנים דער/דאָס (ער) [по'ним-пэ'нэмэр] | |
| задумчивый, мечтательный | פֿאַרחלומט [фархо'лэмт] | פֿ |
| влюбить(ся) | פֿאַרלי'בן (זיך) ((זיך) פֿאַרלי'בט) | |
| заткнуть | פֿאַרשטע'קן (פֿאַרשטע'קט) | |

| | | |
|---|---|---|
| | פֿוס דער (פֿיס) | нога |
| | פֿילן (געפֿילט) | чувствовать |
| | פֿי'נגער דער (=) | палец |
| ק | קוועטשן (געקווע'טשט) | давить, нажимать |
| | קורץ | короткий |
| | קלאַפּן (געקלאַ'פּט) | стучать, бить |
| | קרוי'נען (געקרוי'נט) | короновать; *зд.* провозглашать |
| ש | שטוי'נען (געשטוי'נט) | изумляться, поражаться |
| | שטורך דער | толчок |
| | שטיבלעטן מצ. | штиблеты |
| | שטיוול דער (=) | сапог |
| | שטערן דער (=) | звезда |

**Задание 3.** Прочитайте отрывок из пророчества великого пророка Йэшайо'hу (Исайя), в переводе на идиш Йэhойэша. Переведите на русский язык письменно.

די נבֿואה [нэву'э] פֿו'נעם גרויסן נבֿיא [но'ви] ישעיהו [йэшайо'hу]
„והיה באחרית הימים...“ [вэhо'йо бэа'хрис hайо'мим] (ישעיה ב' ב–ד)
(„און עס וועט זײַן אין סוף פֿון די טעג...“)

...און עס וועט זײַן אין סוף פֿון די טעג,
פֿעסט וועט שטיין דער באַרג פֿון גאָטס הויז
הויך אי'בער די בערג,
און דערהוי'בן אי'בער די הייכן.
און אַ'לע פֿע'לקער וועלן צו אים שטראָ'מען.
און פֿיל אומות [у'мэс] וועלן גיין און וועלן זאָגן:
קומט, און לאָ'מיר אַרוי'פֿגיין צום באַרג פֿון גאָט,
צום הויז פֿון דעם גאָט פֿון יעקבֿ [я'нкэв];
און ער וועט אונדז לע'רנען פֿון זײַ'נע וועגן,
און מיר וועלן גיין אין זײַ'נע שטעגן;
ווײַל פֿון ציון [ци'эн] וועט אַרוי'סגיין תּורה [то'йрэ],
און גאָטס וואָרט פֿון ירושלים [йэрушола'им].
און ער וועט מישפּטן [ми'шпэтн] צווישן די פֿע'לקער,
און אַנטשיי'דן אי'בער פֿיל אומות.
און זיי וועלן שמידן זיי'ערע שווערדן אויף אַ'קער־אײַזנס
און זיי'ערע שפּיזן אויף צווײַ'גמעסערס.
אַ פֿאָלק קעגן אַ פֿאָלק וועט ניט אוי'פֿהייבן קיין שווערד,
און מע וועט זיך מער ניט לע'רנען קיין מלחמה.

| Новые слова | ניַ'ע ווע'רטער | |
|---|---|---|
| народ; нация | אומה די (־ות) [у'мэ] | א |
| поднимать | אוי'פֿהייבן (אוי'פֿגעהויבן) | |
| разрешать *(спор);* решать *(судьбу)* | אַנטשיי'דן | |
| плуг | אַ'קער־אײַזן דער (ס) | |
| гора | באַרג דער (בערג) | ב |
| поднят | דערהוי'בן: פּ"פּ פֿון דערהײ'בן | ד |
| поднимать | דערהײ'בן | |
| высокий | הויך | ה |
| высота | הייך די (ן) | |
| путь, дорога | וועג דער (ן) | ו |
| Иерусалим | ירושלים [йерушола'им] | י |
| давайте | לאָ'מיר | ל |
| судить | מישפּטן [ми'шпэтн] | מ |
| конец | סוף דער [соф] | ס |
| народ | פֿאָלק דאָס (פֿע'לקער) | פֿ |
| крепко, прочно; сильно | פֿעסט | |
| садовые ножницы | צווײַ'גמעסער דער (ס) | צ |
| Сион | ציון [ци'эн] | |
| меч; сабля | שווערד די (ן) | ש |
| тропа | שטעג דער (ן) | |
| стремиться, устремляться | שטראָ'מען | |
| ковать | שמידן | |
| копьё; штык | שפּיז די (ן) | |
| 1. Тора; 2. учение | תּורה די | ת |

# СЛОВООБРАЗОВАНИЕ

## СУФФИКСЫ ПРИЛАГАТЕЛЬНЫХ

Суффикс ־יק (с вариантом ־דיק) – наиболее распространённый суффикс, при помощи которого от разных частей речи образуются прилагательные со значением „имеющий характер, свойство того, что названо в корне”. Сравните:

די רו „спокойствие” и רו'–יִק „спокойный”; צוויי „два” и צוויי'–יק „двойственный”; דער יום־טובֿ [йо'нтэв] „праздник” и יום־טובֿ–דיק [йо'нтэвдик] „праздничный”; פֿליסן „течь” и פֿלי'ס–יק „текучий, жидкий”.

**Задание 4.** *а)* Руководствуясь значением исходного слова, образуйте соответствующее прилагательное с суффиксом -יק- и окончанием мужского рода -ער-.

| | | | |
|---|---|---|---|
| דער אָוונט | вечер | вечерний | אָ'וונטיקער |
| הײַנט | сегодня | сегодняшний | ... |
| דער האַרבסט | осень | осенний | ... |
| דאָס האַרץ | сердце | сердечный | ... |
| דער שניי | снег | снежный | ... |
| פֿון לאַנג אָן | издавна | давнишний | לאַנגאָ'ניקער |
| דער טאָג | день | дневной | טאָ'גיקער |
| דאָס ליכט | свет | светлый | ... |
| דאָס אָרט | место | местный | ... |
| דער טרויער | грусть | грустный | ... |
| די פֿרייד | радость | радостный | ... |

*б)* То же – с помощью суффикса - דיק-.

| | | | |
|---|---|---|---|
| דער ווי'נטער | зима | зимний | ווי'נטערדיקער |
| דער זו'מער | лето | летний | ... |
| דער פֿרי'לינג | весна | весенний | ... |
| [цофн] דער צפֿון | север | северный | ... |
| [шо'лэм] דער שלום | мир | мирный | ... |

Суффикс -יש- образует прилагательные со значением „принадлежащий или присущий тому, что названо в корне слова". Сравните:

שטאָט „город" и דער שטאָ'ט–יש–ער פּאַרק „городской парк", דאָס שטאָ'ט–יש–ע לעבן „городская жизнь".

Так же образованы: ייִ'דישער „еврейский", רו'סישער „русский", העֿ'לדישער „героический", קע'מפֿערישער „боевой", קי'נסט־לערישער „художественный".

**Задание 5.** Учитывая значение исходных слов, переведите производные прилагательные.

| | | | |
|---|---|---|---|
| [ха'вэр] חבֿר | товарищ | חבֿרישער | товарищеский |
| פּוי'ער | крестьянин | פּוי'ערישער | . . . |
| פֿראַנצוי'ז | француз | פֿראַנצוי'זישער | . . . |
| היים | дом | היי'מישער | . . . |
| פֿאָלק | народ | פֿאָ'לקישער | . . . |
| ערד | земля | ע'רדישער | . . . |
| באַפֿרײַ'ער | освободитель | באַפֿרײַ'ערישער | . . . |
| טרוי'מער | мечтатель | טרוי'מערישער | . . . |
| קינד | ребёнок | קי'נדישער | . . . |
| דאָרף . | деревня | דאָ'רפֿישער | . . . |

Суффикс ־לעך образует прилагательные:

1) От существительных; прилагательные имеют при этом значение „принадлежащий, свойственный тому, что названо в корне". Сравните: די געגנט „область" и געגנט–לעכ–ער „областной"; דאָס גליק „счастье" и גליק–לעכ–ער „счастливый".

**Задание 6.** Переведите прилагательные, учитывая значение корня:

וויסנשאַפֿט наука — וויסנשאַפֿט–לעכ–ער научный
פּונקט точка, точно — פּינקטלעכער ...
שריפֿט письмо *(письменность)* — שריפֿטלעכער ...
בירגער гражданин — בירגערלעכער ...
שפּראַך язык — שפּראַכלעכער ...
פֿרײַנד друг — פֿרײַנדלעכער ...
יוגנט молодёжь — יוגנטלעכער ...
ברודער брат — ברידערלעכער ...
געזעלשאַפֿט общество — געזעלשאַפֿטלעכער ...

2) От существительных, обозначающих отрезок времени. Прилагательные имеют значение „бывающий, происходящий в течение этого периода". Сравните:

דאָס יאָר год и יערלעכער ежегодный
דער טאָג день и טעגלעכער ежедневный

3) Присоединяясь к основе прилагательного, суффикс ־לעך придаёт ему значение смягчения, ослабления качества, оттенок „несколько", „слегка" (сравните русские прилагательные с суффиксом *-оват-*, *-еват-*). Сравните:

רויט красный и רויטלעכער красноватый
בלוי синий и בלוילעכער синеватый

**Задание 7.** Переведите производные прилагательные от известных вам слов:

1) ווײַסלעכער, 2) שוואַרצלעכער, 3) גרינלעכער, 4) זיסלעכער, 5) אַלטלעכער,
6) ברוינלעכער, 7) הויכלעכער, 8) אָפּטלעכער, 9) שפּעטלעכער,
10) ברייטלעכער, 11) דינלעכער, 12) ראָזלעכער, 13) ענגלעכער,
14) הייסלעכער.

*Примечание.* Если основа исходного прилагательного оканчивается на ־ל [л], то для благозвучия добавляется звук ־ב־ [б]. Сравните: העל–ער „светлый" и הע–ל–ב–לעכ–ער „светловатый"; געל–ער „жёлтый" и געלבלעכער „желтоватый".

Суффикс לאָז- соответствует русской приставке *без- (бес-)*. Сравните: אַ'רבעטס–לאָז–ער „безработный”, האַ'רצלאָזער „бессердечный”.

**Задание 8.** *а)* Переведите прилагательные, образованные от известных вам слов:

1) טאַלאַ'נטלאָזער, 2) רעזולטאַ'טלאָזער, 3) פּערספּעקטי'װלאָזער,
4) אידע'ענלאָזער, 5) פֿאַמי'ליענלאָזער, 6) פֿאָ'רמלאָזער, 7) פּרינצי'פּלאָזער,
8) קלאַ'סנלאָזער, 9) נאָ'מענלאָזער, 10) גרע'נעצלאָזער.

*б)* Руководствуясь значением исходного слова, образуйте соответствующие прилагательные с суффиксом -לאָז-:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אי'נהאַלט | содержание | бессодержательный | אי'נהאַלטלאָזער |
| ערד | земля | безземельный | ... |
| קי'נדער | дети | бездетный | ... |
| היים | дом | бездомный | ... |
| גרע'נעץ | граница | безграничный | ... |
| נאָ'מען | имя | безымянный | ... |
| רום | слава | бесславный | ... |
| שלאָף | сон | бессонный | ... |
| װאַ'סער | вода | безводный | ... |
| קאָלי'ר | цвет | бесцветный | ... |

Суффиксы -ינק- и -יטשק- придают прилагательному уменьшительно-ласкательный оттенок. Сравните:

קליי'ן „мал(ый)” и קליי'נ–ינק „маленький”, קליי'נ–יטשק „малюсенький”; с окончанием –ער – мужского рода:

שיי'נ(ער) „красив(ый)” и שיי'נ–ינק–ער „красивенький”;

יו'נג(ער) „молод(ой)” и יו'נג–יטשק–ער „молоденький”.

Приставка -אומ, подобно русской приставке „*не-*”', придаёт слову противоположное значение. Сравните:

שו'לדיק „виновный” и או'מ–שולדיק „невиновный”; רו'ִיק „спокойный” и או'מ–רוִיק „неспокойный”.

**Задание 9.** Переведите слова с –אומ и с окончанием мужского рода –ער, образованные от известных вам слов.

1) או'מגליקלעכער, 2) או'מרוִיקער, 3) או'מאָנגענעמער, 4) או'מבאַקאַנטער,
5) או'מפֿאַרגעסלעכער, 6) או'מפּראַקטישער, 7) או'מקלאָרער,
8) או'מפֿאַרטײַדלעכער, 9) או'מלאָגישער, 10) או'מפּאָפּולערער, 11) או'מ–
פּראָדוקטיװער, 12) או'מצופֿרידענער, 13) או'מגעװײנלעכער, 14) או'מטעטיקער,
15) או'ממענטשלעכער.

**Задание 10.** Выпишите новые слова из раздела „Словообразование“ в словарные тетради.

**Задание 11.** Прочитайте ещё раз текст „Первая любовь“, Ответьте письменно на следующие вопросы; формулировки берите из текста.

1) אין ווע'מען האָט זיך פֿאַרלי'בט שלום?
2) ווער איז געווע'ן ראָ'זעס טאַ'טע?
3) פֿאַר וואָס האָט די שטאָט געקרוי'נט חיים פֿרו'כטשטיינען פֿאַר ראָ'זעס חתן?
4) וואָס וועט שלום ע'נטפֿערן אויף ראָ'זעס פֿראַ'גע: „פֿון וואַנעט קע'נסטו שפּילן אויף אַ פֿידל און ריידן פֿראַנציי'זיש?“
5) וואָס וועט מען ע'נטפֿערן אויף דער פֿראַ'גע: „ווער זשע איז ראָ'זעס אוי'סדערווײלטער?“
6) פֿאַר וואָס כאַפּט זיך שלום אויף פֿו'נעם שלאָף?
7) וואָס זאָגט צו אים זײַן ע'לטערער ברו'דער?
8) וועגן וואָס טראַכט (о чём думает) שלום, ווען ער האָט זיך שוין אוי'פֿגעכאַפּט פֿון שלאָף?

**Грамматика:** Глагол. Предпрошедшее и предбудущее время. Прилагательные. Краткая и полная форма прилагательных. Склонение прилагательных. Краткое прилагательное и наречие.
**Тексты:** דער יום־טובֿ חנוכּה

# ГРАММАТИКА

## ГЛАГОЛ

### Предпрошедшее время

В идише есть глагольная форма *предпрошедшего* времени. Она означает действие, которое происходило раньше другого действия, совершившегося тоже в прошлом. Употребляется эта форма преимущественно в письменной речи.

1) Когда я пришёл к нему, он *уже закончил* работу (*букв.* „он *уже имел* работу *законченной*, работа у него *была закончена*”).
(1 אַז איך בין געקו'מען צו אים, האָט ער שוין געהאַ'ט פֿאַרע'נדיקט די אַ'רבעט.

2) Всё воскресенье я был свободен: к экзаменам я *уже подготовился*.
(2 דעם גאַנצן זו'נטיק בין איך געווען פֿרײַ: צום עקזאַמען האָב איך זיך שוין געהאַ'ט צו'געגרייט פֿרי'ער.

(פֿאַרע'נדיקן „заканчивать”; זיך צו'גרייטן „подготовиться”)

В каждом из этих предложений речь идёт о двух действиях, происходивших в прошлом:
1) „пришёл” – „закончил”; 2) „был свободен” – „подготовился”.

Глаголы **ער** האָט געהאַ'ט פֿאַרע'נדיקט „он (*уже*) закончил” (***предложение 1***) и איך האָב זיך **שוין** געהאַ'ט **צו'געגרייט** „я *уже подготовился*” (***предложение 2***) стоят в формах предпрошедшего времени, указывающих на то, что работа была закончена (*1*) до „моего прихода” и, соответственно, подготовка к экзаменам завершилась (*2*) до воскресенья.

По своему составу форма *предпрошедшего* времени соответствует формуле: общепрошедшее + געהאַ'ט

| **Предпрошедшее** | **Общепрошедшее** |
| --- | --- |
| פֿרי'ערדיקע פֿאַרגאַ'נגענהײַט | פֿאַרגאַ'נגענהייט |
| איי'נצאָל | איי'נצאָל |
| איך האָב געהאַ'ט געליי'ענט. | איך האָב געליי'ענט. |
| דו האָסט געהאַ'ט געליי'ענט. | דו האָסט געליי'ענט. |
| ער האָט געהאַ'ט געליי'ענט. | ער האָט געליי'ענט. |
| מע'רצאָל | מע'רצאָל |
| מיר האָבן געהאַ'ט געליי'ענט. | מיר האָבן געליי'ענט. |
| איר האָט געהאַ'ט געליי'ענט. | איר האָט געליי'ענט. |
| זיי האָבן געהאַ'ט געליי'ענט. | זיי האָבן געליי'ענט. |

> ***Внимание!*** Форма предпрошедшего времени состоит из трёх глагольных слов:
> 1) личной формы вспомогательного глагола האָבן (т. е. האָב, האָסט, האָט, האָבן);
> 2) слова געהאַ'ט (партиципа от האָבן);
> 3) партиципа основного глагола.

**Задание 1*.** Перепишите следующие предложения, заменив форму общепрошедшего на предпрошедшее:

1) ער האָט געשרי'בן. 2) מיר האָבן געאַ'רבעט. 3) דו האָסט געזו'נגען. 4) זיי האָבן געבוי'ט. 5) זי האָט געטאַ'נצט. 6) איך האָב געזו'כט מײַן חבֿר. 7) איר האָט געמאַ'כט די געני'טונג. 8) דער לע'רער האָט געלע'רנט. 9) די סאָווע'טישע אַרמיי' האָט באַפרײַ'ט או'נדזער לאַנד. 10) די סאָווע'טישע אַרמיי' האָט באַזי'גט דעם פֿאַשי'סטישן שונא.

При образовании *предпрошедшего времени* от глаголов с זײַן вместо партиципа געהאַ'ט может употребляться и געווע'ן, т. е. партицип от זײַן. Сравните два возможных варианта предпрошедшего времени от глагола קו'מען „приходить":

1) איך בין געהאַ'ט געקו'מען = איך בין געווע'ן געקומען
2) דו ביסט געהאַ'ט געקו'מען = דו ביסט געווע'ן געקומען
3) ער איז געהאַ'ט געקו'מען = ער איז געווע'ן געקומען

**Задание 2*.** *а*) Напишите номер предложения и рядом с ним только тот глагол, который употреблён в данном предложении в форме *предпрошедшего времени*; *б*) Переведите предложения на русский язык.

1) אַז איך בין געקו'מען אויפֿן וואָקזאַ'ל, איז דער צוג שוין געווע'ן אָ'פּגעפֿאָרן. 2) די דעלעגאַ'טן האָבן זיך שוין געהאַ'ט צונוי'פֿגעזאַמלט און די קאָנפֿערע'נץ האָט זיך אָ'נגעהויבן. 3) דער צוג איז שוין געווע'ן פֿאַרבײַ'– געפֿאָרן די לע'צטע סטאַ'נציעס פֿאַר מאָ'סקווע און האָט זיך דערנע'ענטערט צו דער הוי'פּטשטאָט. 4) ער האָט געהאַ'ט גוט באַאַ'רבעט דאָס פֿעלד און האָט באַקו'מען אַ גוטע גערע'טעניש. 5) או'נדזער אַרמיי' האָט שוין געהאַ'ט פֿאָרסי'רט דעם דניעפּער און איז געשטאַ'נען הי'נטער קי'עוו.

*Пояснения к заданию 2*

2) זיך צונוי'פֿזאַמלען собираться
3) זיך דערנע'ענטערן приближаться
4) די גערע'טעניש урожай

## Предбудущее время

В идише, особенно в письменной речи, употребляется также форма *предбудущего* времени. Она выражает действие, которое совершится в будущем *раньше* другого, тоже будущего действия.

Когда я *подготовлюсь* к экзамену, я пойду в кино. — אַז איך וועל זיך האָבן שוין צו'געגרייט צום עקזאַ'מען, וועל איך גיין אין קינאָ'.

В этом предложении речь идёт о том, что подготовка к экзаменам произойдёт до того, как „я пойду в кино”, и глагол „подготовлюсь” употреблён в форме предбудущего времени, т. е. וועל זיך האָבן צו'געגרייט.

> *Внимание!* Форма предбудущего времени состоит из трёх глагольных слов:
> 1) личной формы вспомогательного глагола וועלן (т. е. וועל, וועסט, וועט, וועלן);
> 2) неизменяемой части האָבן;
> 3) партиципа основного глагола.

Например:

| **Предбудущее время** | פֿרי'ערדיקע צו'קונפֿט |
|---|---|
| *Единственное число* | איינצאָל |
| 1. Когда я (уже) *сделаю...* | 1. אַז איך וועל האָבן געמאַ'כט... |
| 2. Когда ты (уже) *сделаешь...* | 2. ווען דו וועסט האָבן געמאַ'כט... |
| 3. Как только он *прочтет...* | 3. ווי נאָר ער וועט האָבן דו'רכגעליי'ענט... |

| *Множественное число* | מערצאָל |
|---|---|
| 1. Если мы (уже) закончим | 1. אויב מיר וועלן האָבן פֿאַרע'נדיקט |
| 2. работу... | 2. די אַרבעט... |
| 3. Как только вы приедете (прибудете) | 3. ווי נאָר איר וועט האָבן אָ'נגע-קומען... |
| Когда они (уже) закончат... | ווען זיי וועלן האָבן פֿאַרע'נדיקט... |

В предбудущем времени от глаголов, образующих прошедшее время с помощью вспомогательного глагола זײַן, вместо неизменяемой части האָבן может употребляться זײַן. Сравните два возможных варианта предбудущего веремени от глагола אָ'נקומען „прибыть”:

1) ווי נאָר איר וועט האָבן אָ'נגעקומען... =

2) = ווי נאָר איר וועט זײַן אָ'נגעקומען...

*Перевод:* „Как только вы прибудете...”

Как видно из примеров, формы предбудущего времени переводятся на русский язык соответствующим глаголом будущего времени совер- шенного вида: „сделаю” *(а не* „буду делать”), „закончим” *(а не* „будем заканчивать”).

**Задание 3*.** *а*) Напишите номера предложений и рядом – глаголы в форме предбудущего времени; *б*) Переведите предложения на русский язык.

1) אַז איך וועל האָבן פֿאַרע'נדיקט די אַ'רבעט, וועל איך גיין שפּאַצי'רן. 2) ווי נאָר איך וועל האָבן דו'רכגעלייענט דעם בוך, וועל איך געבן אים דיר. 3) אויב די בוי־אַרבעטערס וועלן האָבן אוי'פֿגעבויט דאָס הויז ביזן סוף יאָר, וועלן זיי באַקו'מען אַ פּרע'מיע. 4) ווען ער וועט האָבן פֿאַרע'נדיקט דעם אינסטיטו'ט, וועט ער אַ'רבעטן ווי אַ לע'רער אין אַ שול. 5) אַז מיר וועלן האָבן פֿאַרע'נדיקט דעם לימוד איינס, וועלן מיר אָ'נהייבן לע'רנען דעם לימוד צוויי.

## ПРИЛАГАТЕЛЬНЫЕ

## Краткая и полная форма прилагательных

Выше (см. урок V) вы познакомились с краткой и полной формами прилагательного.

***Краткая (несклоняемая) форма*** прилагательного употребляется:

1) как часть составного именного сказуемого в сочетании с глаголом-связкой זײַן „быть” или ווערן „стать”, „становиться”.

Например:

| | |
|---|---|
| муж красив | דער מאַן איז שיין |
| жена красива | די פֿרוי איז שיין |
| дитя красиво | דאָס קינד איז שיין |
| они красивы | זיי זייַ'נען שיין |
| лес становится зелёным | דער וואַלד ווערט גרין |
| поляна становится зелёной | די לאָ'נקע ווערט גרין |
| поле становится зелёным | דאָס פֿעלד ווערט גרין |
| деревья становятся зелёными | די ביי'מער ווערן גרין |

2) с краткой формой прилагательного совпадает прилагательное-определение к существительному *среднего рода* при наличии неопределённого артикля, отрицания קיין или притяжательного местоимения. Например:

| | |
|---|---|
| Здесь стоит красивый ребёнок. | דאָ שטייט אַ שיין קינד. |
| Не вижу красивой картины. | איך זע ניט קיין שיין בילד. |
| Отвечаю твоему красивому ребёнку. | איך ע'נטפֿער דייַן שיין קינד. |

3) неизменяемыми остаются также прилагательные, образованные от географических названий с помощью суффиксов ער-, אַ'נער-. Например:

1) *ср. р.* דאָס, (דעם) אַמעריקאַ'נער (אַפֿריקאַ'נער, מאָ'סקווער) ייִנגל
2) *м. р.* דער, (דעם) אַמעריקאַ'נער (קי'עווער, מי'נסקער) חבֿר
3) *ж. р.* די, (דער) אַמעריקאַ'נער (אַפֿריקאַ'נער, מאָ'סקווער) פֿרוי
4) *мн. ч.* די אַמעריקאַ'נער (מי'נסקער, קי'עווער) ייִ'נגלעך און מיי'דלעך.

В остальных случаях прилагательные употребляются в полной (склоняемой) форме, с родовыми (падежными) окончаниями. Например:

1) איך לייע'ן אַן אינטערעסאַ'נט–ן אַרטיקל.
2) אין גרויסן פּאַרק בליִ'ען שיי'נ–ע בלו'מען.
3) די קליי'נ–ע קי'נדער שלאָפֿן.

Иногда, чтобы особо выделить прилагательное, оно ставится после существительного. Артикль (или местоимение) при этом повторяется: ставится и перед существительным, и перед прилагательным. Например:

1) וווּ איז דייַן טאָ'כטער די ייִ'נגערע?
2) מייַן זון מייַן ע'לטערער הייסט חיים.

# СКЛОНЕНИЕ ПРИЛАГАТЕЛЬНЫХ

Прилагательные мужского и женского рода, стоящие после существительного, склоняются так же, как и стоящие перед ним; с определённым артиклем так же, как и с неопределённым.

*Таблица 32*

| Женский род<br>ווײַבלעכער מין | Мужской род<br>מענלעכער מין | Падеж<br>בײַגפֿאַל |
|---|---|---|
| די [אַ] גוט־ע פֿרוי | דער [אַ] גוט־ער מאַן | Именительный<br>נאָמינאַטיװ |
| די [אַ] גוט־ע פֿרוי | דעם [אַ] גוט־ן מאַן | Винительный<br>אַקוזאַטיװ |
| דער [אַ] גוט־ער פֿרוי | דעם [אַ] גוט־ן מאַן | Дательный<br>דאַטיװ |

*Таблица 33*

| Средний род | | | |
|---|---|---|---|
| С неопределённым артиклем אַ<br>С отрицанием קײן<br>С притяжательными местоимениями | | С определённым артиклем (в любой позиции) | Падеж<br>בײַגפֿאַל |
| прилагательное после существительного | прилагательное перед существительным | | |
| אַ קינד אַ גוט־ס | אַ גוט קינד | דאָס גוט־ע קינד | Именительный<br>נאָמינאַטיװ |
| אַ קינד אַ גוט־ס | אַ גוט קינד | דאָס גוט־ע קינד | Винительный<br>אַקוזאַטיװ |
| אַ קינד אַ גוט־ס | אַ גוט קינד | דעם גוט־ן קינד | Дательный<br>דאַטיװ |

*Примечания:* 1) Прилагательные с основой, оканчивающейся на מ־, гласный или дифтонг, вместо окончания ־ן в винительном и дательном падежах мужского рода и в дательном падеже среднего рода получают окончание ־ען, например: דעם קרומ־ען „кривого” [„кривому”], דעם פֿרי־ען „раннего” [„раннему”], דעם פֿרײַ־ען „свободного” [„свободному”].

2) Прилагательные с основой на ־נ (שײנ־, רײנ־ и т. п.), а также слова נײַ „новый” и גענוי „точный” получают вместо ־ן окончание ־עם, например: דעם נײַ־עם, דעם שײנ־עם.

Прилагательные среднего рода с определённым артиклем, стоящие после существительного, склоняются так же, как и стоящие перед ним.

***Во всех падежах множественного числа*** прилагательные получают окончание ע-:

די שיי'נ–ע, גו'ט–ע, ליי'ב–ע קינדער (ע'לטערן, פֿרוי'ען, חבֿרים...)

**Задание 4.** Перепишите таблицы склонения прилагательных.

**Задание 5.** Просклоняйте во всех падежах единственного числа.

1) דער שיי'נער טאָג; 2) די גו'טע טאָ'כטער; 3) דאָס קליי'נע מיי'דעלע; 4) אַ קליין מיי'דעלע; 5) אַ מיי'דעלע אַ קליינס.

## Краткое прилагательное и наречие

Краткая форма прилагательного совпадает с соответствующим наречием. Например:

1) אַ גוט קינד „хороший ребёнок” (גוט– прилагательное)

2) ער אַ'רבעט גוט „Он работает хорошо.” (גוט– наречие)

Различаются же они в зависимости от того, к какому слову относятся, и от их роли в предложении.

*а*) Если слово относится к существительному (или заменяющему его местоимению) и отвечает на вопрос „какой?”, „что за?”, то это прилагательное. Например:

אַ שיין לידל „красивая песенка”

דאָס ליד איז שיין „песня красивая”

*б*) Если же оно относится к другим частям речи и отвечает на вопрос „как?”, „каким образом?”, то это наречие. Например:

ער זינגט שיין „Он *поет красиво”*

Наречия, которые совпадают с формой краткого прилагательного, в словарях обычно отдельно не приводятся, за исключением тех случаев, когда их значение отлично от значения соответствующего краткого прилагательного, например, краткое прилагательное גלײַך „прямой”, „одинаковый” и наречие גלײַך в значении „тотчас же”, „скоро”.

**Задание 6*.** Напишите номера предложений и рядом перевод выделенных слов.

Образец: 1) спокойно; 2) спокойное *и т. п.*

1) ער לעבט רו'יִק. 2) דאָס קינד איז רו'יִק. 3) דאָ איז אַ רו'יִק אָרט. 4) איך הער אַ שיין לידל. 5) ער זינגט אַ שיין לידל. 6) ער זינגט שיין. 7) ער רעדט הויך. 8)

דאָס הויז איז הויך. 9) דאָרט שטייט אַ הויך הויז. 10) ער שפּילט טאַלאַ'נטפֿול. 11) ער איז טאַלאַ'נטפֿול. 12) דאָס איז אַ טאַלאַ'נטפֿול ייִנגל. 13) דאָס פֿאָלק פֿון ישׂראל איז אַ הע'לדיש פֿאָלק. 14) עס האָט הע'לדיש געקעמ'פֿט פֿאַר זײַן פֿרײַ'הייט. 15) דאָס דאָרף איז גרויס. 16) אָט איז אַ גרויס דאָרף. 17) ער לערנט זיך גוט. 18) ער האָט אַ גוט האַרץ.

## ЧТЕНИЕ

**Задание 7*.** Прочитайте и переведите текст. Обратите внимание на формы прилагательных и на наречия.

### דער יום־טובֿ חנוכּה [ха'никэ]

1) חנוכּה איז אַ פֿריי'לעכער יום־טובֿ. 2) חנוכּה פֿײַ'ערט מען 8 טעג אָ'נהייבנדיק פֿו'נעם כ"ה שבֿט (25סטן טאָג אין חודש שבֿט). 3) געוויי'נלעך פֿאַלט דאָס אויס אין דעצע'מבער. 4) חנוכּה פֿײַ'ערט מען אין אָ'נדענק און לכּבֿוד [лэко'вэд] דעם זיג פֿון די חשמונאים [хашмэно'им] (מכּבים [мака'бим]) אי'בער די חיילות [хайо'лэс] פֿון דעם סי'רישן מלך [мэ'йлэх] אַנטיוכוס [антийо'йхэс], ווע'לכער האָט או'נטערדריקט דאָס פֿאָלק פֿון ישׂראל [йисро'эл].

5) ער האָט געפֿאָ'דערט אַז די ייִדן זאָלן זיך אָ'פּזאָגן פֿון זיי'ער פֿאָלק און אמונה [эму'нэ], ווערן גע'צנדינער און בוקן זיך נאָר צו די גרי'כישע געצן. 6) אָ'בער דאָס פֿאָלק פֿון ישׂראל האָט נישט מסכּים [ма'ским] געווע'ן און איז אוי'פֿגעשטאַנען קעגן די או'נטער־ דריקער. 7) מיטן אוי'פֿשטאַנד האָט אָ'נגעפֿירט די הע'לדישע משפּחה פֿון די חשמונאים בראָש [бэро'ш] מיט מתּתיהו הכּהן [матисйо'hу hако'йэн] און זײַ'נע פֿינף זין. 8) באַזו'נדערס האָט זיך אויסגעצײי'כנט מיט זײַן הע'לדישקייט מתּתיהוס זון יהודה [йэhу'дэ]. 9) די אוי'פֿשטענדלערס זײַ'נען אויך באַקאַ'נט או'נטערן נאָ'מען מכּבים (מכּבייער [макабэ'йэр]). 10) אַז די מכּבים האָבן מנצח [мэнацэ'йэх] געווע'ן, האָבן זיי אַרוי'סגעטריבן די סי'רישע חיילות פֿון לאַנד און אוי'סגערייניקט די שטאָט ירושלים און דעם בית־המיקדש [бэйс-hами'кдэш] פֿון די געצן. 11) זיי האָבן אויך געוואָ'לט פֿײַ'ערלעך אָ'נצינדן אין בית־המקדש די גרוי'סע מנורה [мэно'йрэ] – דעם היי'ליקן לײַ'כטער מיט די זיבן רערן, אין ווע'לכע עס האָט געברע'נט ריי'נער כּשרער [ко'шэрэр] בוימל. 12) אָ'בער דאָס איי'נציקע קליי'נע קרי'געלע בוימל, וואָס זיי האָבן געפֿו'נען האָט געקע'נט קלעקן בלויז אויף איין מעת־לעת. 13) און דאָ איז געשע'ן דער חנוכּה־נס [...-нэс]. 14) דאָס קרי'געלע בוימל האָט געקלע'קט אויף גאַ'נצע אַכט טעג נאָך אַנאַ'נד. 15) לכּבֿוד דעם נס צינדט מען אויך די חנוכּה־לי'כטעלעך אַכט טעג נאָך אַנאַ'נד. 16) יעדן טאָג מיט איין לי'כטעלע מער.

17) דעם ע'רשטן טאָג צינדט מען אָן איין ליכטל, דעם צווייטן טאָג – צוויי לי'כטלעך, דעם דריטן – דרײַ און אַזוי ווײַ'טער.

18) חנוכּה איז אַ פֿריי'לעכער משפּחה־יום־טובֿ. 19) מען עסט היי'סע לאַ'טקעס, מע שפּילט אין דריידל. 20) אויף די זײַטן פֿון אַ דריידל שטיי'ען די

אותיות נ׳ ג׳ ה׳ ש׳: „נס גדול היה שם“ (אַ גרויסער נס איז דאָרט געשען). 21) די קינדער גיט מען מתּנות [мато'нэс] און חנוכּה־געלט, 22) מע זינגט לידער און מע לויבט די העלדן, וואָס האָבן באַפרײַט דאָס פֿאָלק און דאָס לאַנד ישׂראל פֿון קנעכטשאַפֿט און אונטערדריקונג. 24) לאָמיר זיך אויסלערנען זינגען דאָס ליד:

חנוכּה, אוי חנוכּה, אַ יום־טובֿ אַ שיינער,
אַ לוסטיקער, אַ פֿריילעכער, ניטאָ נאָך אַזוינער.
אַלע טאָג אין דריידל שפּילן מיר,
הייסע גוטע לאַטקעס עסן מיר.

געשווינדער, צינדט, קינדער,
די חנוכּה ליכטעלעך אָן!
געשווינדער, צינדט, קינדער,
די חנוכּה ליכטעלעך אָן!

לאָמיר אַלע אין איינעם
צום יום־טובֿ דעם שיינעם
זינגען און טאַנצן אין קאָן.

| ניַיע ווערטער | Новые слова |
|---|---|
| **א** אויספֿאַלן (איז אויסגעפֿאַלן) | выпадать |
| אויסרייניקן | очистить |
| אויפֿשטענדלער דער (ס) | повстанец; участник восстания |
| איינציק | единственный |
| אמונה די [эму'нэ] | вера; религия |
| אָנהייבנדיק פֿון... | начиная с... |
| אָנפֿירן | руководить |
| אָנצינדן (אָנגעצונדן) | зажигать |
| אָפּזאָגן (זיך) | отказать(ся) |
| אַרויסטרייַבן (אַרויסגעטריבן) | изгнать, прогнать |
| **ב** בוימל דער | масло *(растительное)* |
| בוקן זיך | поклоняться |
| בית־המיקדש דער [бэйс-hами'кдэш] | Иерусалимский храм |
| בלויז | только |
| בראָש [бэро'ш] מיט... | во главе с... |
| **ג** געדויערן | длиться |
| געץ דער (ן) | идол |
| געצנדינער דער (ס) | идолопоклонник |
| **ד** דריידל דאָס (עך) | юла; волчок |
| **ה** העלדישקייט די (ן) | героизм; геройство |

| | | |
|---|---|---|
| ח | חייל דאָס (ות) [ха'йэл-хайо'лэс] | войско; армия |
| | חנוכּה [ха'никэ] | Ханука *(праздник)* |
| | חשמונאים מצ. [хашмэно'им] | Хасмонеи |
| ל | לאַ'טקע די (ס) | оладьи |
| | לויבן | хвалить |
| | לײַ'כטער דער (ס) | подсвечник; канделябр |
| מ | מלך דער (ים) [мэ'йлэх м(э)ло'хим] | царь |
| | מנורה די (־ות) [мэно'йрэ] | подсвечник; светильник |
| | מנצח [мэнацэ'йэх] זײַן (האָט מנצח געווען) | победить |
| | מסכּים [ма'ским] זײַן (האָט מסכּים געווע'ן) | согласиться |
| נ | נאָך אַנאַ'נד | подряд |
| פֿ | פֿאָ'דערן | требовать |
| ק | קאָן דער | круг (*танцевальная фигура*) |
| | קנע'כטשאַפֿט די | рабство |
| | קרי'געלע דאָס (ך) | кувшинчик |
| ר | רער די (ן) | труба; трубка |

**Задание 8.** Ответьте на вопросы к тексту.

1) וויפֿל טעג געדוי'ערט דער יום־טובֿ חנוכּה?
2) וויפֿל ליַ'כטלעך צינדט מען אָן' דעם ערשטן טאָג? דעם דריטן? דעם זעקסטן?
3) ווען פֿאַלט אויס געוויי'נלעך דער יום־טובֿ חנוכּה?
4) וואָס האָט געפֿאָ'דערט דער מלך אַנטיוכוס פֿון די ייִדן?
5) צי האָבן די ייִדן מסכּים געווע'ן מיט דער פֿאָ'דערונג?
6) ווער איז געשטאַ'נען בראָש פֿו'נעם אוי'פֿשטאַנד?
7) וואָס האָבן די חשמונאים געפֿו'נען אין בית־המקדש?
8) וואָס עסט מען חנוכּה־צײַט?
9) אין ווע'לכע שפּילן די קי'נדער חנוכּה־צײַט?
10) וואָס קריגן (получают) די קי'נדער לכּבֿוד חנוכּה?

**Грамматика:** Описательные глаголы.
**Текст:** אַ חתונה אין קריזשאָפּאָל

# ГРАММАТИКА

## ОПИСАТЕЛЬНЫЕ ГЛАГОЛЫ

В идише, как и в русском, для обозначения действия или состояния используется зачастую не отдельное слово – глагол, а глагольное словосочетание, обозначающее данное действие описательным путём. Так, например, говоря о бракосочетании жениха, употребляем одно слово – глагол „жениться” („он женится”), применительно же к невесте приходится употребить целое описательное словосочетание „выходить замуж” („она выходит замуж”). Сравните также глагол „победить” и словосочетание „одержать победу”, „согласиться” и „дать согласие” и т. п. Такое устойчивое глагольное словосочетание, обозначающее действие или состояние описательным путём, называется описательным глаголом или описательным глагольным оборотом.

В идише имеются описательные глаголы разнообразной структуры. С некоторыми из них вы уже познакомились в предыдущих уроках; таковы, например, אַ ברכה מאַכן „благословить” (*букв.* „совершить благословение”), מקנא זײַן „завидовать” (*букв.* „быть завидующим”), קו'מען צו לויפֿן „прибежать” (*букв.*„приходить бежать”) и др.

Описательный глагол состоит из двух частей. Одна часть – это глагол самого общего значения типа זײַן – „быть”, מאַכן или טאָן – „делать”, האָבן – „иметь”, ווערן – „стать”, „становиться”, האַלטן – „держать”, געבן – „давать”, קו'מען – „прибыть”, ברענגען – „принести”, „доставить”. Вторая часть описательного глагола – это либо неопределённая форма какого-то глагола (см. ниже примеры 1 и 2), либо причастие (см. примеры 3 и 4), либо, наконец, слова других частей речи – не глаголы. (см. примеры 5-9).

| Буквальный перевод и значение целого | Описательный глагол |
|---|---|
| 1. *прибыть* + ходить = ***прийти*** | 1. קו'מען צו גיין |
| 2. *доставить* + носить = ***приносить*** | 2. ברע'נגען צו טראָגן |
| 3. *стать* + уснувшим = ***уснуть*** | 3. ווערן אַנטשלאָ'פֿן |
| 4. *быть* + осуществляющим = ***осуществить*** | 4. זײַן מקיים [мэка'йэм] |
| 5. *иметь* + любовь = ***любить*** | 5. האָבן ליב |
| 6. *держать* + совет = ***советоваться*** | 6. האַלטן אַן עצה [э'йцэ] |
| 7. *давать (уделять)* + внимание = ***присматривать за...*** | 7. געבן אַ'כטונג |
| 8. *делать* + свадьбу = ***женить, выдать замуж*** | 8. מאַכן חתונה [ха'сэнэ] |

Глаголы קו'מען, ברע'נגען, זײַן, ווערן, האָבן, האַלטן, געבן, מאַכן, טאָן изменяются по лицам, числам, временам и наклонениям. Они выполняют во всём описательном обороте роль вспомогательного глагола; другая же часть (неопределённая форма, причастие, существительное и т. д.) остаётся во всех лицах и числах без изменения. Это – ***неизменяемая часть описательного глагола***. Сравните, например, спряжение описательных глаголов געבן צו וויסן „дать знать (*о чём-либо*)" и מקנא זײַן „завидовать":

| *Настоящее время* | קעגנוואַ'רט (הווה [ho'йвэ]) |
|---|---|
| Я *даю* знать; я завидую. | איך גיב צו וויסן; איך בין מקנא. |
| Ты *даёшь* знать; ты завидуешь. | דו גיסט צו וויסן; דו ביסט מקנא. |
| Он *даёт* знать; он завидует. | ער גיט צו וויסן; ער איז מקנא. |
| Мы *даём* знать; мы завидуем. | מיר גיבן צו וויסן; מיר זײַנען מקנא. |
| *и т. д.* | אאַז"וו |

| | |
|---|---|
| *Прошедшее время* | **פֿאַרגאַ'נגענהײַט (עָבֿר [о'вэр])** |
| Я ***дал*** знать; я завидовал. | איך האָב געגע'בן צו וויסן; איך האָב* מקנא געווען. |
| Ты ***дал*** знать; ты завидовал. | דו האָסט געגע'בן צו וויסן; דו האָסט מקנא געווען. |
| Он ***дал*** знать; он завидовал. | ער האָט געגע'בן צו וויסן; ער האָט מקנא געווען. |
| Мы ***дали*** знать; мы завидовали. | מיר האָבן געגע'בן צו וויסן; מיר האָבן מקנא געווען. |
| *и т. д.* | אאַז״וו |

| | |
|---|---|
| *Будущее время* | **צו'קונפֿט (עתיד [о'сэд])** |
| Я ***дам*** знать; я *буду* завидовать. | איך וועל געבן צו וויסן; איך וועל מקנא זײַן. |
| Ты ***дашь*** знать; ты *будешь* завидовать. | דו וועסט געבן צו וויסן; דו וועסט מקנא זײַן. |
| Он ***даст*** знать; он *будет* завидовать. | ער וועט געבן צו וויסן; ער וועט מקנא זײַן. |
| Мы ***дадим*** знать; мы *будем* завидовать. | מיר וועלן געבן צו וויסן; מיר וועלן מקנא זײַן. |
| *и т. д.* | אאַז״וו |

| | |
|---|---|
| *Повелительное наклонение* | **אימפּעראַ'טיוו (ציווי [ци'вуй])** |
| *Дай* знать! *Завидуй*! | גיב צו וויסן! זײַ מקנא! |
| *Дайте* знать! *Завидуйте*! | גיט צו וויסן! זײַט מקנא! |
| *Пусть* он *даст* знать! *Пусть* он *завидует*! | לאָז ער געבן צו וויסן! לאָז ער מקנא זײַן. |
| *и т. д.* | אאַז״וו |

***Вывод:*** При чтении и переводе предложений, содержащих описательные глагольные обороты, необходимо обращать внимание на ***форму изменяемой части***, так как по форме *изменяемой части* мы узнаём лицо, число и время действия, выраженного всем описательным оборотом.

* Описательные глаголы, изменяемая часть которых - глагол זײַן (типа מקנא זײַן „завидовать”, מקיים זײַן „осуществлять” и т. п.), образуют прошедшее время с помощью вспомогательного глагола האָבן („он завидовал” – ער האָט מקנא געווע'ן и т. п.).

**Задание 1.** Переведите следующие предложения. Обратите внимание на формы изменяемой части. (Значение описательных глаголов: 1) **ליב האָבן** – „любить”; 2) **קו'מען צו פֿאָרן** – „приехать”; 3) **מקבל־פּנים זײַן** [мэка'бл-по'нэм] – „встречать, приветствовать *(кого-либо)*”.

1) **ער** האָט **ליב**. 2) **ער** האָט **ליב** געהאַ'ט. 3) **ער** וועט **ליב** האָבן. 4) **איך** קום **צו פֿאָרן**. 5) **איך** בין געקו'מען **צו פֿאָרן**. 6) **איך** וועל קו'מען **צו פֿאָרן**. 7) קומט **צו פֿאָרן**! 8) **ער** פֿלעגט קו'מען **צו פֿאָרן**. 9) **מיר** וועלן די כּלה [ка'לэ] **מקבל־פּנים זײַן**. 10) **די** געסט האָבן די כּלה **מקבל־פּנים** געווע'ן.

## Значение и перевод описательных глагольных оборотов

В литературных текстах, но чаще в фольклоре, встречается сочетание инфинитива со спрягаемой формой глагола טאָן. Например:

| | |
|---|---|
| 1) Почему ***ты*** с другими *разговариваешь*, а меня *ты сторонишься*? | 1) **וואָס** טוסט דו מיט אַ'נדערע ריידן, און פֿון מיר טוסט דו זיך אָפּשיידן? |
| 2) *Я влюбилась* в одного (человека). | 2) איך האָב מיך אין איי'נעם געטאָן פֿאַרליבן. |
| 3) *Я буду голодать*, если не будет хлеба. | 3) איך וועל טאָן הונגערן, **אויב עס וועט קיין ברויט ניט זײַן.** |

Как видно из примеров, слово טאָן в подобных случаях самостоятельного значения не имеет и при переводе опускается. Грамматическую же форму глагола טאָן при переводе следует учитывать, так как она указывает на лицо (кто?) и время (когда?) основного действия, выраженного инфинитивом; сравните перевод сказуемого в вышеприведённых примерах:

| | |
|---|---|
| 1) *Ты* разговарива*ешь* (2-е л., наст. вр.). | 1) טוסט דו... ריידן |
| 2) *Я* влюби*лась* (1-е л., прош. вр.). | 2) איך האָב געטאָן מיך פֿאַרליבן |
| 3) *Я буду* голодать (1-е л., буд. вр.). | 3) איך וועל טאָן הונגערן |

Сравните также перевод следующих примеров из литературных источников:

| | |
|---|---|
| 1) „Кто честно *зарабатывает* себе на хлеб (***дословно:*** „питается”), того *уважает* весь мир” (*Дик*). | 1) „**ווער עס** טוט זיך ע'רלעך גענע'רן, **יע'נעם** טוט די גאַ'נצע **וועלט** ערן” (**דיק**). |
| 2) „*Мы применяем* все средства, но ничего не помогает” (*Дер Нистер*). | 2) „**מיר** טו'ען אָ'נווענדן אַ'לע **מי'טלען, און עס** העלפֿט **ניט**” (דער נסתּר). |

3) „Пионеры песни поют, и вся степь *слушает*” (*С. Галкин*).

3) „זי'נגען לי'דער פּיאָנע'רן, און דער גאַ'נצער סטעפּ טוט הערן“ (ש. האַ'לקין).

4) „Зелёные курганы питают (*дословно:* „кормят”) детей сказками о войнах, вот там-то стояла моя колыбель, *укачивала* меня песнями” (*Л. Квитко*).

4) „עס האָ'דעווען גרי'נע קורגאַ'נען די קי'נדער מיט מעשׂיות פֿון קריגן, אָ־דאָרט איז מײַן וויגל געשטאַ'נען מיט לי'דער געטאָ'ן מיך פֿאַרווי'גן“ (ל. קוויטקאָ').

Вспомогательные глаголы קו'מען – „прибыть куда-то” и ברע'נגען – „доставить к месту назначения” сочетаются с ***непереводимой*** частицей **צו** и с глаголами, обозначающими переход с места на место („ходить”, „летать”, „бегать”, „плавать” и т. п.) или перемещение чего-либо („носить”, „тащить”, „возить” и т. п.).

В этих сочетаниях вспомогательные глаголы קו'מען и ברע'נגען соответствуют по своему значению русской приставке *при-* :

| | |
|---|---|
| при- + глагол передвижения = | קו'מען + צו + אינפֿיניטי'וו<br>ברע'נגען + צו + אינפֿיניטי'וו |

Сравните перевод следующих сопоставляемых пар:

| | |
|---|---|
| 1) ходить – ***при***ходить | 1) גייַן – קומען צו גייַן |
| 2) ехать – ***при***ехать | 2) פֿאָרן – קומען צו פֿאָרן |
| 3) бежать – ***при***бежать | 3) לויפֿן – קומען צו לויפֿן |
| 4) носить – ***при***носить | 4) טראָגן – ברענגען צו טראָגן |
| 5) водить – ***при***водить | 5) פֿירן – ברענגען צו פֿירן |
| 6) тащить – ***при***тащить | 6) שלעפּן – ברענגען צו שלעפּן |

**Задание 2*.** Переведите следующие предложения. Обратите внимание на формы вспомогательных глаголов קו'מען и ברענגען:

1) איך קום צו גייַן. 2) איך וועל קו'מען צו גייַן. 3) איך בין געקו'מען צו גייַן. 4) ער איז געקו'מען צו גייַן. 5) מיר זײַ'נען געקו'מען צו פֿלי'ען מיט דעם אַעראָפּלאַ'ן. 6) די פֿייגל זײַ'נען געקו'מען צו פֿלי'ען פֿון די וואַ'רעמע לע'נדער. 7) די געסט וועלן קו'מען צו פֿאָרן מיט דער אײַ'זנבאַן. 8) דאָס קינד איז געקו'מען צו לויפֿן צו דער מאַ'מען. 9) מײַן זון איז געקו'מען צו פֿאָרן אויף די זו'מער־קאַ'ניקולן. 10) ער האָט געבראַ'כט צו פֿירן אַ וואָגן האָלץ (телегу дров). 11) דער בריווטרע'גער האָט געבראַ'כט צו טראָגן אַ בריוו. 12) דער קאָמאַנדי'ר האָט געבראַ'כט צו פֿירן אַ פּאָלק סאָלדאַ'טן.

Сочетание глагола **געבן** с *непереводимой* частицей **צו** и с неопределённой формой другого глагола находит своё соответствие в подобных русских оборотах „*дать* + неопределённая форма”. Например:

1) дать знать — 1) **געבן צו וויסן**
2) дать почувствовать — 2) **געבן צו פֿילן**
3) дать понять, объяснить — 3) **געבן צו פֿאַרשטיין**

Значение других вспомогательных глаголов не поддаётся раскрытию по каким-либо правилам или на основании дословного перевода, так как в их состав входят большей частью застывшие формы, заимствованные из древнееврейского языка. Перевод этих глаголов смотрите в поурочных словарях и в общем еврейско-русском словаре, где они приведены в алфавитном порядке по начальной букве неизменяемой части. Так, например, чтобы перевести предложение **ער איז מפֿורסם** [мэфу'рсэм] **געוואָ'רן**, надо искать в словаре перевод неизменяемой части **מפֿורסם** („прославленный, знаменитый”); перевод всего предложения: „Он прославился, стал знаменитым”. Подобным образом для понимания предложения **זיי האָבן רחמנות געהאַ'ט** надо обратиться к переводу слова **רחמנות** („жалость”), а не вспомогательных глаголов **האָבן** и **געהאַט**; перевод предложения: „Они сжалились”.

# ЧТЕНИЕ

**Задание 3*.** Прочитайте и постарайтесь понять содержание следующих отрывков, а также текста, составленного по рассказу Ш. Гордона „Свадьба в Крыжополе”. (Описательные глаголы выделены курсивом.) Используйте прилагаемый список новых слов.

1) „פּי'ניע איז אין כּעס, הלמאי מע פֿאַרהאַ'לט די אָ'רעמע עמיגראַ'נטן און די רײַ'כע לאָזט מען גלײַך אַרײַן.“ 2) „זי (די מאַ'מע) איז שוין אין אַמע'ריקע און האָט קיין מורא ניט פֿאַר די אויגן.“ 3) „מאַטראָ'סן לויפֿן אַרום הין און הער. איך און מענדל זײַ'נען זיי מקנא.“ 4) „מײַן ברו'דער ע'ליע האָט פֿײַנט, אַז מע פֿרעגט אים פּו'סטע זאַכן. 5) או'נדזער חבֿר פּי'ניע האָט דווקא [да'вкэ] ליב צו ריידן פֿון אַזע'לכע זאַכן. 6) מענדל איז גערע'כט: ער זאָגט, אַז די פּאַסאַזשי'רן פֿון די הע'כערע קלאַסן דאַרף מען פֿײַנט האָבן.“ 7) „או'נדזער חבֿר פּי'ניע נעמט זיך או'נטער געבן צו פֿאַרשטיי'ן, אַז דער ים באַטרע'פֿט דרײַ מאָל אַזוי פֿיל, וויפֿל די יבשה [йабо'шэ].“ 8) „צו קיין זאַך אין דער וועלט האָב איך אַזוי קיין חשק [хэ'йшэк] ניט געהאַ'ט, ווי צו אַ מע'סערל.“ (שלום־עליכם)

## אַ חתונה [ха'сэнэ] אין קריזשאָ׳פּאָל
### (לויט ש. גאָרדאָ׳ן)

1) דער אוי׳טאָר קומט צו פֿאָרן קיין קריזשאָ׳פּאָל. 2) יונה [йо'йнэ] דער טאָ׳קער מאַכט דאָרט גראָד חתונה זײַן טאָ׳כטער. 3) זי טוט אַ שידוך [ши'дэх] מיט אַ בחור פֿון בעסאַראַ׳ביע. 4) דער אוי׳טאָר גייט אין האָטע׳ל, אָ׳בער אַ׳לע נו׳מערן זײַ׳נען דאָרט באַשטע׳לט פֿאַר די מחותּנים [мэхуто'ним]. 5) די דעזשו׳רנע האָט אַ טעות [то'эс] און מיינט, אַז דער אוי׳טאָר איז אויך אַ מחותּן [мэху'тн]. 6) דער אוי׳טאָר איז זיך מודה, אַז ער האָט ניט קיין שײַכות [ша'йхэс] צו דער חתונה. 7) די דעזשו׳רנע בעט אים ער זאָל קיין פֿאַראַי׳בל ניט האָבן און זיך מטריח [матри'эх] זײַן קו׳מען אַ בי׳סעלע שפּע׳טער, 8) אפֿשר [э'фшэр] וועט ע׳מעצער פֿון די מחותּנים ניט קו׳מען צו פֿאָרן און דער אוי׳טאָר וועט קע׳נען באַקו׳מען זײַן אָרט. 9) דער אוי׳טאָר איז מסכּים צו וואַרטן און דערווײַ׳לע מאַכט ער אַ קליי׳נעם שפּאַצי׳רגאַנג אי׳בערן שטעטל. 10) דרויסן כאַפּט ער אַ שמו׳עס מיט די הי׳געע אײַ׳נוווינערס וועגן דער חתונה. 11) מע דערציי׳לט אים, אַז דער חתן האָט שוין די כּלה לאַנג ליב באַקו׳מען. 12) די כּלה האָט אים אויך האָלט. 13) חתן־כּלה האָבן אויך מוצא חן [мо'йцэ хэйн] געווע׳ן בײַ די ע׳לטערן.

14) קרובֿים [кро'йвим] און געסט פֿון חתנס צד [цад] און פֿון כּלהס צד קו׳מען צו פֿאָרן און קו׳מען צו פֿלי׳ען פֿון נאָ׳ענט און ווײַט. 15) דער אָ׳יטאָ׳בוס ברע׳נגט צו פֿירן פֿון שאַ׳רגאָראָד אַ קאַפּע׳ליע כּלי־זמר [клэ'змер]. 16) די חתונה פּראַ׳וועט מען, ווי מע האָט זיך דעמאָ׳לט נוהג [но'йэг] געווען: 17) חתן־כּלה גיי׳ען אין זאַגס, 18) דער עולם [о'йлэм] איז זיי מקבל-פּנים מיט ווינטשעוואַ׳ניעס „מזל־טובֿ [ма'злтов]!“ 19) פֿו׳נעם זאַגס גיי׳ען חתן־כּלה לייגן בלו׳מען בײַם דע׳נקמאָל פֿו׳נעם סאָוועׄ׳טישן סאָלדאַ׳ט־באַפֿרײַ׳ער... 20) און אָט זיצט מען שוין בײַ די יום־טובֿדיקע טישן. 21) די קאַפּע׳ליע איז מכבד יעדן גאַסט מיט אַ „וויוואַ׳ט“, מיט אַ מאַרש, מיט אַ טוש. 22) די מחותּנים זײַ׳נען מכבד די געסט מיט גוטן ווײַן און באַטעמטע [бата'мтэ] מאכלים [майхо'лим]. 23) דער ע׳לטער־זיידע איז גלי׳קלעך: ער האָט דאָך זוכה [зо'йхэ] געווע׳ן חתונה מאַכן זײַן אור׳אייניקל! 24) אַ׳לע האָבן הנאה פֿון דעם שיי׳נעם פֿריי׳לעכן יום־טובֿ און ווינטשן חתן־כּלה און זיי׳ערע ע׳לטערן, זיי זאָלן האָבן נאָר נחת [на'хэс] און פֿרייד פֿון קי׳נדער און קי׳נדסקינדער.

| Новые слова | נײַע ווערטער |
| --- | --- |
| правнук, правнучка | א או׳ראייניקל דאָס (עך) |
| вкусный | ב באַטעמט [бата'мт] |
| составлять *(какую-то величину)* | באַטרע׳פֿן |
| как раз | ג גראָד |
| снаружи; на улице | ד דרויסן |

| | | |
|---|---|---|
| ה | האַלט האָבן | любить |
| | הין און הער | взад и вперёд |
| | הלמאי [hалэма'й] | почему |
| ו | ווינטשן (געווונטשן) | пожелать *(кому-либо)* |
| ז | זוכה [зо'йхэ] זײַן (האָט זוכה געווע'ן) | удостаиваться; дожить до *(чего-либо)* |
| ח | חשק דער [хэ'йшэк] | охота, желание; страсть |
| | חשק האָבן (צו) | хотеть, желать *(что-либо),* иметь желание |
| י | יבשה די (־ות) | суша; континент |
| כּ | כּעס דער [ка'ас] | гнев |
| | אין כּעס זײַן (איז אין כּעס געווע'ן) | гневаться |
| כ | כאַפּן אַ שמו'עס | побеседовать, потолковать |
| ל | ליב באַקו'מען | полюбить *(кого-либо)* |
| מ | מאכל דער (ים) [майхл- майхо'лим] | еда; блюдо |
| | מודה [мо'йдэ] זײַן זיך (האָט זיך מודה געווע'ן) | признаться *(в чём-либо)* |
| | מוצא־חן זײַן (האָט מוצא־חן געווע'ן) | понравиться *(кому-либо)* |
| | מורא [мо'йрэ] האָבן | бояться |
| | מחותּן דער (ים) [мэху'тн - мэхуто'ним] | 1. отец супруга или супруги; 2. родственник молодожёнов |
| | זיך מטריח [матри'эх] זײַן (האָט זיך מטריח געווע'ן) | утруждать себя |
| | מכבד [мэха'бэд] זײַן (האָט מכבד געווע'ן) | угощать |
| | מע'סער דאָס/דער (ס) | нож |
| | מע'סערל דאָס (עך) | ножик |
| נ | נוהג [но'йэг] זײַן זיך (האָט זיך נוהג געווע'ן) | вести себя |
| | נחת דער/דאָס | удовольствие; удовлетворение |
| ע | ע'לטער־זיידע דער (ס) | прадедушка |
| פּ | פּו'סטע זאַכן | пустяковые дела |
| | פּראַ'ווען (אַ חתונה, אַ יום־טובֿ) | справлять, праздновать (*свадьбу, праздник* и т. п.) |
| פֿ | פֿאַראי'בל האָבן | обижаться *(на кого-либо)* |
| | האָט ניט קיין פֿאַראי'בל! | Не считайте обидным! |
| | פֿײַנט האָבן | ненавидеть |
| צ | צד דער (צדדים) [цад-цдо'дим] | сторона; участник *(договора и т. п.)* |

| | | |
|---|---|---|
| музыкальный ансамбль | קאַפּע'ליע די (ס) | ק |
| родственник | קרובֿ דער (ים) [ко'рэв- кро'йвим] | |
| родственники | קרובֿים מ"צ פֿון קרובֿ | |
| *здесь:* выходить замуж | אַ שידוך [ши'дэх] טאָן (געטאָ'ן) (מיט) | ש |
| быть причастным *(к чему-либо),* иметь отношение *(к чему-либо)* | אַ שײַכות האָבן [ша'йхэс] | |
| прогулка | שפּאַצי'רגאַנג דער (־גענג) | |

**Грамматика:** Условное наклонение. Сочетания со вспомогательными глаголами **וואָלטן**, **לאָזן** и со словами **לאָמיך** и **לאָמיר**. Повелительная форма с **זאָלן**.
**Тексты:** Стихотворения Ш. Дриза, А. Вергелиса, Д. Сфарда, М. Лейба, М. Варшавского, И. Фефера, П. Маркиша, Х.-Н. Бялика.
**Словообразование:** Уменьшительные суффиксы **־ל**, **־עלע**.

## ГРАММАТИКА

Известные вам формы прошедшего, настоящего и будущего времени употребляются для утверждения того, что данное действие действительно произошло, происходит или произойдёт: **ער איז געקו'מען** „он пришёл", **ער פֿלעגט קו'מען** „он (бывало] приходил", **ער קומט** „он приходит", **ער וועט קו'מען** „он придёт".

Наряду с этим в идише имеются глагольные формы, служащие для выражения действия, *не происходящего в действительности, а лишь возможного* (при определённых условиях), *желаемого, требуемого, вероятного* и т. п. Эти формы образуются с помощью вспомогательных глаголов **וואָלטן**, **לאָזן** и **זאָלן**.

## УСЛОВНОЕ НАКЛОНЕНИЕ

Словосочетание „глагол + **וואָלטן**" выражает условие и соответствует русскому обороту „глагол + бы". Напрмер:

Если ***бы*** я ***имел*** время, ווען איך וואָלט געהאַ'ט צײַט,
я ***пришёл бы*** к тебе. וואָלט איך געקו'מען צו דיר.

> ***Внимание!*** Форма условного наклонения состоит из вспомогательного глагола **וואָלט** и инфинитива или партиципа смыслового глагола.

Вспомогательный глагол וואָלט изменяется по лицам и числам:

| | |
|---|---|
| *Единственное число* | אייִ'נצאָל |
| 1. Я бы (сделал, поехал...) | 1. איך וואָלט (געמאַ'כט, געפֿאָ'רן...) |
| — " — | איך וואָלט (מאַכן, פֿאָרן...) |
| 2. Ты бы (сделал, поехал...) | 2. דו וואָלסט (געמאַ'כט, געפֿאָ'רן...) |
| — " — | דו וואָלסט (מאַכן, פֿאָרן...) |
| 3. Он бы (сделал, поехал...) | 3. ער וואָלט (געמאַ'כט, געפֿאָ'רן...) |
| — " — | ער וואָלט (מאַכן, פֿאָרן...) |
| *Множественное число* | מע'רצאָל |
| 1. Мы бы (сделали, поехали...) | 1. מיר וואָלטן (געמאַ'כט, געפֿאָ'רן...) |
| — " — | מיר וואָלטן (מאַכן, פֿאָרן...) |
| 2. Вы бы (сделали, поехали...) | 2. איר וואָלט (געמאַ'כט, געפֿאָ'רן...) |
| — " — | איר וואָלט (מאַכן, פֿאָרן...) |
| 3. Они бы (сделали, поехали...) | 3. זיי וואָלטן (געמאַ'כט, געפֿאָ'רן...) |
| — " — | זיי וואָלטן (מאַכן, פֿאָרן...) |

***Внимание!*** 1) Во 2-м лице единственного числа из корня -וואָלט- выпадает согласная -ט- и вместо ожидаемого וואָלטסט налицо וואָלסט!

2) В сочетании с וואָלט глагол, выражающий основное действие (в нашем примере מאַכן „делать", פֿאָרן „ехать" и т. п.), стоит либо в форме партиципа (געמאַכט, געפֿאָרן и т. п.), либо в неопределённой форме (מאַכן פֿאָרן и т. п.). Переводится же это сочетание в обоих случаях одинаково: соответствующим русским глаголом с частицей „бы" („сделал бы", „поехал бы" и т. п.).

**Задание 1*.** *а)** Перепишите предложения, поставив вместо пропуска соответствующую форму вспомогательного глагола וואָלט (т. е. וואָלט, וואָלסט, וואָלטן).

1) ווען דו ... מיר געשרי'בן, ... איך דיר געע'נטפֿערט. 2) ווען איר ... געקו'מען צו אונדז, ... איך אײַך באַווי'זן די שטאָט. 3) ווען דו ... געהאָ'ט צײַט, ... מיר געגאַ'נגען שפּאַצי'רן. 4) ווען זיי ... געמאַ'כט אַ'לע געני'טונגען, ...זיי שוין גוט געלײ'ענט אויף ייִדיש. 5) ווען דו ... טעלעפֿאָני'רט, ... איך געקו'מען צו דיר.

*б*) Переведите предложения на русский язык.

Условное наклонение выражает *нереальное* условие, т. е. указывает, что данное условие, желание или предположение не были выполнены в прошлом и не выполняются в настоящем. Так, например,

предложение

Если *бы не было* дождя, — אויב עס וואָלט ניט גערע'גנט,
мы ***пошли бы*** гулять — וואָלטן מיר געגאַ'נגען **שפּאַצי'רן**

означает, что в действительности *был* дождь и мы *не* пошли гулять. Если условие выполнимо, следует употреблять не условное наклонение, а форму будущего времени:

Если *не будет* дождя, — **אויב עס** וועט נישט רע'גענען,
мы ***пойдём*** гулять. — וועלן מיר גיין **שפּאַצי'רן**.

Форма условного наклонения употребляется также для выражения вежливой просьбы:

*Я **попросил бы** Вас* — איך וואָלט אײַך בעטן, איר
выслушать меня. — זאָלט מיך אוי'סהערן.

## ЧТЕНИЕ

**Задание 2*.** Прочитайте и переведите отрывки из стихотворений. Используйте пояснения к текстам и новые слова.

### I

**שי'קע דריז**

**מיט וואָס באַצאָ'לן**

אָ! ווען איך בין אַ הימל,
וואָלט איך באַצאָ'לט אײַך מיט גאָ'לדענע שטערן.
אָ! ווען איך בין אַ פֿיש,
וואָלט איך געצאָ'לט אײַך מיט זי'לבערנער לײ'סקע.
ווען איך בין אַ בוים,
וואָלט איך געצאָ'לט מיט מאַראַ'נצן.
ווען איך בין אַ ים,
וואָלט איך געצאָ'לט אײַך מיט פּערל.
ווען איך בין אַ נאָדל,
וואָלט איך געצאָ'לט מיט קליי'דונג.
ווען איך בין אַ פֿײַ'ער – מיט וואַ'רעם.
טאָ לאָ'מיר אוי'סטרינקען
פֿאַר דעם אַ'לעם!

***Пояснения к тексту***

טאָ לאָ'מיר אוי'סטרינקען פֿאַר דעם אַ'לעם! (то) давайте выпьем за всё это!

## Новые слова / נײַע ווערטער

| | |
|---|---|
| золотой | א גאָ'לדן |
| тепло | ו וואַ'רעם |
| *зд.:* теплом, теплотой | מיט וואַ'רעם |
| серебряный | ז זי'לבערן |
| чешуя | ל לי'סקע די |
| апельсин | מ מאַראַ'נץ דער (ן) |
| иголка | נ נאָדל די (ען) |
| жемчужина | פּ פּערל דער (=) |
| одежда | ק קליי'דונג די (ען) |

## II

אַהרן [арн] ווע'רגעליס

### אַ לי'בע־געשי'כטע

וואָלט איך געשי'קט דיר
אַ בריוו מיט אַ רינג,
בין איך אַ ייִנגל
נאָך נאַ'ריש און יונג.

וואָלט איך אַ וואָגן
געשפּאַ'נט איינס און צוויי,
דאַרף מען אַ שליטן,
ווײַל ס'ליגט שוין אַ שניי.

וואָלט איך אַ שלי'טוועג
צעשפּריי'ט צו דײַן היים,
זײַ'נען די וועגן
מיט שטויב און מיט ליים.

וואָלט איך געגאַ'נגען
צו פֿו'ס אויב אַזוי,
נאָר איך בין אַלט שוין,
געהוי'קערט און גרוי.

רעפֿרע'ן: רײַ'טנדיק פֿאָרן צו דיר איז ניט שלעכט,
לויפֿן אַרום שוין אין סטעפּ מײַ'נע פֿערד.
ע־ע־ע־העי! ע־ע־ע־העי!

| | ניַיע ווערטער | Новые слова |
|---|---|---|
| א | אויב אַזוי' | раз так; раз такое дело |
| ג | געהוי'קערט | сгорбленный |
| | גרוי | 1. седой; 2. серый |
| ט | וואָגן דער (־ס, וועגן, ווע'גענער) | телега |
| ל | ליים די | глина |
| נ | נאַ'ריש | глупый |
| ס | סטעפּ דער (עס) | степь |
| פֿ | פֿערד דאָס (=) | лошадь |
| צ | צו פֿו'ס | пешком |
| | צעשפּריי'טן | расстилать |
| ר | רינג דער (ען) | кольцо; звено |
| | רײַטן (איז גערי'טן) | скакать верхом на лошади |
| | רעפֿרע'ן דער (ען) | припев |
| ש | שטויב דער | пыль |
| | שיקן | посылать |
| | שלי'טוועג דער (ן) | санный путь |
| | שליטן דער (ס) | сани |
| | שלעכט | плохо, худо |
| | שפּאַ'נען | 1. запрягать; 2. шагать |

## III

דוד [до'вид] ספֿאַרד

...וואָס וואָלט מיט מיר געווע'ן,
ווען דו וואָלסט נישט געווע'ן?
ווער וואָלט איך געווע'ן אַצי'נד?
אַן אָ'פּגעריסן בלעטל אויפֿן ווינט
אין אַן אַכזריותדיקער [ахзо'риэсдикэр] וועלט אַלײ'ן
עלנט ווי אַ שטיין.

| | ניַיע ווערטער | Новые слова |
|---|---|---|
| א | אַצי'נד | сейчас, теперь |
| | אַכזריותדיק [ахзо'риэсдик] | жестокий |
| ע | עלנט | одинокий |

## IV

### מאַ'ני לייב

### אויפֿן דניע'פּער

– אויף דעם גאָ'לדענעם זאַמד
פֿליסט דער דניע'פּער דער טײַך,
פֿליסט דער דניע'פּער דער טײַך
ווײַט און לי'כטיק און גלײַך.

וואָלט איך קו'מען צו דיר,
איז דער טײַך אַזוי טיף,
– נעם אויף יע'נער זײַט טײַך
בײַ דעם פֿי'שער אַ שיף.

– איך וואָלט נע'מען אַ שיף,
זײַ'נען בײ'דע מיר יו'נג
און דער פֿי'שער איז אַלט,
אָ'בער לאַנג איז זײַן צונג...
– אויף דעם דניע'פּער דעם טײַך
הענגט אַן אײַ'זערנער בריק,
הענגט אַן אײַ'זערנער בריק
אויף אַן אײַ'זערנער שטריק.

– וואָלט איך קו'מען צו דיר
מיט דעם אײַ'זערנעם בריק,
האָב איך מורא פֿאַר אונדז,
פֿאַר אַ זײַ'טיקן בליק...

אויף דעם גאָ'לדענעם זאַמד
פֿליסט דער דניע'פּער דער טײַך
אין דער לי'כטיקער נאַכט
אַזוי שטיל, אַזוי גלײַך.
די לבֿנה הויך, הויך,
דורך אַ ווײַסן טומאַ'ן,
זעט, אַ בחורל [бо'хэрл] שווימט
ווי אַ לי'כטיקער שוואַן...

| Новые слова | נייַע ווערטער |
|---|---|
| железный | א  אײַ'זערן |
| мост | ב  בריק די/דער (ן) |
| ровно | ג  גלײַך |
| посторонний | ז  זײַ'טיק |
| река | ט  טײַך דער (ן) |
| опасаться; бояться | מ  מורא [мо'йрэ] האָבן |
| течь | פֿ  פֿליסן (איז געפֿלאָ'סן) |
| лебедь | ש  שוואַן דער (ען) |
| верёвка; канат | שטריק די/דער (=) |

# ГРАММАТИКА

## ПОВЕЛИТЕЛЬНАЯ ФОРМА С לאָזן

В самостоятельном употреблении глагол לאָזן имеет значение „оставить”, „покинуть”:

| | |
|---|---|
| 1) *Я оставляю тебя с мамой.* | 1) איך לאָז דיך מיט דער מאַ'מען. |
| 2) *Я не могу оставить тебя одного.* | 2) איך קאָן דיך ניט לאָזן אַליי'ן. |
| 3) *Я его оставил на улице.* | 3) איך האָב אים געלאָ'זט אויף דער גאַס. |

В сочетаниях с неопределённой формой глагол לאָזן теряет своё самостоятельное значение и превращается во вспомогательное слово, служащее для выражения приказа, пожелания, просьбы. Например:

| | |
|---|---|
| 1) *Пусть* он *придёт* ко мне! | 1) לאָז ער קו'מען צו מיר! |
| 2) *Пусть* они *идут* домой! | 2) לאָזן זיי גיין אַהיי'ם! |

В таких случаях לאָזן, как правило, стоит на первом месте.

В 1-м лице единственного числа вспомогательный глагол לאָזן имеет форму לאָ'מיך, возникшую из слияния основы לאָז и местоимения מיך „меня”, т. е. לאָז + מיך = לאָ'מיך.

В 1-м лице множественного числа вспомогательный глагол לאָזן имеет форму לאָ'מיר, (לאָז + מיר = לאָ'מיר, где מיר – „мы”). Например:

| | |
|---|---|
| 1) *Дай-ка зайду* к нему! | 1) לאָ'מיך אַרײַ'נגיין צו אים! |
| 2) *Давайте зайдём* к нему! | 2) לאָ'מיר אַרײַ'נגיין צו אים! |

## Перевод форм с לאָמיך, לאָמיר, לאָזן

1. Форма לאָמיך выражает намерение говорящего самому выполнить данное действие и переводится на русский язык оборотами типа „дай-ка схожу”, „загляну-ка я...”, „скажу-ка я ему...”.

2. Форма אָמירל выражает побуждение к действию, которое говорящий хочет совершить вместе с кем-либо (с одним или с несколькими лицами). В русском языке этой форме соответствуют обороты типа „давай зайдём”, „давайте зайдём”, „споёмте, друзья” и т. п.

3. Форма с לאָז означает приказ или просьбу, обращённую к 3-му лицу единственного числа (к „нему”, к „ней”). Форма с לאָזן означает обращение к 3-му лицу множественного числа (к „ним”). Эти формы переводятся на русский язык оборотами со словом „пусть”, Например:

| | |
|---|---|
| לאָז ער נע'מען! | „Пусть он возьмёт!” |
| לאָזן זיי נע'מען! | „Пусть они возьмут!” и т. п. |

**Задание 3*.** Переведите отрывки из народных песен и из произведений Шолом-Алейхема. Обратите внимание на сочетания с לאָמיך, לאָמיר, לאָז и לאָזן.

### I. פֿראַגמע'נטן פֿון פֿאָ'לקסלידער

1) לאָ'מיר אַ'לע אין איי'נעם דעם חתן [די כלה] מקבל־פּנים זײַן!
לאָ'מיר אַ'לע אין איי'נעם טריי'נקען אַ גלע'זעלע ווײַן!
3) לאָ'מיר אַ'לע אין איי'נעם ניט שע'מען זיך פֿאַר קיי'נעם
לאָ'מיר אַ'לע אין איינעם פֿריי'לעך זײַן
ביז אין סאַ'מע העלן טאָג אַרײַן!
3) לאָ'מיר זיך אי'בערבעטן! שטעל דעם סאַמאָוואַ'ר!
לאָ'מיר זיך אי'בערבעטן! זײַ זשע ניט קיין נאַר!

**Слова к тексту** — **ווערטער צום טעקסט**

| | |
|---|---|
| помириться | א אי'בערבעטן זיך |
| вместе | אין איי'נעם |
| стаканчик | ג גלע'זעלע דאָס (ך) |
| вино | ו ווײַן דער (ען) |
| (не) будь! | ז זײַ (ניט)! |
| же | זשע |
| веселый, радостный | פֿ פֿריי'לעך |
| стесняться; стыдиться | ש שע'מען (זיך) |

## II. פֿראַגמע׳נטן פֿון שלום־עליכמס ווערק

1) און אָט זײַ'נען מיר בײַם בריקל. 2) דאָס טײַכל לויפֿט, די זשאַ'בעס קוואַ'קען, און די ברע'טער שאָ'קלען זיך, הוי'דען זיך, און בו'זי צי'טערט... 3) „וואָס האָ'סטו מורא, נאַ'רעלע? 4) האַלט זיך אָן מיר, אָ'דער גיב, לאָ'מיר זיך אַרומ'נעמען, איך דיך און דו מיך..."

5) „לאָז ער שווערן, אַז ער וועט שוין מער אַפֿילו ניט אַרײַ'נקוקן צו מיר אין גאָרטן!" – פֿאָ'דערט די רופֿאטע [ро'йфэтэ]... 6) „לאָזן מיר אָ'פּדאַרן די הענט, לאָזן מיר אַרוי'ס די אויגן!" – זאָג איך און גיי מיט דער מאַ'מען אַהיי'ם.

### *Пояснения к тексту*

2) בו'זי Бузи – имя девушки.
6) לאָזן מיר אַרוי'ס די אויגן чтоб у меня глаза вылезли.

| | ווערטער צום טעקסט | Слова к тексту |
|---|---|---|
| א | אָ'פּדאַרן | отсохнуть |
| ב | בריקל דאָס (עך) | мостик |
| ג | גאָרטן דער (גע'רט(ע)נער) | огород; сад |
| ה | האַלטן (זיך) אָן | держать(ся) *(за что-либо)* |
| ז | זשאַ'בע די (עס) | лягушка |
| מ | מורא האָבן | бояться |
| נ | נאַ'רעלע דאָס (ך) | глупыш, глупышка |
| פֿ | פֿאָ'דערן | требовать |
| ק | קוואַ'קען | квакать |
| ר | רופֿא דער (ים) [ро'йфэ-ро'йфим] | лекарь |
| | רופֿאטע די (ס) [ро'йфэтэ] | жена лекаря |
| ש | שאָ'קלען זיך | шататься, колебаться |
| | שווערן זיך (זיך געשוואָ'רן, זיך געשווי'רן) | клясться |

## ПОВЕЛИТЕЛЬНАЯ ФОРМА С זאָלן

Для выражения пожелания, просьбы, приказа зачастую вместо לאָזן употребляется вспомогательный глагол זאָלן. Например:

1) *Пусть* он завтра *придёт* ко мне. — 1) זאָל ער מאָרגן קו'מען צו מיר!

2) *Пусть* ветер зря не *дует*, пусть он утихнет (***букв.*** останется тихо лежать). — 2) זאָל דער ווינט אומזי'סט ניט בלאָזן, זאָל ער בלײַבן ליגן שטיל!

(*Л. Квитко*) (ל. קוויטקאָ')

В таких предложениях (где זאָל употребляется в значении „пусть”) слово זאָל обычно стоит в начале предложения.

Таким образом, повелительные формы для всех лиц единственного и множественного числа можно представить в виде следующей сводной таблицы:

| *Единственное число* | אײ׳נצאָל |
|---|---|
| 1. Возьму-ка я! | 1. לאָ׳מיך נע׳מען! |
| 2. Возьми! | 2. נעם! |
| 3. Пусть он возьмёт! | 3. לאָז (זאָל) ער נע׳מען! |
| *Множественное число* | מע׳רצאָל |
| 1. Давай(те) возьмём! | 1. לאָ׳מיר נע׳מען! |
| 2. Возьмите! | 2. נעמט! |
| 3. Пусть они возьмут! | 3. לאָזן (זאָלן) זיי נע׳מען! |

**Задание 4*.** Переведите на идиш: 1) Давай-те споём! 2) Пусть он поёт! 3) Пусть они поют! 4) Пойте! 5) Пой! 6) Спою-ка я! 7) Работай! 8) Работайте! 9) Пусть она работает! 10) Давайте работать! 11) Поработаю-ка я! 12) Пусть они работают!

## ЧТЕНИЕ

**Задание 5*.** Прочитайте и переведите стихотворения М. Варшавского, И. Фефера.

### I

**מאַרק וואַרשאַ׳ווסקי**

### דאָס ליד פֿון דעם ברויט

גרוי׳סער גאָט, מיר זי׳נגען לי׳דער –
או׳נדזער הילף ביסטו׳ אַליי׳ן –
נעמט צונוי׳ף די סנאָ׳פּעס, ברי׳דער,
ביז די זון וועט או׳נטערגיין!

לאָז די זון אונדז ברי׳ען, בראָ׳טן,
זי האָט אונדז געשײַ׳נט צום גליק;
זעט, דאָס ברויט איז אונדז געראָ׳טן –
קי׳נדער, קיין מאָל ניט צורי׳ק!...

גרוי'סער גאָט, דו העלפֿסט דעם מענטשן,
אַז ער רופֿט צו דיר אין נויט –
זאָלסט אונדז ווײַ'טער טאַ'קע בענטשן
מיט הצלחה [hацло'хэ] און מיט ברויט!

לאָזן או'נדזערע קי'נדער וויסן
פֿון אַ לעבן אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברויט און יע'דער ביסן
איז פֿון או'נדזער אייגן פֿעלד.

| | ווערטער צום טעקסט | Слова к тексту |
|---|---|---|
| א | או'נטערגיין (איז או'נטערגעגאַנגען) | заходить *(о солнце)* |
| | אייגן | свой, собственный |
| ב | ביסן דער (ס) | кусок |
| | בענטשן | благословлять |
| | בראָטן | жарить |
| | ברי'ען | жарить; жечь, обжигать |
| ג | געראָ'טן (איז געראָטן) | удаваться; урождаться |
| ה | הילף די | помощь |
| | הצלחה די (־ות) [hацло'хэ] | удача |
| י | יע'דער | каждый |
| נ | נויט די | беда; нужда |
| צ | צונוי'פֿנעמען (צונוי'פֿגענומען) | собирать |
| ש | שײַ'נען | светить; сиять |

## II

אי'ציק פֿע'פֿער

### ביראָבידזשאַ'נער פֿריי'לעכס

1) שפּילט אַ פֿריי'לעכס! שפּילט אַ פֿריי'לעכס!
2) אין דעם ראָד אַרײַן געשווי'נד,
3) אַ'לע פֿאָ'לעס און פֿאַטשיי'לעס
4) ווי די זע'גלען אויפֿן ווינט!
5) פֿי'דלען, פֿלייטן, קאָנטראַבאַ'סן,
6) זאָלן טאַנצן אַ'לע גאַסן,
7) זאָלן דו'נערן טרומיי'טן,
8) און די גרינסן אויף די בייטן
9) זאָלן זאַ'פֿטיק זײַן און גוט!
10) פֿי'דלען, פֿלייטן ניט גערו'ט!

11) ווי געשמאַ'קע הוי'כע זאַ'נגען
12) זאָלן רוישן די געזאַ'נגען!
13) שפּילט אַ פֿריי'לעכס!
14) מיי'דלעך! יו'נגען!
15) ס'איז אַ לעבן דאָ פֿאַרפֿלאַ'נצט.
16) אויב געזו'נגען, איז געזו'נגען,
17) אויב געטאַ'נצט, זאָל זײַן געטאַ'נצט!

## *Пояснения к тексту*

1) אַ פֿריי'לעכס „Фрейлехс” („Весёлое”) – название народного танца.
2) אין דעם ראָד אַרײַ'ן! в круг!
10) ניט גערו'ט! не отдыхайте! (*зд.* не останавливайтесь, играйте!)
15) ס'איז אַ לעבן דאָ פֿאַרפֿלאַ'נצט здесь посажены саженцы новой жизни (*букв.* здесь посажена жизнь).
16) אויב געזו'נגען, איז געזו'נגען! если петь, так петь!
17) אויב געטאַ'נצט, זאָל זײַן געטאַ'נצט! если плясать, так плясать!

| Слова к тексту | | ווערטער צום טעקסט |
|---|---|---|
| грядка | ב | בייט די (ן) |
| пение; песня | ג | געזאַ'נג דער (ען) |
| быстро, проворно | | געשווי'נד |
| вкусный, аппетитный | | געשמאַ'ק |
| зелень; овощи | | גרינסן די מ"צ |
| греметь | ד | דו'נערן |
| ветер | ו | ווינט דער (ן) |
| колос | ז | זאַנג די (ען) |
| сочный | | זאַפֿטיק |
| парус | | זעגל דער (ען) |
| труба; горн | ט | טרומיי'ט דער (ן) |
| юноша, парень | י | יונג דער (ען) |
| пола́ *(одежды)* | פּ | פּאָ'לע די (ס) |
| платок *(женский; головной)* | פֿ | פֿאַטשיי'לע די (ס) |
| посадить *(деревья, цветы, овощи)* | | פֿאַרפֿלאַ'נצן |
| скрипка | | פֿידל די/דער (ען) |
| флейта | | פֿלייט די (ן) |
| контрабас | ק | קאָנטראַבאַ'ס דער (ן) |
| 1. колесо; 2. круг *(танцующих)* | ר | ראָד די/דאָס (רע'דער) |
| шуметь | | רוישן |

# СЛОВООБРАЗОВАНИЕ

## УМЕНЬШИТЕЛЬНЫЕ ЗНАЧЕНИЯ СУЩЕСТВИТЕЛЬНЫХ

Суффиксы ל- и **עלע**- служат для обозначения малого размера предмета.

Суффикс ל- обозначает предмет размером меньше обычного. Сравните:

דער טיש „стол” и דאָס טיש-ל „столик”;

די האַנט „рука” и דאָס הענטל „ручка”.

Суффикс **עלע**- указывает на ещё бо́льшую степень уменьшения, часто с оттенком ласкательности. Сравните:

דאָס טישל „столик” и דאָס טיש-עלע „(совсем) маленький столик”;

די האַנט „рука” и דאָס הענט-עלע „(совсем) маленькая ручка”.

При образовании уменьшительных существительных посредством суффиксов ל- и **עלע**- нередко имеет место чередование гласной в корне. Например:

| | | |
|---|---|---|
| דער קאָפּ → | דאָס קעפּל | דאָס קע'פּעלע |
| голова | головка | маленькая головка |
| דער פֿוס → | דאָס פֿיסל | דאָס פֿי'סעלע |
| нога | ножка | маленькая ножка |

> ☞ ***Внимание!*** Все уменьшительные существительные с суффиксами ל-, **עלע**- ***среднего*** рода и во множественном числе получают суффикс ך(ע)-. Сравните:
>
> דאָס פֿיסל → די פֿי'סל-עך; דאָס טישל → די טישל-עך
>
> דאָס פֿי'סעלע → די פֿי'סעלע-ך; דאָס טי'שעלע → די טישעלע-ך

Если исходное существительное оканчивается на ל-, то перед уменьшительными суффиксами ל-, **עלע**- вставляется (для более удобного произношения) звук -כ- [x]

| | | |
|---|---|---|
| דאָס קול → | [кэлхл] דאָס קול-כ-ל | [кэ'лхэлэ] דאָס קול-כ-עלע |
| голос | голосок | голосочек |
| די מיל → | דאָס מילכל | דאָס מי'לכעלע |
| мельница | мельничка | маленькая мельничка |

У существительных, оканчивающихся на ן-, перед ל-, עלע- вставляется (для более удобного произношения) звук -ד- [*д*]:

| | | |
|---|---|---|
| דער צאָן → | דאָס צײ'נ–ד–ל | דאָס צײ'נ–ד–עלע |
| зуб | зубок | маленький зубок |
| דער רעגן → | דאָס רעגנדל | |
| дождь | дождик | |

**Задание 6.** Руководствуясь образцом, напишите уменьшительные формы от приведённых ниже существительных. Подчеркните артикли и суффиксы. Вспомните значение исходного существительного и переведите все три формы.

| | | | |
|---|---|---|---|
| *Образец:* | דאָס לידעלע | דאָס לידל | דאָס ליד |
| | маленькая песенка | песенка | песня |

1) דער בריוו, 2) די שיף, 3) דער העפֿט, 4) דער מענטש, 5) די פֿלייט, 6) דאָס קלייד, 7) די בייט, 8) דאָס פֿערד.

**Задание 7.** То же – от существительных с изменением гласной корня на -ע- [*э*]; гласную корня подчеркните.

| | | | |
|---|---|---|---|
| *Образец:* | דאָס בעקעלע | דאָס בעקל | די באַק |
| | маленькая щёчка | щёчка | щека |

1) דער באַרג, 2) די גאַס, 3) דאָס האַרץ, 4) דער פּלאַץ, 5) דער קאָפּ, 6) די שטאָט, 7) די נאָז, 8) דאָס וואָרט.

**Задание 8.** То же – с изменением гласной корня на -י- [*и*].

| | | | |
|---|---|---|---|
| *Образец:* | דאָס ביכעלע | דאָס ביכל | דער בוך |
| | маленькая книжечка | книж(еч)ка | книга |

1) דער שוך, 2) די בלום, 3) דער פֿוס, 4) דאָס טוך.

**Задание 9.** Перепишите следующие существительные; чёрточкой отделите корень от суффикса. Переведите каждую форму на русский язык.

| | | | |
|---|---|---|---|
| *Образец:* | דאָס הענ–דעלע | דאָס הענ–דל | דער האָן |
| | маленький петушок | петушок | петух |

1) די הון (הינדל, הי'נדעלע), 2) דער שטערן (שטערנדל), 3) דער צאָן (ציינדל, צײ'נדעלע), 4) דער שטיין (שטיינדל, שטײ'נדעלע), 5) דער זאַל (זעלכל, זע'לכעלע), 6) דער שטול (стул) (שטולכל, שטו'לכעלע), 7) די מיל (מילכל, מי'לכעלע), 8) דאָס מויל (рот) (מײַלכל, מײַ'לכעלע, 9) דאָס קול (קולכל, קולכעלע), 10) דער ביין (кость) (ביינדל, בײ'נדעלע).

**Задание 10.** Напишите приведённые ниже уменьшительные существительные в форме множественного числа.

*Образец:* מ״צ די טישלעך – דאָס טישל

1) דאָס שטיינדל, 2) דאָס ציינדל, 3) דאָס טישל, 4) דאָס ביכל, 5) דאָס מילכל,
6) דאָס ברי’וועלע, 7) דאָס פֿי’שעלע, 8) דאָס קע’פּעלע, 9) דאָס ביי’מעלע,
10) דאָס שי’כעלע.

**Задание 11*.** Прочитайте и переведите следующие тексты. Обратите внимание на уменьшительные формы существительных.

**חיים-נחמן [хайим-на'хман] ביאַ’ליק**

**או’נטער די גרי’נינקע ביי’מעלעך**

או’נטער די גרי’נינקע ביי’מעלעך
שפּילן זיך משהלעך [мо'йшэлэх], שלמהלעך [шло'ймэлэх];
ציצית [ци'цэс], קאַפּאָ’טקעלעך, פּאהלעך [пэ'йэлэх] –
ייִ’דעלעך פֿריש פֿון די איי’עלעך.
גו’פֿעלעך – שטרוי, רויך און פֿע’דערלעך,
נעם און צעבלאָ’ז זיי אויף גלי’דערלעך –
כאַפּן זיי אוי’ף גרי’נגע ווי’נטעלעך
און סע צעטראָ’גן זיי פֿיי’געלעך.

נאָר איין זאַך פֿאַרמאָ’גן זיי – איי’געלעך,
די אויגן פֿאַרמאָ’גן צוויי פֿי’נטעלעך,
וואָס גלי’ִען און פֿי’נקלען און טוקן זיך,
און ע’פּעס נבֿיאיש [нэви'иш] און ווו’נדערלעך,
פֿאַרטראַ’כטן זיך טיף און פֿאַרקו’קן זיך
אויף נע’כטיקע טעג און אויף פֿיי’געלעך –
אוי! מיר זאָל זייַן, ייִ’דישע קי’נדערלעך,
פֿאַר איַי’ערע כּשרע [ко'шэрэ] איי’געלעך!

| Слова к тексту | ווע’רטער צום טעקסט |
|---|---|
| поймать | א אוי’פֿכאַפּן |
| тело | ג גוף דער (ים) |
| член *(тела; организации)* | גליד דאָס (ער) |
| пылать | גלי’ִען |
| окунаться; погружаться и появляться вновь; *зд.* мерцать | ט טוקן זיך |
| кошерный | כּ כּשר [ко'шэр] |

| | | |
|---|---|---|
| מ | משהלע (ך) [мо'йшэлэ] | Мойшеле *(имя)* |
| פּ | פּאהלעך מ״צ [пэ'йэлэх] | маленькие пейсы |
| פֿ | פֿאַרמאָ'גן | иметь; обладать *(чем-либо)* |
| | פֿאַרקו'קן זיך | задуматься |
| | פֿי'נקלען | искриться |
| | פֿע'דער די (ן) | перо |
| | פֿריש פֿון די איי'עלעך | только что вылупившиеся из яичек |
| צ | ציצית מ״צ [ци'цэс] | цицис *(четыре кисти в одежде религиозных евреев)* |
| | צעבלאָ'זן | раздуть |
| | צעטראָ'גן (צעטראָ'גן) | разнести |
| ק | קאַפּאָ'טקעלע דאָס (ך) | верхняя одежда типа халатика |
| ר | רויך דער (ן) | дым |
| ש | שטרוי דער (ען) | солома |
| | שלמהלע (ך) [шло'ймэлэх] | Шлоймеле *(имя)* |

פּרץ [пэ'рэц] מאַ'רקיש

### זאַ'נגעלעך

אין גאָ'לדענע רע'קעלעך
אויף די'נינקע שטאַ'נגעלעך
הוי'דען זיך זאַ'נגעלעך
מיט פֿו'לינקע בע'קעלעך.
שו'שקען זיך ברע'קעלעך
מיט גרי'נינקע ווי'נטעלעך –
גאַ'נצע געזי'נדעלעך
גאָ'לדענע גלע'קעלעך.

### Слова к тексту — ווערטער צום טעקסט

| | | |
|---|---|---|
| ב | באַק די (ן) | щека |
| | בע'קעלע דאָס (ך) | щёчка |
| | ברע'קעלע דאָס (ך) | крошечка |
| ג | גלאָק דער (ן, גלע'קער) | колокол |
| | גלע'קעלע דאָס (ך) | колокольчик |
| | געזי'נד דאָס (ער) | семья; род |
| | געזי'נדעלע דאָס (ך) | семейка |

| | | |
|---|---|---|
| ветер | ווינט דער (ן) | ו |
| ветерок | ווי'נטעלע דאָס (ך) | |
| колос | זאַנג די (ען) | ז |
| колосок | זאַ'נגעלע דאָס (ך) | |
| сюртук; пиджак | ראָק דער (רעק) | ר |
| сюртучок; курточка | רע'קעלע דאָס (ך) | |
| шептаться, шушукаться | שו'שקען זיך | ש |
| 1. стебель; 2. штанга; шест | שטאַנג דער (ען) | |
| стебелёк | שטאַ'נגעלע דאָס (ך) | |

**Грамматика:** Смешанное наклонение (сочетания „זאָלן + неопределённая форма глагола”).
**Тексты:** 1) „Спи, мой Янкеле...” (*М. Гебиртиг*); 2) „Будь я Ротшильд” (*Шолом-Алейхем*).

# ГРАММАТИКА

## СМЕШАННОЕ НАКЛОНЕНИЕ

Смешанное наклонение представлено сочетанием вспомогательного глагола זאָלן с неопределённой формой глагола, составляющими одно смысловое целое. Например:

| | |
|---|---|
| „Как объяснить<br>(как ***должна я объяснять***), | „ווי אַזוי’ זאָל איך דערקלע’רן, |
| Как доказать<br>(как ***должна я доказывать***), | ווי אַזוי’ זאָל איך דערווײַ’זן, |
| Как мне рассказать<br>(как ***должна я рассказывать***), | ווי אַזוי’ זאָל איך דערציי’לן, |
| *Чтобы* лучше *поняли* меня?”<br>(*Д. Хайкина*) | מע זאָל בע’סער מיך פֿאַרשטיי’ן?“<br>(ד. כײַ’קינע) |

Смешанное наклонение многозначно. В одних случаях оно выражает условие совершения действия (подобно условному наклонению с וואָלטן), в других – желание, просьбу, приказ (подобно повелительному наклонению). Сочетания с זאָלן могут также выражать сомнение, предположение, неуверенность, возможность или необходимость действия и т. п.

Этой многозначностью и обусловлено название „смешанное наклонение”.

> ☞ ***Внимание!*** Встретив в тексте слово с основой זאָל, следует найти и относящуюся к нему неопределённую форму глагола и переводить всё это сочетание как единое целое.

**Задание 1*.** Напишите номера следующих предложений и рядом с каждым выпишите сочетание זאָלן с неопределённой формой соответствующего глагола.

| | |
|---|---|
| 1) Что бы подарить ей, | 1) וואָס זאָל איך איר שע'נקען, |
| 2) чтобы помнила обо мне? | 2) זי זאָל מיך געדע'נקען? |
| 3) Что бы дать ей, | 3) וואָס זאָל איך איר געבן, |
| 4) чтобы было ей на благо? | 4) עס זאָל איר זײַן צום לעבן? |
| 5) Что же она примет (в подарок), | 5) וואָס זשע וועט זי נע'מען, |
| 6) чтобы это её не смутило? | 6) עס זאָל זי ניט פֿאַרשע'מען? |
| (*А. Кацев*) | (א. קצבֿ [ка'цэв]) |

*Пояснение к тексту*

4) צום לעבן *зд.* на благо (*букв.* на жизнь; *ср.* на здоровье)

## Основные значения форм смешанного наклонения

I. Вспомогательный глагол זאָלן в форме *прошедшего времени* – געזאָ'לט (האָבן, האָט, האָסט, האָב) – соответствует русскому обороту „должен был". Например:

| | |
|---|---|
| 1) Он *должен был* придти. | 1) ער האָט געזאָ'לט קו'מען. |
| 2) Ты *должен был* спросить. | 2) דו האָסט געזאָ'לט פֿר'עגן. |

**Задание 2*.** Переведите на русский язык:

1) איך האָב געזאָ'לט קו'מען. 2) דער שי'לער האָט געזאָ'לט ע'נטפֿערן. 3) דו האָסט געזאָ'לט בע'סער אַ'רבעטן. 4) די קי'נדער האָבן געזאָ'לט לע'רנען. 5) מיר האָבן געזאָ'לט מאַכן די אוי'פֿגאַבע. 6) איר האָט געזאָ'לט לע'רנען יי'דיש. 7) זי האָט געזאָ'לט אַרוי'סשרײַבן די נײַ'ע ווע'רטער. 8) איך האָב געזאָ'לט קויפֿן דעם זשורנאַ'ל. 9) דו האָסט געזאָ'לט ליי'ענען דעם אַרטי'קל. 10) אַ'לע האָבן געזאָ'לט אַ'רבעטן.

II. Вспомогательный глагол זאָלן в формах *настоящего времени* – זאָלן, זאָלט, זאָלסט, זאָל – придаёт основному глаголу самые разные добавочные значения, а именно:

*а*) זאָלן употребляется для выражения *совета, рекомендации, просьбы* или *приказа* и переводится словами „надо", „следует", „должен", „пусть" или повелительной формой основного глагола:

| | |
|---|---|
| 1) *Напиши* (тебе *следует*, ты *должен написать*) ей немедленно письмо! | 1) דו זאָלסט איר גלײַך אָ'נשרײַבן אַ בריוו! |

| | |
|---|---|
| 2) *Пусть* он немедленно телеграфирует! (ему *следует*, он *должен телеграфировать*) | 2) זאָל ער גלײַך טעלעגראַפֿי'רן! |
| 3) ***Не приходите*** слишком поздно! (вам ***не следует***, вы *не должны приходить*) | 3) **איר** זאָלט **ניט** קו'מען **צו שפּעט!** |

*б*) **זאָלן** употребляется в вопросах, нацеленных на *получение рекомендации*, *указания* или *совета* относительно действия, которое следует выполнить.

| | |
|---|---|
| 1) *Читать?* (*дословно: следует ли* мне читать?) | 1) זאָל איך לײ'ענען? |
| 2) *Переводить ли* нам это задание? (*Должны ли* мы переводить?) | 2) זאָלן מיר אי'בערזעצן די דאָ'זיקע אוי'פֿגאַבע? |
| 3) Когда ему (когда он *должен*) прийти к вам? | 3) ווען זאָל ער קו'מען צו אײַך? |
| 4) Что мне делать? (Что я *должен делать*?) | 4) וואָס זאָל איך טאָן? |

**Задание 3*.** Переведите следующие предложения:

1) ווער זאָל מיר ע'נטפֿערן אויף מײַ'נע פֿראַ'געס? 2) ווע'לכע צײַ'טונגען זאָל איך אוי'סשרײַבן? 3) ווי אַזוי' זאָלן מיר מאַכן די אוי'פֿגאַבע? 4) וואָס פֿאַר אַ בי'כער זאָל איך דיר ברע'נגען? 5) וווּהי'ן זאָלן מיר גיין? 6) וויפֿל געני'טונגען זאָלן מיר מאַכן? 7) ווי אָפֿט זאָל איך דיר שרײַבן? 8) ווע'מען זאָל איך אי'בערגעבן דעם זשורנאַ'ל? 9) וואָס זאָל ער פֿרעגן בײַ דעם חבֿר? 10) וואָס זאָל ער טאָן?

*в*) Сочетания относительного местоимения или наречия с **זאָלן** и с отрицанием **ניט** (или **נישט**) переводятся на русский язык соответствующим относительным местоимением или наречием с добавлением частиц „***бы... ни***". Сравните, например, перевод следующих пар предложений: в первых предложениях употребляется сочетание „вопросительное слово + **זאָלן**", а во вторых – соответствующее „относительное местоимение или наречие + **זאָלן**", но с добавлением **ניט**:

| | |
|---|---|
| 1) *Когда* мне прийти? | 1) ווען זאָל איך קו'מען? |
| 2) *Когда бы* ты *ни* пришёл, я всегда дома. | 2) ווען דו זאָלסט ניט קו'מען, בין איך שטע'נדיק אין דער היים. |
| 1) *Что* мне (что я должен) подарить тебе? | 1) וואָס זאָל איך דיר שע'נקען? |
| 2) *Что бы* ты *ни* подарил, всё мне понравится. | 2) וואָס דו זאָלסט ניט שע'נקען, אַלץ וועט מיר געפֿע'לן. |

**Задание 4***. Переведите отрывки из произведений художественной литературы.

1) וויפֿל די מאַ'מע זאָל זי ניט טרייסטן, 2) וויפֿל דער טאַ'טע זאָל זי דע'אָמלט ניט קושן – עס העלפֿט קיין זאַך ניט, בו'זי מוז זיך אוי'סוויינען (שלום-עליכם). 3) סע'ניע איז געווע'ן גרייט גיין מיט איר, וווהי'ן זי זאָל אים ניט רופֿן. 4) ער איז געווע'ן גרייט טאָן פֿאַר איר אַלץ, וואָס זי זאָל ניט וועלן (נאָ'טע לוריע'). 5) ווי גרויס עס זאָל ניט זײַן דער ים, פֿאַרצאַ'מט אים פֿאָרט דער ברעג. 6) ווי שטאַרק עס זאָל ניט זײַן דער טאַן, באַזי'גט אים פֿאָרט די זעג. 7) ווי שוואַך מײַן ווילן זאָל ניט זײַן, ווי קליין מײַן טרוים, 8) ער לייגט זיך אין קיין ברעג ניט אײַ'ן און ווייסט ניט פֿון קיין צוים (א. גאָנטאַ'ר).

| Слова к тексту | ווערטער צום טעקסט | |
|---|---|---|
| выплакивать(ся) | אוי'סוויינען (זיך) | א |
| укладываться; помещаться *(в чём-либо)* | אײַ'נלייגן זיך | |
| побеждать *(кого-либо, что-либо)* | באַזי'גן | ב |
| берег | ברעג דער (ן) | |
| воля; желание | ווילן דער (ס) | ו |
| он знает | ווייסט: ער ווייסט | |
| пила | זעג די (ן) | ז |
| ель | טאַן דער (ען) | ט |
| утешать | טרייסטן | |
| загораживать; заграждать | פֿאַרצאַ'מען | פֿ |
| всё же, всё-таки; тем не менее | פֿאָרט | |
| 1. ограда; 2. узда | צוים דער (ען) | צ |
| целовать | קושן | ק |
| маленький | קליין | |
| слабый | שוואַך | ש |

*г)* ***В сочетании с союзом*** **ווען** „если" или **אַז** „если", „когда", ***а также без них***, **זאָלן** употребляется в значении „если бы". При этом в другой части предложения обычно имеется вспомогательный глагол **וואָלטן**, который соответствует русскому „(то)... бы".

| | |
|---|---|
| *Если бы...*, то бы ... | (ווען)... זאָל, וואָלט... |
| ... ***бы***..., *если бы*... | ... וואָלט..., (ווען) ... זאָל... |
| 1) Ах, ***если бы*** мама была хорошей мамой, (*то*) она сделала (***бы***) меня музыкантом. | 1) אַך, ווען די מאַ'מע זאָל זײַן אַ גו'טע מאַ'מע, וואָלט זי מיך געמאַ'כט פֿאַר אַ כּלי־זמר [клэ'змэр] |
| (*Шолом-Алейхем*) | (שלום-עליכם) |

| | |
|---|---|
| 2) *Было бы* хорошо, *если бы* не было больше войн в мире, *если бы* молодые женщины становились матерями, а не преждевременными вдовами. | 2) עס וואָלט געווע'ן גוט, אַז קיין מלחמות זאָלן מער אויף דער וועלט ניט זײַן, אַז יו'נגע פֿרוי'ען זאָלן ווערן מאַ'מעס און ניט קיין פֿרי'צײַטקע אַלמנות [алмо'нэс] |

(*И. Бург*) (י. בורג)

**Задание 5*.** Переведите фразы из произведений Шолом-Алейхема.

1) ווען דער פיסק זאָל ליגן אין דער ערד, וואָלט דער קאָפּ געגאַ'נגען אין גאָלד. 2) אַז גאָט זאָל ליב האָבן אַ קבצן [капцн], וואָלט אַ קבצן קיין קבצן ניט געווע'ן. 3) ער זאָל וועלן, וואָלט ער געווע'ן רײַך ווי קורח [ко'йрэх]. 4) „ווו ליגט דער אוצר [о'йцэр] באַהאַ'לטן?“ – „חכם [хо'хэм]!... ווען איך זאָל וויסן, וואָלט איך דיר שוין לאַנג געזאָ'גט.“ 5) מײַן ברו'דער ע'ליע איז אוי'סער זיך. ער זאָל זיך ניט שע'מען פֿאַר דער מאַ'מען, וואָלט ער דעם חתן קאָפּל פֿרי'ער דו'רכגעפּאַטשט און נאָ'כדעם אַרוי'סגעוואָרפֿן פֿון שטוב. 6) ווען איך, אַ שטיי'גער, זאָל האָבן אַזאַ' מע'סערל, ווי גלי'קלעך וואָלט איך געווע'ן. 7) ווען איך זאָל ניט מורא האָבן פֿאַר מײַן ברו'דער ע'ליע און ניט שע'מען זיך פֿאַר לײַטן, וואָלט איך אַני'דערגעפֿאַלן אויף דער ערד און וואָלט זיך אי'בערגעקולי'ערט דרײַ מאָל מיטן קאָפּ אַראָ'פּ און מיט די פֿיס אַרוי'ף (שלום-עליכם).

## *Пояснение к тексту*

3) רײַך ווי קורח сказочно, очень богат (*букв.* богат, как Койрэх). Койрэх (Корей) – библейский персонаж. Поговорка, аналогичная выражению „богат, как Крез”.

| **Слова к тексту** | **ווערטער צום טעקסט** | |
|---|---|---|
| вне себя | אוי'סער זיך | א |
| клад; сокровище | אוצר דער (ות) [о'йцэр-о'йцрэс] | |
| кувыркаться | אי'בערקולי'ערן זיך | |
| вдова | אַלמנה די (־ות) [алмо'нэ] | |
| упасть *(вниз)* | אַני'דערפֿאַלן (איז אַני'דערגעפֿאַלן) | |
| например | אַ שטיי'גער | |
| Бог | גאָט$^{1}$ דער | ג |
| бог, божество | גאָט$^{2}$ דער (גע'טער) | |
| золото | גאָלד דאָס | |
| надавать оплеух | דו'רכפּאַטשן | ד |
| ждать *(кого-либо; что-либо)* | וואַרטן (אויף) | ו |
| умница; мудрец | חכם דער (ים) [хо'хэм-хахо'мим] | ח |
| любить | ליב האָבן | ל |

| | |
|---|---|
| לײַט די מ״צ | люди |
| מ מע׳סערל דאָס (עך) | ножик |
| פּ פּיסק דער (עס) | рыло, пасть *(просторечно)* |
| פֿ פֿרי׳ער | раньше |
| ק קבצן דער (ים) [капцн-капцо'ним] | бедняк; нищий |
| ר רײַך | богатый |
| ש שטוב די (שטיבער) | дом; изба |
| שע׳מען זיך | стесняться |

*д) В сочетании с союзами* כּדי [кэдэ'й] „для того чтобы” или אַז „что”, „чтобы”, а также без них вспомогательный глагол זאָלן употребляется в предложениях, поясняющих *цель действия или намерение, пожелание, просьбу, требование, опасение,* и переводится союзом „*чтобы*”.

| | |
|---|---|
| 1) Умный ест, ***чтобы*** жить, глупый живёт, чтобы есть. (*пословица*) | 1) אַ חכם עסט, כּדי ער זאָל לעבן, אַ נאַר לעבט, כּדי ער זאָל עסן. (שפּרי׳כוואָרט) |
| 2) Курице подкладывают яйцо, *чтобы* иметь двух (кур). (*пословица*) | 2) מע לייגט או׳נטער דער הון אַן איי, (כּדי) מע זאָל האָבן צוויי. (שפּרי׳כוואָרט) |
| 3) Мир не допустит, *чтобы* мальчик (сын) кантора Пейси был музыкантом. (*Шолом-Алейхем*) | 3) די וועלט וועט ניט דערלאָ׳זן, אַז פּיי׳סי דעם חזנס [ха'знс] ייִנגל זאָל זײַן אַ כּלי־זמר. (שלום-עליכם) |
| 4) И как назло нынешним летом яблоки растут одно к одному, они просят, умоляют, *чтобы* их сорвали. (*Шолом-Алейхем*) | 4) און ווי אויף צו להכעיס [цэло'хэс] וואַקסן הײַ׳נטיקן זו׳מער עפּל איינס אין איינס, זיי בעטן זיך, זיי חלשן [ха'лэшн], מע זאָל זיי אַראָ׳פּרײַסן. (שלום-עליכם) |
| 5) Учитель сказал (просил, хотел, требовал), *чтобы* мы сказали родителям, *чтобы* они пришли на родительское собрание. | 5) דער לע׳רער האָט געזאָ׳גט (געבע׳טן, געוואָ׳לט, געפֿאָ׳דערט), (אַז) מיר זאָלן זאָגן די ע׳לטערן, (אַז) זיי זאָלן קו׳מען אויף דער ע׳לטערן־פֿאַרזאַמ- לונג. |

**Задание 6*.** Переведите отрывки из произведений художественной литературы.

1) מײַן ברו׳דער ע׳ליע קוקט אויף מיר, איך זאָל זיצן ווי אַ מענטש, איך זאָל עסן מיט אַ גאָפּל און זאָל ניט כאַפּן, און זאָל אַ׳כטונג געבן אויף דער נאָז. 2) די מאַ׳מע האָט מורא, ער זאָל מיך ניט שלאָגן. 3) זי רוימט אים איַין אַ סוד [сод], ער זאָל

מיך ניט שלאָגן, וואָ'רעם איך בין אַ יתום [йо'сэм] (שלום-עליכם). 4) איר האָט שוין געזע'ן, אַז פֿון וואַ'רעמען זיך בײַ דער הרו'בע זאָל ע'מעצער פֿאַרדי'נען געלט? 5) אין דער היים האָט מען מיר געזאָ'גט, איר זאָלט מיר אַראָ'פּנעמען אַ מאָס און אוי'פֿנייען פֿו'נעם שטאָף אַ גאַרני'טער (ד. בערגעלסאָ'ן). 6) איך וויל, עס זאָל שטע'נדיק גיין אַ רעגן, איך האָב ליב פֿון די טראָפּנס די באַווע'גונג. 7) איך וויל, די זון זאָל שטע'נדיק שײַנען, מיך שיכּורן [ши'кэрн] מיט אי'רע ווײַ'נען (ש. כאַלאַ-דע'נקאָ). 8) מײַן לע'רער האָט זיי'ער געוואָ'לט, איך זאָל ווערן אַ שרײַ'בער. 9) דער באַלעבאָ'ס האָט פֿאַרברוקי'רט דעם הויף, כּדי די ווע'גענער זאָלן ניט זי'נקען (ב. מאַגי'לנער). 10) ער האָט גערע'דט הויך, אַ'לע זאָלן הערן. 11) סטעפּאַ'ן אַלעקסאַ'נדראָוויטש... האָט מיר גלײַך אָ'נגעזאָגט וועגן זײַן פּלאַן, איך זאָל אָ'נפֿירן מיט דער רע'לסן־לאַבאָראַטאָ'ריע. 12) מיך האָט עס פֿאַרווו'נדערט, ווײַל פֿרי'ער איז געגאַ'נגען אַ רייד וועגן דעם, איך זאָל זײַן פּשוט [по'шэт] אַ מי'טאַרבעטער (ט. גען). 13) זײַ ניט צו זיס, איך זאָל דיך ניט אײַ'נשלינגען, זײַ ניט צו בי'טער, איך זאָל דיך ניט אוי'ס- שפּײַען (שפּריכוואָרט).

## *Пояснения к тексту*

3) אײַ'נרוימען (עמעצן) אַ סוד сказать *(кому-либо)* по секрету;

Обратите внимание на различное написание форм множественного числа от омонимов (слов, имеющих одинаковое звучание) דער סאָד „сад" и דער סוד „секрет" в зависимости от смысла слова:

| | |
|---|---|
| сад – ***мн. ч.*** сады | דער סאָד – מ"צ סעדער |
| секрет – *мн. ч.* секреты | דער סוד – מ"צ סודות |

Подобным образом различайте омонимы:

| | |
|---|---|
| сын – *мн. ч.* сыновья | דער זון – מ"צ זין |
| солнце – *мн. ч.* солнца | די זון – מ"צ זו'נען |
| звезда – ***мн. ч.*** звёзды | דער שטערן – מ"צ שטערן |
| лоб – ***мн. ч.*** лбы | דער שטערן – מ"צ שטערנס |

5) (ס) גאַרני'טער דער *уст.* (мужской) костюм;

7) מיך שיכּורן מיט אי'רע ווײַ'נען *зд.* пьянило меня своими лучами (*букв.* винами);

12) ...פֿרי'ער איז געגאַ'נגען אַ רייד, אַז... раньше речь шла о том, чтобы...;

13) частица צו перед прилагательным или наречием произносится с ударением и переводится „слишком", „чересчур": צו' זיס „слишком сладко", צו' בי'טער слишком горько.

## Слова к тексту — ווערטער צום טעקסט

| | | |
|---|---|---|
| א | אוי'פֿנייען | сшить |
| | אוי'סשפּײַען (אוי'סגעשפּיגן, אוי'סגעשפּײַט) | выплюнуть |
| | איי דאָס (ער) | яйцо |
| | אײַ'נרוימען | сказать доверительно, шёпотом |
| | אײַ'נשלינגען (אײַ'נגעשלונגען) | проглатывать |
| | אַ'כטונג די | 1. внимание; 2. уважение |
| | אַ'כטונג געבן | обращать внимание, присматривать, следить |
| | אויף צו להכעיס [цэло'хэс] | назло |
| | אַראָ'פּנעמען (אַראָ'פּגענומען) | снимать |
| | אַראָ'פּרײַסן (אַראָ'פּגעריסן) | срывать |
| | אָ'נזאָגן | уведомлять; сообщать |
| | אָ'נפֿירן (מיט) | руководить *(кем-л., чем-л.)* |
| ב | בי'טער | горький |
| ג | גאָפּל דער (ען) | вилка |
| | געלט דאָס | деньги |
| ד | דערלאָ'זן (דערלאָ'זט, דערלאָ'זן) | допускать |
| ה | הרו'בע די (ס) | комнатная печка |
| ו | וואַ'רעמען (זיך) | греть(ся) |
| ט | טראָפּן דער (ס) | капля |
| י | יתום דער (ים) [йо'сэм-йэсо'ймим] | сирота *(мальчик)* |
| | יתומה די (־ות) [йэсо'ймэ] | сирота *(девочка)* |
| ח | חלשן [ха'лэшн] | 1. падать в обморок; 2. жаждать, желать; 3. млеть |
| כּ | כּדי [кэдэ'й] | чтобы; для того чтобы |
| כ | כאַפּן | 1. ловить, хватать; 2. торопиться |
| מ | מאָס די (ן) | мера; мерка |
| | מי'טאַרבעטער דער (ס) | сотрудник |
| נ | נאָז די (נעז, נע'זער) | нос |
| ס | סוד דער (ות) [сод-со'йдэс] | секрет, тайна |
| ע | ע'מעצער | кто-то, некто |
| | עפּל דער (=) | яблоко |
| פּ | פּשוט [по'шэт] | просто |
| פֿ | פֿאַרדי'נען | зарабатывать |
| | פֿאַרוווּ'נדערן | удивлять |
| | פֿאַרזאַ'מלונג די (ען) | собрание |
| צ | צו *(перед наречием и прилагательным)* | слишком |

| | |
|---|---|
| речь | ר  רייד די (=) |
| дождь | רעגן דער (ס) |
| рельс | רעלס דער (ן) |
| материал | ש  שטאָף דער (ן) |
| светить, сиять | שײַ'נען |
| 1. пьянить, опьянять; 2. пьянствовать | שיכּורן [ши'кэрн] |

е) *После союза* **ווי** „как” **זאָלן** соответствует оборотам с „будто”, „словно”, „как если бы”:

| | |
|---|---|
| 1) Он остановился, *будто (словно)* прислушиваясь к чему-то. | 1) עס האָט זיך אָ'פּגעשטעלט, ווי ער זאָל זיך אײַ'נהערן אין ע'פּעס. |
| 2) Он выглядит так хорошо, *будто* (*словно*) он вернулся с курорта. | 2) ער זעט אויס אַזוי גוט, ווי ער זאָל קו'מען פֿון אַ קוראָ'רט. |

*ж*) **זאָלן** может придавать основному глаголу значение действия или состояния, вызывающего у говорящего удивление, недоумение или возмущение:

| | |
|---|---|
| 1) Тунеядовка - маленькое местечко, заброшенный уголок... Случится, попадёт туда иногда кто-нибудь, жители распахивают окна, двери и *с удивлением* разглядывают нового человека. Соседи... спрашивают друг у друга: „*Кто бы это мог быть*?” | 1) טונעיאַ'דעווקע, דאָס קליי'נע שטעטל אין אַ פֿאַרוואָ'רפֿן ווינקל... ווען אַ מאָ'ל מאַכט זיך, איי'נער קומט אַהין צו פֿאָרן, עפֿנט מען די פֿע'נצטער, די טירן, און מע קוקט פֿאַרווו'נדערט אָ'ן דעם פֿרישן פֿאַרשוי'ן. שכנים [шхэ'йним]... פֿרעגן איי'נער בײַם אַ'נדערן: „האַ, **ווער זאָל עס זײַן**?“ |
| (*Менделе Мойхер-Сфорим*) | (מע'נדעלע מוכר-ספֿרים) |
| 2) Разве есть что-нибудь, *что могло бы ей понравиться*? *Где это слыхано*, говорит она, *чтобы поездка длилась* (целых) десять дней? | 2) עס איז דען פֿאַראַ'ן אַ זאַך, **וואָס זאָל איר געפֿע'לן**? ווו איז דאָס געהע'רט געוואָ'רן, זאָגט זי, אַז אַ נסיעה [нэси'э] **זאָל געדויערן** צען טעג? |
| (*Шолом-Алейхем*) | (שלום-עליכם) |

3) Сравните также оттенок удивления, пусть и наигранного, в колыбельной песне известного еврейского поэта М. Гебиртига:

(מרדכי [мо'рдхэ] געבירטיג)

שלאָף זשע מיר שוין יאַ'נקעלע, מײַן שיי'נער,
די איי'געלעך די שוואַ'רצינקע מאַך צו'.
אַ יי'נגעלע וואָס האָט שוין אַ'לע צייי'נדעלעך

מוז נאָך די מאַ'מע וויגן אײַ־ליו־ליו...
אַ ייִ'נגעלע וואָס האָט שוין אַ'לע צייִ'נדעלעך,
און וועט מיט מזל [мазл] באַלד אין חדר [хэ'йдэр] גיין,
און לע'רנען וועט ער חומש [ху'мэш] און גמרא [гэмо'рэ],
זאָל וויי'נען, ווען די מאַ'מע וויגט אים אײַ'ן.
אַ ייִ'נגעלע, וואָס וואַקסט אַ תּלמיד־חכם [та'лмид-хо'хэм]
און אַ געני'טער סוחר [со'йхэр] אויך צו גלײַך,
אַ ייִ'נגעלע אַ קלו'גער חתן־בחור [хо'сн-бо'хэр]
זאָל ליגן אַזוי נאַס, ווי אין אַ טײַך...

Спи, милый мой Янкеле,
Закрой свои чёрненькие глазёнки.
[Где это видано], чтобы мама убаюкивала мальчика,
У которого уже [выросли] все зубы (зубки)...
Мальчика, у которого уже все зубы,
И который скоро пойдёт в хэйдэр (школу),
И будет изучать Тору и Талмуд,
А он плачет, когда мама его убаюкивает.
Мальчика, который вырастет великим учёным
И к тому же умелым купцом,
А такой умный жених
Лежит мокрый [в колыбели], как в реке...

## Практические указания к определению значения זאָלן при чтении текста

Как видно из изложенного, вспомогательный глагол זאָלן выражает множество оттенков значений: просьбу, приказ, условие, предположение, сомнение, недоумение и т. д. В русском языке эти значения выражаются самыми различными средствами: словами „должен был", „пусть", „будто", „если бы", формами повелительного или сослагательного наклонений („читай!", „читал бы") и т. д. Поэтому у читателя, не владеющего в достаточной степени идишем, возникают трудности при переводе на русский язык значения זאָלן в данном конкретном предложении.

Для правильного понимания и перевода вспомогательного глагола זאָלן необходимо учитывать ряд признаков, имеющихся в самом тексте, а именно: 1) ***знаки препинания***; 2) *союзные слова*; 3) *контекст* (т. е. смысл всего предложения в целом).

Наличие ***вопросительного знака*** свидетельствует о том, что זאָלן употребляется для выражения вопроса или сомнения; наличие *воскли-*

*цательного знака* позволяет предположить рекомендацию, приказ, удивление, возмущение; наличие *запятой* указывает на придаточное предложение, в котором **זאָלן** соответствуют союзы „чтобы”, „будто”, „словно”, „если бы”.

Значение **זאָלן** уточняется далее союзными словами: **כּדי** „чтобы”; **ווען... וואָלט** „если бы..., то... бы...”; **ווי** или **גלײַך ווי, פּונקט ווי** „будто”, „словно”.

Наконец, на правильный перевод „наталкивает” и контекст. Так, после слов „он просит (требует, предлагает, желает, хочет и т. п.)” напрашивается перевод с союзом „чтобы” („он просит, чтобы...”); предшествующие слова „с удивлением”, „вне себя”, „с недоумением”, „не понимает” и т. п. или „мне сказали”, „я слышал” и т. п. уточняют, что **זאָלן** употребляется для выражения недоумения, удивления или, соответственно, сомнения в достоверности чужих слов (т. е. „поговаривают, будто...”, „я слышал, будто...” и т. п.).

**Задание 7.** Перепишите в свои тетради примеры, иллюстрирующие основные значения сочетаний с **זאָלן**. Обратите внимание на различия в содержании сопоставляемых предложений со вспомогательным глаголом **זאָלן** и без него.

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1) | Он пришёл. | ער איז געקו'מען. | 1) |
| 1а) | Он *должен был* прийти, но... | ער האָט געזאָ'לט קו'מען, אָ'בער... | 1א) |
| 2) | Когда он придёт? | ווען וועט ער קו'מען? | 2) |
| 2а) | Когда ему (*следует*) прийти? | ווען זאָל ער קו'מען? | 2א) |
| 3) | Он придёт ко мне завтра. | ער וועט קו'מען צו מיר מאָרגן. | 3) |
| 3а) | *Пусть* он завтра придёт ко мне. | זאָל ער מאָרגן קו'מען צו מיר. | 3א) |
| 4) | Когда придёшь, мы пойдём гулять. | ווען [אַז] דו וועסט קו'מען, וועלן מיר גיין שפּאַצי'רן. | 4) |
| 4а) | *Если бы* ты пришёл, *мы пошли бы* гулять. | ווען דו זאָלסט קו'מען, וואָלטן מיר גיין שפּאַצי'רן. | 4א) |
| 4б) | *Когда бы* ты *ни* пришёл, всё равно будем тебя ждать. | ווען דו זאָלסט ניט קו'מען, אַלץ איינס וועלן מיר וואַרטן אויף דיר. | 4ב) |
| 5) | Я знаю, что он придёт. | איך ווייס, אַז ער וועט קו'מען. | 5) |
| 5а) | Я *прошу* его, *чтобы* он пришёл. | איך בעט אים, (אַז) ער זאָל קו'מען. | 5א) |
| 6) | Он выглядит так хорошо, потому что он только что вернулся с курорта. | ער זעט אויס אַזוי' גוט, ווײַל ער איז נאָר וואָס געקו'מען פֿון אַ קוראָ'רט. | 6) |

| | |
|---|---|
| 6а) Он выглядит так хорошо, *будто* (*словно*) он только что вернулся с курорта. | 6א) ער זעט אויס אַזוי׳ גוט, (גלײַך) ווי ער זאָל נאָר׳וואָס קו׳מען פֿון אַ קוראָ׳רט. |
| 7) Говорят, что к нам придёт новый заведующий. | 7) מע שמו׳עסט, אַז צו אונדז וועט קו׳מען אַ נײַ׳ער פֿאַרוואַ׳לטער. |
| 7а) *Поговаривают*, *будто* к нам придёт новый заведующий. | 7א) מע שמו׳עסט, אַז צו אונדז זאָל קו׳מען אַ נײַ׳ער פֿאַרוואַ׳לטער. |
| 8) Мать довольна, что её ребёнок приходит не поздно. | 8) די מאַ׳מע איז צופֿרי׳דן, וואָס איר קינד קומט ניט שפּעט אַהיי׳ם. |
| 8а) Мама ***вне себя***: „*Где это слыхано*, *чтобы* ребёнок приходил домой так поздно?!" | 8א) די מאַ׳מע איז אױ׳סער זיך: „ווּ איז דאָס געהע׳רט געוואָ׳רן, אַז אַ קינד זאָל קו׳מען אַזוי׳ שפּעט אַהיי׳ם?!" |

## ЧТЕНИЕ

**Задание 8*.** Прочитайте и переведите завещания Шолом-Алейхема и Тараса Шевченко.

פֿון שלום־עליכמס צוואה [цаво'э]
(אַן אויסצוג)

„ווּ איך זאָל ניט שטאַרבן, זאָל מען מיך באַהאַ׳לטן ניט צווישן אַריסטאָקראַ׳טן, מיוחסים [мэюхо'сим] אָדער גבֿירים [гви'рим], נאָר גראָד צווישן פּראָ׳סטע ייִדן, אַ׳רבעטער, מיטן אמתן [э'мэсн] פֿאָלק. אַזוי׳ אַז די מצבֿה [мацэ'йвэ], וואָס מע וועט דערנאָ׳ך אַווע׳קשטעלן אויף מײַן קבֿר [кэ'йвэр], זאָל באַשײַ׳נען די איי׳נפֿאַכע קבֿרים [кво'рим] אַרו׳ם מיר, און די איי׳נפֿאַכע קבֿרים זאָלן באַפּו׳צן מײַן מצבֿה, אַזוי ווי דאָס פּראָ׳סטע ע׳רלעכע פֿאָלק האָט פֿאַר מײַן לעבן באַשײַ׳נט זײַן פֿאָ׳לקס־ שרײַבער."

### *Пояснение к тексту*

פֿאַר מײַן לעבן при моей жизни

## טאַראַ'ס שעווטשע'נקאָ

### צוואה
(פֿראַגמע'נטן)

אַז כ'וועל שטאַרבן, איר באַהאַ'לטן
זאָלט די בײ'נער מײַ'נע
צווישן ברײ'טע, מי'לדע סטע'פּעס
אויף מײַן היים אוקרײַ'נע.

די ברייטפּאָ'לעדיקע לאָ'נקעס,
בערג און דניע'פּר דער גרוי'סער
זאָלן זען זיך, ס'זאָל זיך הערן,
ווי ער רעשט [рашт] דער רוי'שער.
.............
.............
מיך באַהאַ'לט, שטייט אויף מיט צאָרן,
קייטן רײַסט מיט פֿײַ'ער,
און מיט שׂונאס [со'йнэс] בײ'זע בלוטן
רײַך באַשפּרע'נקט די פֿרײַ'הייט!
אין געזי'נד אין גרויסן, נײַ'עם,
מיט אַ פֿרײַ'ען ווילן,
ניט פֿאַרגע'סט אויף מיך דערמאָ'נען
מיט אַ וואָרט אַ שטילן.

(אי'בערגעזעצט פֿון אוקראַי'ניש – **ד. האָ'פֿשטיין**)

### *Пояснение к тексту*

**זאָלן זען זיך, ס'זאָל זיך הערן** - чтобы видно было, чтобы слышно было...

| **Слова к тексту** | **ווערטער צום טעקסט** |
|---|---|
| отрывок; выписка, извлечение *(из текста)* | א אוי'סצוג דער (ן) |
| 1. поставить; 2. отставить | אַוועק'שטעלן |
| простой | איי'נפֿאַך |
| правда, истина | אמת דער (ן) [э'мэс] |
| подлинный, истинный | אמת(ער) [э'мэс(эр)] |
| 1. прятать; 2. хоронить | ב באַהאַ'לטן (באַהאַלטן) |
| украшать | באַפּו'צן |
| озарять, освещать | באַשײַ'נען |

| | | |
|---|---|---|
| | באַשפּרע'נקען | окроплять, обрызгивать |
| | בייז | злой |
| | ביין דער (ביינער) | 1. кость; 2. *мн.* кости, останки |
| | ברייטפּאָ'לעדיק | широкополый; *зд.* просторный |
| ג | גבֿיר דער (ים) [гвир] | богач |
| | געזי'נד דאָס (ער) | семья |
| | גראָד | как раз; именно |
| ל | לאָ'נקע די (ס) | луг; поляна |
| מ | מיוחס דער (ים) [мэю'хэс-мэюхо'сим] | человек знатного рода |
| | מילד | кроткий, мягкий, нежный |
| | מצבֿה די (־ות) [мацэ'йвэ] | надгробный памятник |
| ע | ע'רלעך | честный |
| פּ | פּראָסט | простой *(прил.)* |
| צ | צוואה די (־ות) [цаво'э] | завещание |
| | צאָרן דער | гнев; негодование |
| ק | קייט די (ן) | цепь; оковы |
| ר | רוי'שער דער (=) | шумящий *(о водопаде, лесе и т. п.; зд. о Днепре)* |
| | רײַסן (געריסן) | рвать |
| | רעשן [рашн] | шуметь |
| ש | שטיל | тихий |
| | שונא דער (ים) [со'йнэ-со'ним] | враг |

**Задание 9*.** Прочитайте и переведите фрагменты из монолога Шолом-Алейхема „Будь я Ротшильд".

ווען איך בין ראָ'טשילד

(אַ מאָנאָלאָ'ג פֿון אַ כּתרי'לעווקער [касри'лэвкэр] מלמד [мэла'мэд])

(געקי'רצט)

1) – ווען איך בין ראָ'טשילד, – האָט זיך צערע'דט אַ כּתרילעווקער מלמד איין מאָל אין אַ דאָ'נערשטיק, – 2) אוי, ווען איך זאָל זײַן ראָ'טשילד! 3) טרעפֿט וואָס איך טו? 4) ראשית־חכמה [рэйшэс-хо'хмэ] פֿיר איך אײַ'ן אַ מינהג [ми'н(h)эг], אַז אַ ווײַב זאָל תמיד האָבן בײַ זיך אַ דרײַ'ערל, 5) בכדי [бихдэ'й] זי זאָל פֿאַרשפּאָ'רן דריי'ען אַ ספּאָ'דיק, אַז ס'איז ניטאָ' אויף שבת... 6) והשנית [вэhашэ'йнэс] קויף איך די דאָ'זיקע שטוב אין גאַ'נצן מיט אַ'לע חדרים [хадо'рим], מיטן קע'לער, מיטן בוי'דעם – 7) לאָז זי נישט זאָגן, אַז ס'איז איר ענג.; 8) נאַ דיר אַוועק צוויי חדרים, קאָך דיר, באַק דיר, וואַש דיר און לאָז מיך צו רו', 9) איך זאָל קע'נען לע'רנען מיט מײַ'נע תּלמידים [талми'дим] מיט אַ ריי'נעם קאָפּ!

10) הייב איך מיך אָ'ן אַרו'מקוקן אַ ביסל אויף דער שטאָט. 11) דאָס ע'רשטע בין איך מיך מנדר [мэна'дэр] אַ נײַ'עם דאָך אויפֿן אַלטן בית־ המדרש [бэйс-hамэ'дрэш], לאָז אוי'פֿהערן קאַ'פּען אויפֿן קאָפּ... 12) און אַ מושבֿ־זקנים [мойшэв-зкэ'йним] שטעל איך אַוועק; 13) אַ'לטע ייִדן לומדים [ло'мдим] זאָלן זיך ניט וואַ'לגערן אין בית־המדרש. 14) און אַ חבֿרה [хэ'врэ] „מלביש ערומים“ [малбиш-эйру'мим], אָ'רעמע קי'נדער זאָלן נישט אַרו'מגיין מיט די פּו'פּקעס אין דרויסן, 15) און אַ חבֿרה „גמילות־חסדים“ [гмилэс-хасо'дим], אַז אי'טלעכער ייִד זאָל פֿאַרשפּאָ'רן צאָלן פּראָצע'נט, 16) און אַ חבֿרה „הכנסת־כּלה“ [hахносэс-ка'лэ], אַז ווו ע'רגעץ אַן אָ'רעם מיידל, זאָל מען זי אוי'סקליידן און חתונה מאַכן. 17) און בכדי עס זאָל זיך פֿירן מיט אַ סדר [сэ'йдэр], מאַך איך אויף אַ'לע חבֿרות [хэ'врэс] איין חבֿרה אַ גרוי'סע, אַ צדקה־גדולה־חבֿרה [цдокэ-гдойлэ-хэврэ], 18) וואָס גיט אַ'כטונג, אַז ייִדן זאָלן אומעטו'ם האָבן פּרנסה [парно'сэ] און לעבן אין אחדות [а'хдэс]. 19) און זאָלן זיצן אין די ישיבֿות [йэши'вэс] און לע'רנען; 20) און אויף אַ'לע ישיבֿות זאָל זײַן איין ישיבֿה [йэши'вэ] אַ גרוי'סע, אַ ייִ'דישע אַקאַדע'מיע, אין דער ווי'לנע געוויי'נטלעך, 21) וואָס פֿון דאָרטן זאָלן אַרוי'סגיין די גרע'סטע לומדים און חכמים [хахо'мим] אין דער וועלט. 22) און אַ'לצדינג זאָל זײַן אומזיסט, „על חשבון הגבֿיר“ [ал хэжбм hагви'р], 23) און אַ'לצדינג זאָל זיך פֿירן מיט אַ סדר און מיט אַ פּלאַן, 24) עס זאָל נישט זײַן קיין „גיב־מיר־נאַ־דיר־כאַפּ־לאַפּ“. 25) און אַ'לע זאָלן אין זי'נען האָבן נאָר טובֿת־הכּלל [тойвэс-hакла'л]. 26) און בכדי מע זאָל קע'נען טראָגן אויפֿן קאָפּ דעם „כּלל“, דאַרף מען באַוואָ'רענען דעם פּרט [прат] מיט פּרנסה. 27) וואָ'רעם פּרנסה, הערט איר, איז דער סאַ'מע עיקר [и'кэр]. 28) אפֿילו די שונאי־ישׂראל [сойнэ-йисро'эл], זיי זאָלן האָבן פּרנסה, 29) וואָלטן זיי גאָר אַזוי שלעכט נישט געווע'ן. 30) פּרנסה ברענגט צו קינאה [ки'нэ], קינאה ברענגט צו שׂינאה [си'нэ], 31) און דערפֿו'ן, רחמנא לצלן [рахмонэлицла'н], נע'מען זיך אַ'לע צרות [цо'рэс], אַ'לע או'מגליקן, מיט אַ'לע רדיפֿות [рэди'фэс], מיט אַ'לע הריגות [hар'игэс], מיט אַ'לע רציחות [рэци'хэс] און מיט אַ'לע מלחמות.

32) אוי, די מלחמות, די מלחמות! 33) ווען איך בין ראָ'טשילד, מאַך איך אויס מלחמות! 34) וועט איר דאָך פֿרעגן: ווי אַזוי'? נאָר מיט געלט. 35) און אפֿשר, האַ?.. ווען איך בין ראָ'טשילד, קען זײַן, אַז איך בין גאָר מבֿטל [мэва'тл] דאָס געלט. אויס געלט! 36) וואָ'רעם, לאָ'מיר זיך נישט נאַרן, וואָס איז דען געלט? 37) געלט, זאָג איך אײַך, איז נישט מער ווי אַ יצר־הרע [йэйцэрh'орэ], אַ תּאווה [та'йвэ] אַזע'לכע, 38) פֿון די גרע'סטע תּאוות [та'йвэс], וואָס אַ'לע ווילן דאָס, און קיי'נער האָט דאָס נישט. 39) אָ'בער אַז סע זאָל לחלוטין [лахлу'тн] גאָר נישט זײַן קיין שום געלט אויף דער וועלט, 40) וואָלט דאָך דער יצר־הרע נישט געהאַ'ט וואָס צו טאָן, 41) און די תּאווה וואָלט נישט געווען קיין תּאווה. 42) איר פֿאַרשטיי'ט, צי ניין? 43) אײַ וואָס? איז דאָך די קשיא [ка'шэ], ווו וואָלטן דעמאָלט נעמען ייִדן אויף שבת? (פֿאַרטראַ'כט זיך אויף אַ ווײַ'לע). 44) איז דער תּירוץ [тэ'рэц]: ווו וועל איך אי'צטער נע'מען אויף שבת?..

## *Пояснение к тексту*

43 - 44) Возникает вопрос: откуда бы евреи взяли (в таком случае) (деньги) на субботу? (*Подумав немного*) Ответ: а где я сейчас возьму (деньги) на субботу?

| **Слова к тексту** | **ווערטער צום טעקסט** |
|---|---|
| прекращать | א אוי'פֿהערן |
| несчастье | או'מגליק דאָס (ן) |
| единство, единение; согласие | אַחדות דאָס [а'хдэс] |
| так вы можете спросить: в чём же дело? | איַ וואָס? |
| иметь в виду; помнить | אין זי'נען האָבן |
| всё | אַ'לצדינג |
| обеспечивать | ב באַוואָ'רענען |
| печь | באַקן |
| для того чтобы | בכדי [бихдэ'й] |
| благотворительное общество типа кассы взаимопомощи | ג „גמילות־חסדים“ [гмилэс-хасо'дим] |
| убийство | ה הריגה די (־ות) [hар'игэ] |
| благотворительное общество „Призрения невест” | „הכנסת־כלה“ [hахносэс-ка'лэ] |
| а во-вторых | ו והשנית [вэhашэ'йнис] |
| мыть; стирать | וואַשן (געוואַשן) |
| компания; общество | ח חבֿרה די (־ות) [хэ'врэ] |
| мудрец | חכם דער (ים) [хо'хэм-хахо'мим] |
| общее благо | ט טובֿת־הכּלל [тойвэс-hакла'л] |
| 1. попадать (*в цель*); 2.случаться; 3. встречать *(кого-либо; что-либо)*; 4. отгадывать | טרעפֿן (געטראָ'פֿן) |
| искуситель (*букв.* злое начало) | י יצר־הרע [йэйцэрh'орэ] |
| учёный | ל לומד דער (ים) [ло'ймэд-ло'мдим] |
| абсолютно, совсем | לחלוטין [лахлу'тн] |
| отменять; кончать | מ מאַכן אויס |
| отменять, упразднять | מבֿטל [мэва'тл] זיַין (האָט מבֿטל געווען) |
| богадельня для бедных стариков | מושבֿ־זקנים [мойшэв-зкэ'йним] |

| | |
|---|---|
| благотворительное общество обеспечения бедных одеждой | „מלביש־ערומים" [малбиш-эйру'мим] |
| давать обет; клясться | מנדר [мэна'дэр] זײַן זיך (האָט זיך מנדר געווע'ן) |
| обычай | מינהג דער (ים) [ми'нhэг-минhо'гим] |
| обманывать себя | נ נאַרן זיך |
| порядок | ס סדר דער (ים) [сэ'йдэр-сдо'рим] |
| 1. блюдце; 2. меховая шапка | ספּאָ'דיק דער (עס) |
| надоедать, морочить голову | דרייען אַ ספּאָ'דיק |
| основное; главное | ע עיקר דער [и'кэр] |
| за счёт богача | „על חשבון הגבֿיר" [ал хэжбм hагви'р] |
| *зд.* личность | פּ פּרט דער (ים) [прат-про'тим] |
| средства к существованию | פּרנסה די (־ות) [парно'сэ] |
| 1. экономить; 2. не иметь надобности *(делать что-либо)* | פֿ פֿאַרשפּאָ'רן [+ אינפֿיניטי'וו] |
| не иметь надобности платить | פֿאַרשפּאָ'רן צאָלן |
| вестись | פֿירן זיך |
| *букв.* великая благотворительность | צ צדקה־גדולה [цдокэ-гдойлэ] |
| беда; горе | צרה די (־ות) [цо'рэ] |
| варить | ק קאָכן |
| зависть | קינאה די (־ות) [ки'нэ] |
| вопрос; задача | קשיא די (־ות) [ка'шэ] |
| гонение | ר רדיפֿה די (־ות) [рэди'фэ] |
| не дай бог! (*букв.* да упасёт Бог) | רחמנא לצלן [рахмонэлицла'н] |
| злодейство | רציחה די (־ות) [рэци'хэ] |
| враги Израиля, антисемиты | ש שׂונאי־ישׂראל מ"צ [сойнэ-йисро'эл] |
| вражда, ненависть | שׂינאה די (־ות) [си'нэ] |
| страсть; похоть | ת תּאווה די (־ות) [та'йвэ] |
| ответ; отговорка | תּירוץ דער (ים) [тэ'рэц-тэру'цим] |

**Грамматика:** Степени сравнения прилагательных и наречий. Глагол. Страдательный залог (пассив).

**Тексты:**

1) מאָריס ווינטשע'ווסקי: די צו'קונפֿט; 2) דוד ע'דעלשטאַט: מיר ווערן געהאַ'סט; 3) אַ גאַס אין ניו־יאָרק אויפֿן נאָ'מען פֿון שלום־עליכם; 4) מאָנומע'נט פֿון שלום־עליכם אין קי'עוו (פֿון „פֿאָ'רווערטס“); 5) ה. קלע'פּפֿיש: דער ווי'לנער גר־צדק.

# ГРАММАТИКА

## СТЕПЕНИ СРАВНЕНИЯ ПРИЛАГАТЕЛЬНЫХ И НАРЕЧИЙ

Большинство прилагательных и многие наречия имеют степени сравнения:

положительную, или основную (דער גרו'נטיקער פֿאַרגלײַ'כגראַד);
сравнительную (דער קאָמפּאַראַטי'וו);
превосходную (דער סופּערלאַטי'וו).

1) Положительная (основная) степень:

| | |
|---|---|
| Май – ***тёплый*** месяц. | דער מײַ איז אַ וואַ'רעמער חודש. |

2) Сравнительная степень:

| | |
|---|---|
| Июнь – ***более тёплый*** месяц, чем май. | דער יו'ני איז אַ חודש אַ וואַ'רעמערער, איי'דער דער מײַ. |

3) Превосходная степень:

| | |
|---|---|
| *Самый тёплый* месяц – июль. | דער וואַ'רעמסטער חודש איז יו'לי. |

## Образование степеней сравнения прилагательных

Степени сравнения образуются в идише двумя способами: синтетическим и аналитическим.

### *А. Синтетический способ образования степеней сравнения*

Для образования *сравнительной* степени к основе прилагательного добавляется суффикс ער-, а для образования *превосходной* степени – суффикс סט-. Родовые и падежные окончания следуют после этих суффиксов.

*Таблица 34*

## *Степени сравнения прилагательного*

(на примере שטיל „тихий” в именительном падеже)

| Степень сравнения | | | | | | | | Артикль | Род |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| превосходная | | | сравнительная | | | положительная | | | |
| окончание | суффикс | корень | окончание | суффикс | корень | окончание | корень | | |
| ער | סט | שטיל | ער | ער | שטיל | ער | שטיל | דער | *м* |
| ע | סט | שטיל | ע | ער | שטיל | ע | שטיל | די | *ж* |
| ע | סט | שטיל | ע | ער | שטיל | ע | שטיל | דאָס | *с* |
| — | — | —[4] | — | ער[3] | שטיל | — | שטיל | אַ[1] | |
| — | — | —[4] | ס | ער | שטיל | ס | שטיל | אַ[2] | |
| ע | סט | שטיל | ע | ער | שטיל | ע | שטיל | множеств. число | |

***Примечания:***

[1] например, אַ שטיל קינד;

[2] например, אַ קינד אַ שטילס;

[3] ווער האָט געמיי'נט, אַז קיין די'סער, בע'סער לעבן איז נישטאָ' (ממ"ס);

[4] превосходная степень с неопределённым артиклем не употребляется.

**Задание 1.** Напишите сравнительную и превосходную степени следующих прилагательных (в форме именительного падежа мужского рода). Суффиксы подчеркните.

*Образец:*

(דער ברייטער) ← דער ברייט–ע͟ר–ער, דער ברייט–ס͟ט–ער

1) דער גלי'קלעכער, 2) דער רו'יִקער, 3) דער קלאָ'רער, 4) דער גי'כער, 5) דער היי'ליקער, 6) דער ווײַ'טער, 7) דער ווי'כטיקער, 8) דער שטאָ'לצער, 9) דער פּשוטער [по'шэтэр], 10) דער אמתער.

**Задание 2.** Подчеркните в следующих словосочетаниях окончания прилагательных одной чертой, а суффиксы сравнительной и превосходной степени – двумя; переведите эти словосочетания на русский язык.

*Образец:*

די ברייטע͟רע͟ גאַס более широкая улица

דער וואַרע͟מסטע͟ר טאָג самый тёплый день

1) דער שטאַ'רקסטער אײַ'נדרוק, 2) די ווי'כטיקערע אַ'רבעט, 3) דער רי'כטיקערער ע'נטפֿער, 4) די שווע'רסטע אוי'פֿגאַבע, 5) דער גלי'קלעכסטער טאָג, 6) דער מו'טיקסטער קע'מפֿער, 7) דאָס פֿלײַ'סיקערע ייִנגל, 8) דאָס ייִ'נגערע קינד.

При образовании степеней сравнения от некоторых прилагательных происходит ***изменение корня***. Запишите степени сравнения от следующих прилагательных (прилагательные даны в форме именительного падежа мужского рода).

*Таблица 35*

| Превосходная степень | Сравнительная степень | Положительная степень | | № |
|---|---|---|---|---|
| ע'לטסטער | ע'לטערער | старый | אַ'לטער | 1 |
| ע'פֿטסטער | ע'פֿטערער | частый | אָ'פֿטער | 2 |
| בע'סטער | בע'סערער | хороший | גו'טער | 3 |
| געזי'נטסטער | געזי'נטערער | здоровый | געזו'נטער | 4 |
| גרע'בסטער | גרע'בערער | толстый | גראָ'בער | 5 |
| גרע'סטער | גרע'סערער | большой | גרוי'סער | 6 |
| הע'כסטער | הע'כערער | высокий | הוי'כער | 7 |
| טי'נקלסטער | טי'נקלערער | тёмный | טו'נקעלער | 8 |
| טרי'קנסטער | טרי'קענערער | сухой | טרו'קענער | 9 |
| יי'נגסטער | יי'נגערער | молодой | יו'נגער | 10 |
| לע'נגסטער | לע'נגערער | длинный | לאַ'נגער | 11 |
| נע'(ע)נטסטער | נע'(ע)נטערער | близкий | נאָ'ענטער | 12 |
| קע'לטסטער | קע'לטערער | холодный | קאַ'לטער | 13 |
| קי'רצסטער | קי'רצערער | короткий | קו'רצער | 14 |
| קלי'גסטער | קלי'גערער | умный | קלו'גער | 15 |
| קלע'נסטער | קלע'נערער | малый | קליי'נער | 16 |
| קרי'מסטער | קרי'מערער | кривой | קרו'מער | 17 |
| שע'נסטער | שע'נערער | красивый | שיי'נער | 18 |
| ע'רגסטער | ע'רגערער | плохой | שלע'כטער | 19 |
| שמע'לסטער | שמע'לערער | узкий | שמאָ'לער | 20 |

## *Б. Аналитический способ образования степеней сравнения*

*Сравнительная степень* образуется с помощью вспомогательного слова מער („более”); превосходная степень – с помощью вспомогательного слова סאַ'מע („самый, -ая, -ое, -ые”). Например:

1) положительная (основная) степень:
1) דער גרו'נטיקער פֿאַרגלײַ'כגראַד (די יסוד־פֿאָרמע [йэсод-]):

Май – ***тёплый*** месяц.
דער מײַ איז אַ וואַ'רעמער חודש.

2) сравнительная степень:
2) דער קאָמפּאַראַטי'וו:

Июнь ***более тёплый*** месяц, чем май.
דער יו'ני איז אַ מער וואַ'רעמער, חודש, איי'דער דער מײַ.

3) превосходная степень:
3) דער סופּערלאַטי'וו:

Июль – ***самый*** *тёплый* месяц.
דער וואַ'רעמסטער חודש איז יו'לי.

В сравнительной степени слово מער („более") сочетается с формой *положительной* (основной) степени прилагательного:

| | | |
|---|---|---|
| более интересная газета | אַ מער אינטערעסאַנטע צײַטונג | *жен. род* |
| более интересная статья | אַ מער אינטערעסאַנטער אַרטיקל | *муж. род* |
| более интересная картина | אַ מער אינטערעסאַנט בילד | *ср. род* |

В превосходной степени прилагательного слово סאַמע („самый, -ая, -ое, -ые") сочетается ***как*** с формой положительной степени, ***так и*** с синтетической формой превосходной степени с суффиксом ־סט:

דער סאַמע אינטערעסאַנטער אַרטיקל

самая интересная статья

דער סאַמע אינטערעסאַנטסטער אַרטיקל

Степени сравнения от прилагательных, основа которых состоит из трёх (или более) слогов (например, פּראָדוקטיוו и т. п.), а также от прилагательных, основа которых оканчивается на ־סט (פּראָסט, פּוסט, וויסט и т. д.), лучше образовывать аналитическим способом, т. е. с помощью слов מער и סאַמע:

| | |
|---|---|
| интересная книга | אַן אינטערעסאַנט בוך |
| более интересная книга | אַ מער אינטערעסאַנט בוך |
| самая интересная книга | דאָס סאַמע אינטערעסאַנטע בוך |
| | |
| простое платье | אַ פּראָסט קלייד |
| более простое платье | אַ מער פּראָסט קלייד |
| самое простое платье | דאָס סאַמע פּראָסטע קלייד |

***Задание 3а.*** Напишите и переведите аналитические формы сравнительной и превосходной степеней от прилагательных, перечисленных в задании 1.

*Образец:*

| | | |
|---|---|---|
| Дано: | „счастливый" | דער גליקלעכער |
| Ответ: | сравнит. степень „более счастливый" | דער מער גליקלעכער |
| | превосх. степень *а* } „самый | דער סאַמע גליקלעכער |
| | превосх. степень *б* } счастливый" | דער סאַמע גליקלעכסטער |

## Образование степеней сравнения наречий

*Сравнительная* степень наречия образуется, как и у прилагательного, при помощи суффикса ־ער, а *превосходная* – при помощи

приставки -צום or -אַם и суффикса סטן-:

שטאַרק „крепко" → שטאַ'רק–ער „крепче" → צום–שטאַ'רק–סטן или אַם–שטאַ'רק–סטן „крепче всего".

Изменение корня имеет место в тех же случаях, что и у прилагательных, например:

**נאָ'ענט** „близко" → **נע'ענטער** „ближе" → **צומנע'ענטסטן**, **אַמנע'ענטסטן** „ближе всего";

сравните также **גוט** „хорошо" → **בע'סער** „лучше" → **צומבעסטן**, **אַמבע'סטן** „лучше всего", „наилучшим образом".

**Задание 3б*.** Переведите предложения. Обратите внимание на правильный перевод степеней сравнения прилагательных.

1) אין האַרבסט ווערן די טעג קי'רצער און די נעכט – לע'נגער. 2) אַמקי'רצסטן זײַ'נען די טעג ווי'נטער. 3) דער קי'רצסטער טאָג איז דער 21סטער דעצע'מבער. 4) דער לע'נגסטער טאָג איז דער 21סטער יו'ני. 5) יו'לי און אױ'גוסט זײַ'נען די הײ'סטע חדשים. 6) די וואָ'לגע איז דער גרע'סטער טײַך אין אײראָ'פּע. 7) דער סאָווע'טן־פֿאַרבאַנד איז געווע'ן דאָס גרע'סטע לאַנד אין דער וועלט. 8) מאָ'סקווע איז די גרע'סטע שטאָט אין רו'סלאַנד. 9) די ווי'כטיקסטע אױ'פֿגאַבע איז פֿאַרהי'טן דעם שלום. 10) פּעטערבו'רג איז אײ'נע פֿון די שע'נסטע שטעט אין דער וועלט.

**Задание 4.** Прочитайте и переведите стихотворение, написанное „дедушкой еврейской социальной песни" – Морисом Винчевским (1856, Яново – 1932, Нью-Йорк). Обратите внимание на степени сравнения прилагательных.

**די צו'קונפֿט** [1]

אָ, די וועלט וועט ווערן ײ'נגער,
און דאָס לעבן לײַ'כטער, גרי'נגער,
יע'דער קלאָ'גער וועט אַ זי'נגער
ווערן, ברי'דער, באַלד!
לאָז דאָס פֿאָלק נאָר ווערן קלי'גער,
און פֿאַריאָ'גן דעם באַטרי'גער,
אים, דעם פֿוקס,
און אויך דעם טי'גער
פֿון זײַן שײ'נעם וואַלד.

[1] דאָס ליד או'נטערן נאָ'מען „די צו'קונפֿט" האָט מאָ'ריס ווינטשע'ווסקי געשרי'בן בײַם סוף פֿון 19טן יאָרהו'נדערט. איצט ווערט דאָס ליד געזו'נגען אין אַ פּאָפּולע'רער ע'נגלישער טעאַ'טער־שפּיל „אַ שיין מיידל" , וואָס ווערט אָפֿט געשפּי'לט אין אַמעריקאַ'נער אוניווערסיטע'טן.

אָ, די וועלט וועט ווערן שע׳נער,
לי׳בע גרע׳סער, שׂינאה קלע׳נער,
צווישן פֿרוי׳ען, צווישן מע׳נער,
צווישן לאַנד און לאַנד;
אָ, די וועלט וועט ווערן פֿרײַ׳ער,
פֿרײַ׳ער, שע׳נער, יי׳נגער, נײַ׳ער,
און אין איר די וואַ׳רהייט טײַ׳ער,
טײַ׳ער ווי אַ פֿרײַ׳נד.

אָ, די וועלט וועט ווערן דריי׳סטער,
און עס וועט ניט זײַן אַ מײַ׳סטער,
ניט דער קרוי׳ן און ניט דער טײַ׳סטער –.
ניט דעם זע׳לנערס שווערד.
אַ׳לזאָ מו׳טיק אין די ריי׳ען,
אין די ריי׳ען צו באַפֿרײַ׳ען,
צו באַפֿרײַ׳ען און באַנײַ׳ען
או׳נדזער אַ׳לטע וועלט!

| ווערטער צום טעקסט | | Слова к тексту |
|---|---|---|
| ב | באַטרי׳גער דער (ס) | обманщик |
| | באַנײַ׳ען | обновлять |
| | באַפֿרײַ׳ען | освобождать |
| ד | דרייסט | смелый, храбрый |
| ו | וואַ׳רהייט די (ן) | истина |
| ז | זע׳לנער דער (ס, =) | солдат |
| ט | טײַ׳סטער דער (ס) | кошелёк; мошна |
| מ | מײַ׳סטער | *зд.* начальник, надзиратель; диктатор |
| פֿ | פֿוקס דער (ן) | лиса |
| ק | קלאָ׳גער דער (ס) | жалобщик; пессимист |
| ש | שווערד די (ן) | меч; сабля |

**Задание 5*.** Прочитайте и переведите текст, составленный по роману Г. Полянкера „Судьба художника". Обратите внимание на правильный перевод прилагательных и наречий в сравнительной степени.

**I.** אונטער דער אָקופּאַציע

1) מיט יעדן טאָג איז געוואָ׳רן או׳מרויִקער, געפֿע׳רלעכער. 2) ווי נאָר עס איז טונקל געוואָ׳רן, האָט מען ניט געטאָ׳רט אַרוי׳סגיין אויף יע׳נער זײַט שוועל. 3) אַ זײַ׳טיקן מענטשן איז געוואָ׳רן אַלץ שווע׳רער זיך דו׳רכשמוגלען אויפֿן זאַוואָ׳ד. 4) די

וואַך איז געוואָ'רן אַ שטאַ'רקערע. 5) אַלץ שווע'רער איז געוואָ'רן דו'רכפֿירן געהיי'מע פֿאַרזאַ'מלונגען. 6) מיט יעדן טאָג איז אַלץ שווע'רער געוואָ'רן זיך פֿאַרבי'נדן מיט די חבֿרה. 7) דער הו'נגער איז געוואָ'רן וואָס אַ מאָל שט'אַרקער. 8) סי'מאָן איז קראַנק געוואָ'רן. 9) מיט יעדן טאָג איז אים געוואָ'רן ע'רגער און ע'רגער. 10) מיט יעדן טאָג איז אים געוואָ'רן אַלץ שווע'רער צו אָ'טעמען.

## II. די רוי'טע אַרמיי' קערט זיך או'ם

1) פֿריי'לינג. דער שניי איז געוואָ'רן ע'נלעך אויף וואַ'טע. 2) עס האָט שוין אָ'נגעהויבן טונקל ווערן. 3) וואָס טי'נקעלער עס איז געוואָ'רן, אַלץ בולטער [бо'йлэтэр] האָט זיך דערטראָ'גן דער קנאַל פֿון האַרמאַ'טן. 4) עס האָט פּלו'צעם אָ'נגעהויבן גיסן אַ רעגן. 5) דער וועג איז געוואָ'רן גליי'טשיק. 6) מיט יע'דער מינו'ט איז געוואָ'רן אַלץ שווע'רער אי'בערשטעלן די פֿיס. 7) דער קנאַל איז געוואָ'רן וואָס אַ מאָל שטאַ'רקער. 8) ביי סי'מאָנען איז געוואָ'רן לייַ'כטער אויפֿן האַרצן. 9) ווי'דער האָט זיך או'מגעקערט די רוי'טע אַרמיי'. 10) דער פֿרי'מאָרגן איז געוואָ'רן לוי'טער. 11) אין שטאָט איז געוואָ'רן יום־טובֿ. 12) מאָרגן, שפּעטסטנס אי'בערמאָרגן דאַרף ער (סי'מאָן) ווערן געזו'נט און צו'טרעטן צו דער אַ'רבעט.

| Слова к тексту | | ווערטער צום טעקסט |
|---|---|---|
| возвращать(ся) | או'מקערן (זיך) | א |
| послезавтра | אי'בערמאָרגן | |
| переставлять | אי'בערשטעלן | |
| дышать | אָ'טעמען | |
| отчётливый | בולט [бо'йлэт] | ב |
| скользкий | גליי'טשיק | ג |
| тайный, секретный | געהיי'ם | |
| стал, становился | געוואָ'רן: איז געוואָ'רן | |
| опасный | געפֿע'רלעך | |
| пробираться тайно | דו'רכשמוגלען זיך | ד |
| вата | וואַ'טע די | ו |
| охрана; вахта | וואַך די (ן) | |
| всё + *сравнительная степень* | וואָס אַ מאָל + קאָמפּאַראַטי'וו | |
| всё лучше | וואָס אַ מאָל בע'סער | |
| всё сильнее | וואָס אַ מאָל שטאַ'רקער | |
| посторонний | זייַ'טיק | ז |
| 1. ребята; ***разг.*** товарищи; 2. компания | חבֿרה די מ״צ | ח |
| праздник | יום־טובֿ דער (ים) [йо'нтэф-йонто'йвим] | י |
| светлый, ясный | לוי'טער | ל |
| завтра | מאָרגן | מ |

| | | |
|---|---|---|
| утро | | מאָרגן דער (ס) |
| похож (*на*...), сходен (*с*...) | ע | ע'נלעך (אויף) |
| вдруг; внезапно | פּ | פּלו'צעם (פּלו'צלינג) |
| связывать(ся) | פֿ | פֿאַרבי'נדן (זיך) ((זיך) פֿאַר־בו'נדן) |
| утро (*раннее*) | | פֿרימאָ'רגן דער (ס) |
| приступить (*к*...) | צ | צו'טרעטן (צו) (איז צוגע–טראָטן) |
| треск, грохот; звук выстрела | ק | קנאַל דער (ן) |
| порог | ש | שוועל דער/די (ן) |
| самое позднее | | שפּעטסטנס |

> **Внимание!** В разговорной речи для характеристики лиц зачастую употребляются существительные, образно выражающие очень высокую степень соответствующего качества. Ниже приведён шуточный список таких существительных, составленный Шолом-Алейхемом.

| Буквальный перевод | Существительные |
|---|---|
| большой - больше - дерево | גרויס – גרע'סער – אַ בוים |
| умный - умнее - проныра | קלוג – קלי'גער – אַ ממזר [ма'мзэр] |
| широкий - шире - улица | ברייט – ברײ'טער – אַ גאַס |
| твёрдый - твёрже - камень | האַרט – האַ'רטער – אַ שטיין |
| крепкий - крепче - железо | שטאַרק – שטאַ'רקער – אַן אײַזן |
| скупой - скупее - свинья | קאַרג – קאַ'רגער – אַ חזיר [ха'зэр] |
| добр - добрее - без желчи | גוט – בע'סער – אָן אַ גאַל |
| мягкий - мягче - масло | ווייך – ווײ'כער – אַ פּו'טער |
| голодный - голоднее - весь день ни росинки во рту | הו'נגעריק – הו'נגעריקער – אַ־גאַנצן־טאָג־אין־מויל־ניט־געהאַ'ט |
| жаждущий - более жаждущий - (при)падает лицом к земле | דאָרשט – דאָ'רשטיקער – פֿאַלט־מיטן־פּנים־צו־דער־ערד |
| обнажённый - обнажённее - в чём мать родила | נאַ'קעט – נאַ'קעטער – ווי די מאַ'מע האָט אים געהאַ'ט |
| глупый - глупее - хоть соли его в огурцах, хоть маринуй его в капусте. | נאַ'ריש – נאַ'רישער – כאָטש זאַלץ אים אין או'גערקעס, כאָטש מאַרינײ'ר אים אין קרויט |

## СТРАДАТЕЛЬНЫЙ ЗАЛОГ

В тексте задания 4 данного урока вы встретили много предложений, где **ווערן** употреблён как глагол-связка в значении „стать", „становиться", „сделаться". Например:

**דער שניי איז געוואָר'ן ע'נלעך אויף וואַ'טע** „снег стал похож на вату".

Однако глагол **ווערן** употребляется ещё в качестве вспомогательного глагола для образования форм страдательного залога – пассива.

### Значение страдательного залога

Сравните значения глагольных форм в следующих предложениях:

1) Рабочие ***строят*** школу. — 1) **די אַ'רבעטערס בוי'ען אַ שול.**
2) Школа *строится* рабочими (*досл.* „становится построенной"). — 2) **די שול ווערט געבוי'ט פֿון די אַ'רבעטערס.**

*В первом предложении* глагольная форма **בוי'ען** „строят" указывает на то, что лица, обозначенные подлежащим **אַ'רבעטערס** „рабочие", действуют сами, что действие *исходит от подлежащего* (от „рабочих").

*Рабочие* → строят **בוי'ען** ← די אַ'רבעטערס

(Стрелкой указано направление действия, в данном случае – от подлежащего.)

| |
|---|
| Форма глагола, указывающая на то, что подлежащее обозначает действующее лицо или предмет – источник действия, называется действительным залогом, на идише **אַקטי'וו**.<br>*Ученик* → читает. — דער שילער ← **ליי'ענט.**<br>*Тракторист* → пашет. — דער טראַקטאָרי'סט ← **אַ'קערט.** |

*Во втором предложении* форма **ווערט געבוי'ט** „строится" указывает на то, что подлежащее **די שול** „школа" не действует, а *подвергается* действию, что действие *направлено на подлежащее* (т.е. на „школу").

*Школа* ← строится **ווערט געבוי'ט** → די שול

| |
|---|
| Форма глагола, указывающая на то, что подлежащее не действует, а *испытывает действие* со стороны какого-либо другого лица или предмета, называется страдательным залогом, на идише **פּאַסי'וו**.<br>1) דאָס בוך → **ווערט געליי'ענט** → **פֿון די שי'לערס.**<br>1) *Книга* ← читается ← учениками.<br>2) דער פּלאַן → **ווערט אוי'סגעפֿילט** → **פֿון די אַ'רבעטערס.**<br>2) *План* ← выполняется ← рабочими. |

## Образование страдательного залога

Формы страдательного залога (пассива) образуются с помощью вспомогательного глагола **װערן** в соответствующем (настоящем, прошедшем или будущем) времени и *партиципа* основного глагола, как показано ниже на примере **בױ'ען** „строить”.

*Таблица 36*

| Перевод | Основной глагол<br>בױ'ען | Вспомогательный глагол<br>װערן | Подлежащее | Время |
|---|---|---|---|---|
| Школа строится. | געבױט. | װערט | אַ שול | Настоящее |
| Школа строилась. | געבױט. | איז געװאָ'רן | אַ שול | Общепрошедшее |
| Школа (бывало) строилась. | געבױט. | פֿלעגט װערן | אַ שול | Многократно-прошедшее |
| Школа будет строиться | געבױט. | װעט װערן | אַ שול | Будущее |

## Спряжение глагола в пассиве

Вспомогательный глагол **װערן** изменяется по лицам, числам и временам; партицип основного глагола остаётся без изменения. Это показано ниже на примере глагола אײַ'נלאַדן „приглашать”.

| II. Общепрошедшее время<br>געװײ'נלעכע פֿאַרגאַ'נגענהײט | I. Настоящее время<br>קע'גנװאַרט |
|---|---|
| איך בין געװאָרן אײַ'נגעלאַדן.<br>Я приглашался (*кем-то*)<br>(меня пригласили).[1]<br>דו ביסט געװאָרן אײַ'נגעלאַדן.<br>ער איז געװאָרן אײַ'נגעלאַדן.<br>מיר זײַ'נען געװאָרן אײַ'נגעלאַדן.<br>איר זײַט געװאָרן אײַ'נגעלאַדן.<br>זײ זײַ'נען געװאָרן אײַ'נגעלאַדן. | איך װער אײַ'נגעלאַדן.<br>Я приглашаюсь (*кем-то*)<br>(меня приглашают).[1]<br>דו װערסט אײַ'נגעלאַדן.<br>ער װערט אײַ'נגעלאַדן.<br>מיר װערן אײַ'נגעלאַדן.<br>איר װערט אײַ'נגעלאַדן.<br>זײ װערן אײַ'נגעלאַדן. |

[1] Соответственно во всех лицах единственного и множественного числа.

<table>
<tr><th>IV. Будущее время<br>צו'קונפֿט</th><th>III. Многократно-прошедшее время<br>פֿי'למאָליקע פֿאַרגאַ'נגענהייט</th></tr>
<tr><td>איך וועל ווערן אײַ'נגעלאַדן.<br>Я буду приглашён (кем-то)<br>(меня пригласят).[1]<br>דו וועסט ווערן אײַ'נגעלאַדן.<br>ער וועט ווערן אײַ'נגעלאַדן.<br>מיר וועלן ווערן אײַ'נגעלאַדן.<br>איר וועט ווערן אײַ'נגעלאַדן.<br>זיי וועלן ווערן אײַ'נגעלאַדן.</td><td>איך פֿלעג ווערן אײַ'נגעלאַדן.<br>Я бывал приглашён (кем-то)<br>(меня приглашали).[1]<br>דו פֿלעגסט ווערן אײַ'נגעלאַדן.<br>ער פֿלעגט ווערן אײַ'נגעלאַדן.<br>מיר פֿלעגן ווערן אײַ'נגעלאַדן.<br>איר פֿלעגט ווערן אײַ'נגעלאַדן.<br>זיי פֿלעגן ווערן אײַ'נגעלאַדן.</td></tr>
<tr><td colspan="2">[1] Соответственно во всех лицах единственного и множественного числа.</td></tr>
</table>

*Примечание.* В предпрошедшем и предбудущем временах пассивные формы не употребляются.

Как видно из таблиц, время, число и лицо глагола в пассиве узнаются по форме вспомогательного глагола ווערן.

| Время | Форма вспомогательного глагола | № |
|---|---|---|
| Настоящее | ווער (ווערסט, ווערט, ווערן) | 1 |
| Общепрошедшее | בין (ביסט, איז, זײַ'נען, זײַט) + געוואָרן | 2 |
| Многократно-прошедшее | פֿלעג (פֿלעגסט, פֿלעגט, פֿלעגן) + ווערן | 3 |
| Будущее | וועל (וועסט, וועט, וועלן) + ווערן | 4 |

**Задание 6*.** Напишите номера предложений на идише и рядом с каждым номером укажите порядковую букву соответствующего ему русского предложения.

*Образец записи ответа:* **1 – *б*, 2 – *в*, 3 – *а*** *и т. д.*

1) דאָס ליד ווערט געזו'נגען. 2) דאָס ליד פֿלעגט געזו'נגען ווערן. 3) דאָס ליד איז געזו'נגען געוואָ'רן. 4) דאָס ליד וועט געזו'נגען ווערן. 5) דער ראָמאַ'ן ווערט געדרו'קט. 6) דער ראָמאַ'ן איז אָ'פּגעדרוקט געוואָ'רן. 7) דער ראָמאַ'ן וועט געדרו'קט ווערן. 8) איך בין באַלוי'נט געוואָ'רן. 9) ער וועט באַלוי'נט ווערן. 10) דו ווערסט באַלוי'נט. 11) די גענײ'טונג וועט געמאַ'כט ווערן. 12) די גענײ'טונג איז געמאַ'כט געוואָ'רן. 13) די גענײ'טונג פֿלעגט געמאַ'כט ווערן. 14) די גענײ'טונג ווערט געמאַ'כט. 15) איך בין עקזאַמעני'רט געוואָ'רן. 16) איך וועל עקזאַמעני'רט ווערן. 17) איך ווער עקזאַמעני'רט. 18) דאָס בוך ווערט געליי'ענט. 19) דאָס בוך וועט געליי'ענט ווערן. 20) דאָס בוך איז געליי'ענט געוואָרן.

*а*) Песня была спета. *б*) Песня поётся. *в*) Песня *(неоднократно)* распе-

валась. *г*) Песня будет спета. *д*) Роман был напечатан. *е*) Роман печатается. ***ж***) Роман будет печататься (будет напечатан). *з*) Ты награждаешься... *и*) Выполняется (делается) упражнение. *й*) Я был награждён. *к*) Он будет награждён. *л*) Упражнение будет сделано. *м*) Упражнение, бывало, выполнялось (*многократно*)'. *н*) Упражнение было сделано. *о*) Меня экзаменуют. *п*) Меня проэкзаменовали (я был проэкзаменован). ***р***) Я буду экзаменоваться (меня будут опрашивать). *с*) Книга была прочитана. *т*) Книга читается. *у*) Книга будет прочитана.

> ☞ ***Внимание!*** В предложениях с пассивом *слово, обозначающее лицо или предмет, от которого исходит действие* (или с помощью которого производится данное действие), употребляется с предлогами **פֿון** „от", **דורך** „через", „посредством" или **מיט** „с" ***(чем)*** и переводится на русский язык дополнением в творительном падеже:

| | |
|---|---|
| 1) План был выполнен *всеми рабочими.* | 1) דער פלאַן איז פֿון אַ'לע אַ'רבעטערס אוי'סגעפֿילט געוואָ'רן. |
| 2) Народ был освобождён *восстанием* от оккупации. | 2) דאָס פֿאָלק איז דורך דעם אוי'פֿשטאַנד באַפֿרײַ'ט געוואָ'רן פֿון דער אָקופּאַ'ציע. |
| 3) Поля вспахиваются *тракторами.* | 3) די פֿע'לדער ווערן אוי'פֿגעאַקערט מיט טראַ'קטאָרס. |

## Перевод пассивных форм на русский язык

Формы пассива переводятся на русский язык различными способами.

*а*) глаголом с частицей „-ся", „-сь":

| | |
|---|---|
| Депутаты избираются (избира*лись*, будут избирать*ся*) | די דעפּוטאַ'טן ווערן אוי'סגעווײלט (זײַ'נען אוי'סגעווײלט געוואָ'רן, וועלן אוי'סגעווײלט ווערן). |

*б*) сочетанием вспомогательных глаголов „был" или „буду" со страдательным причастием прошедшего времени:

| | |
|---|---|
| 1) План *был выполнен.* | 1) דער פּלאַן איז אוי'סגעפֿילט געוואָ'רן. |
| 2) План *будет выполнен.* | 1) דער פּלאַן וועט אוי'סגעפֿילט ווערן. |

*в*) заменой пассивной конструкции на активную; сравните два варианта перевода:

1) איך בין אַרוי'סגערופֿן געוואָ'רן צום טעלעפֿאָ'ן.

1а) *дословный перевод:*
Я был вызван к телефону.
1б) *активная конструкция:*
Меня вызвали к телефону.

2) דער אַרטי'קל איז פֿון דער רעדאַ'קציע אָ'נגענומען געוואָ'רן צום דרוקן.

2а) *дословный перевод:*
Статья была принята редакцией к печати.
2б) *активная конструкция:*
Редакция приняла статью к печати.

**Задание 7.** Прочитайте и переведите следующие предложения.

1) מדינת־ישׂראל איז פראָקלאַמי'רט געוואָ'רן דעם 15טן מײַ 1948. 2) פאַריזש איז באַפֿרײַ'ט געוואָ'רן אין 1945. 3) דער פרע'פֿיקס „גע-“ ווערט ניט אַקצענטי'רט. 4) אויף דער קאָנפֿערע'נץ זײַ'נען אָ'נגענומען געוואָ'רן 25 רעזאָלו'ציעס, אָ'בער שפע'טער זײַ'נען דו'רכגעפֿירט געוואָ'רן נאָר פֿינף. 5) עס איז אוי'סגעקליבן געוואָ'רן אַ נײַ'ער פֿאָ'רזיצער. 6) וועגן דער קאָנפֿערע'נץ וועט אַרוי'סגעגעבן ווערן אַ ספעציע'לער פרע'סע־קאָמוניקאַ'ט. 7) דער קאָמוניקאַ'ט וועט געדרו'קט ווערן אין אַ סך צײַ'טונגען און געליי'ענט אויפֿן ראַ'דיאָ.

# ЧТЕНИЕ

**Задание 8*.** Прочитайте и переведите стихотворение Давида Эдельштата (1866 - 1892), одного из зачинателей еврейской пролетарской поэзии. Стихотворение посвящено тяжёлой доле революционеров.

דוד עדעלשטאַט

1) מיר ווערן געהאַ'סט און געטרי'בן,
2) מיר ווערן געפלאָ'גט און פֿאַרפֿאָ'לגט,
3) און אַלץ נאָר דערפֿאַ'ר, ווײַל מיר ליבן
4) דאָס אָ'רעמע שמאַ'כטנדע פֿאָלק.
5) מיר ווערן דערשאָ'סן, געהאַ'נגען,
6) מע באַרוי'בט אונדז דאָס לעבן און רעכט
7) דערפֿאַ'ר, ווײַל מיר אמת פֿאַרלאַ'נגען
8) און פֿרײַ'הייט פֿאַר אָ'רעמע קנעכט.

| Слова к тексту | ווערטער צום טעקסט | |
|---|---|---|
| бедный | אָ'רעם | א |
| расстреливать; застрелить | דערשי'סן (דערשאָ'סן) | ד |
| ненавидеть | האַסן | ה |
| вешать | הע'נגען (געהאַ'נגען) | |
| висеть | הע'נגען (איז געהאַ'נגען) | |
| гнать; гонять | טרײַבן (געטרי'בן) | ט |
| любить | ליבן | ל |
| мучить; томить | פּלאָגן | פּ |
| 1. желать; 2. требовать | פֿאַרלאַ'נגען | פֿ |
| раб | קנעכט דער (=) | ק |
| право; закон | רעכט דאָס (=) | ר |
| страдающий; мучающийся | שמאַ'כטנד | ש |

**Задание 9.** Прочитайте и переведите следующие тексты, обращая внимание на глагольные формы пассива.

### I. אַ גאַס אין ניו־יאָרק
### וועט גערו'פֿן ווערן אויפֿן נאָ'מען פֿון שלום־עליכם

ניו-יאָרק. – די ע'רשטע גאַס אין די פֿאַראײ'ניקטע שטאַטן אויפֿן נאָ'מען פֿון ייִ'דישן שרײַ'בער שלום־עליכם וועט זײַן אין ניו־יאָרק. די צערעמאָ'ניע וועט פֿאָ'רקומען זו'נטיק, דעם 29סטן סעפּטע'מבער. מע'יאָר רודאָ'לף דזשוליאַ'ני האָט פּראָקלאַמי'רט: „די גאַס וועט אָ'נגערופֿן ווערן שלום־עליכם פּלעיס“.

סי'דני גלאַק, פּרעזידע'נט פֿון דער „שלום־עליכם פֿונדאַ'ציע“, האָט באַמע'רקט: „נאָכן באַזו'כן פֿאַראַיאָ'רן ישׂראל און זיך דערווו'סן, אַז עס עקזיסטי'רן 18 גאַסן אויפֿן נאָ'מען פֿון שלום־עליכם אין אַזאַ' קליין לאַנד, בין איך באַגײַ'סטערט געוואָ'רן און איך וויל, אַז איי'נער פֿון די גרע'סטע ייִ'דישע שרײַ'בערס פֿון אַ'לע צײַטן זאָל אָ'נערקענט ווערן אויפֿן זעלבן אופֿן אין די פֿאַראײ'ניקטע שטאַטן“.

בעל קאַ'ופֿמאַן, שלום־עליכמס איי'ניקל און אַ באַרי'מטע מחברטע [мэха'бэртэ] פֿון ע'טלעכע בי'כער וועט בײַ דער צערעמאָ'ניע אויפֿדעקן אַ סקולפּטו'ר פֿון איר זיידן. די סקולפּטו'ר וועט שטיין פֿאַרן בנין [би'ньэн], אין וועלכן עס געפֿי'נען זיך דער „פֿאָ'רווערטס“ און דער אַ'רבעטער־רינג.

דאָס אָ'נרופֿן די גאַס „שלום־עליכם פּלעיס“ פֿאַלט אויס אין זע'לביקן טאָג, ווען ס'ווערט אָ'פּגעצייכנט דעם שרײַ'בערס אַ'כציקסטע יאָ'רצײַט. דער שרײַ'בער ליגט אויפֿן „אַ'רבעטער־רינג בית־עלמין [бэса'лмэн]“ אין קווינס. זײַן ווונטש איז געווע'ן באַע'רדיקט צו ווערן צווישן פּשוטע [по'шэтэ] מענטשן, ווע'מענס קבֿרים וואָלטן באַשײַ'נט זײַן מצבֿה אַזוי', ווי ער האָט באַלוי'כטן זיי'ערע לעבנס מיט זײַ'נע ווערק.

קאָמי'שאָנער סקאַי'לער דזשי. טשע'יפּין, פּראָפֿע'סאָר טאָם בוירד פֿון קווינס־קאַ'לעדזש און בעל קאַ'ופֿמאַן וועלן ריידן בײַ דער צערעמאָ'ניע. שע'לדאָן האַ'רניק, אוי'טאָר פֿון די בי'נע־פֿאָרשטעלונגען „פֿי'דלער אויפֿן דאַך“, „פֿי'אָרע'לאָ“ און „די ראָ'טשילדס“ וועט פֿאַרווײַ'לן דעם עולם [о'йлэм]. זלמן מלאָ'טעקס כלי־זמרים [клэзмо'рим] וועלן שפּילן ייִ'דישע מוזי'ק און אַ קו'רצע דערציי'לונג פֿון שלום־עליכם וועט פֿאָ'רגעלייענט ווערן אויף ע'נגליש און ייִ'דיש דורך דער אַקטרי'סע עלינאָ'ר ראַ'יִסאַ.

קיין שום אָ'פּצאָל וועט נישט געפֿאָ'דערט ווערן. אַ'לע ווערן פֿאַרבע'טן. אין פֿאַל פֿון רעגן וועט די צערעמאָ'ניע אָ'פּגעהאַלטן ווערן אין דעם זאַל פֿון אַ'רבעטער־רינג בנין, 45 איסט 33סטע גאַס.

„פֿאָ'רווערטס“, 31טן מײַ 1996

| ווערטער צום טעקסט | Слова к тексту |
|---|---|
| א אוי'פֿדעקן | открывать |
| אויפֿן נאָ'מען (פֿון) | имени *(кого-либо; чего-либо)* |
| איי'ניקל דאָס (עך) | внук; внучка |
| אין פֿאַל (פֿון) | в случае |
| אין פֿאַל פֿון רעגן | в случае дождя |
| אָ'נערקענען | признавать |
| אָ'נרופֿן | называть |
| אָ'פּהאַלטן | проводить *(мероприятие)* |
| אָ'פּצאָל דער (ן) | плата |
| אָ'פּצייכענען | отмечать |
| אַ'רבעטער־רינג דער | еврейская культурно-общественная организация |
| ב באַגײַ'סטערן | воодушевлять |
| באַזו'כן | посещать |
| באַמע'רקן | замечать |
| באַע'רדיקן | предавать земле |
| באַרי'מט | знаменитый |
| בי'נע־פֿאָרשטעלונג די (ען) | сценическая постановка |
| בית־עלמין דער (ס) [бэса'лмэн] | кладбище *(еврейское)* |
| בנין דער (ים) [би'нйэн-бинйо'ним] | здание |
| ג גאַס די (ן) | улица |
| געפֿי'נען זיך (זיך געפֿו'נען) | находиться |
| ד דערווי'סן זיך (זיך דערוווּ'סט) | узнать |
| דערציי'לונג די (ען) | рассказ |
| ו ווּנטש דער (ן) | желание |
| ז זו'נטיק דער | воскресенье |

| | | |
|---|---|---|
| | זיידע דער (ס) | дедушка |
| י | יאָ'רצײַט די (ן) | годовщина смерти |
| ל | ליגן (איז געלע'גן) | лежать |
| מ | מחברטע די (ס) [мэха'бэртэ] | писательница, автор (женщина) |
| | מע'יאָר דער | мэр *(амер.)* |
| ע | עולם דער (ס) [о'йлэм] | *зд.* публика |
| | עקסיסטי'רן | существовать |
| פּ | פּלעיס דער | площадь *(амер.)* |
| | פּראָקלאַמי'רן | заявлять |
| פֿ | פֿאָ'דערן | требовать |
| | פֿאַראַיאָ'רן | в прошлом году |
| | פֿאַראײ'ניקטע שטאַטן די מ"צ | Соединённые Штаты |
| | פֿאַרבע'טן | приглашать |
| | פֿאַרווײַ'לן | занимать; развлекать |
| | פֿאָ'רלייענען | читать *(вслух)* |
| | פֿאָ'רקומען (איז פֿאָ'רגעקומען) | происходить |
| | פֿונדאַ'ציע די (ס) | фонд |
| | „פֿאָ'רווערטס“ דער | газета „Форвертс” |
| | „פֿי'דלער אויפֿן דאַך“ | „Скрипач на крыше” |
| ק | קאַ'לעדזש דער | колледж *(амер.)* |
| | קאָמי'שאָנער דער | представитель *(амер.)* |
| | קיין שום | никакой (-ая, -ое, -ие) |

## II. מאָנומע'נט פֿון שלום־עליכם אוי'פֿגעדעקט אין קיִ'עוו

מאָ'סקווע (ייִט"אַ). – אַ דע'נקמאָל לכּבֿוד דעם קלאַ'סיקער פֿון דער ייִ'דישער ליטעראַטו'ר, שלום־עליכם, איז פֿאָ'ריקע וואָך אוי'פֿגעדעקט געוואָ'רן אין קיִ'עוו. דער 10־פֿו'סיקער מאָנומע'נט איז אוי'פֿגעשטעלט געוואָ'רן אין צע'נטער שטאָט, לעבן דעם הויז, אין וועלכן ער האָט געוווי'נט בײַם אָ'נהייב פֿון הײַ'נטיקן יאָ'רהונדערט.

דאָס הויז וועט אין קורצן רענאָווי'רט און פֿאַרוואַ'נדלט ווערן אין דעם „שלום־עליכם־מוזיי“. בײַ דער ווי'דמונגס־צערעמאָניע זײַ'נען געווע'ן אָ'נוועזנדיק דער בי'רגערמײַסטער פֿון קיִ'עוו, ייִ'דישע כּלל־טוער און רעגי'רונגס־באַאַמטע.

„פֿאָ'רווערטס“, 30 יאַנואַ'ר 1998

| | ווערטער צום טעקסט | Слова к тексту |
|---|---|---|
| א | אוי'פֿשטעלן | устанавливать |
| | אָ'נוועזנדיק | присутствующий |
| ב | בי'רגערמײַסטער דער (ס) | градоначальник; мэр |
| ד | דע'נקמאָל דער (דע'נקמעלער) | памятник |
| ו | ווי'דמונגס־צערעמאָניע די (ס) | церемония посвящения |
| כּ | כּלל־טוער דער (=) [клал-] | общественный деятель |
| ל | לכּבֿוד [лэко'вэд] | в честь *(кого-либо; чего-либо)* |
| פֿ | פֿאַרוואַ'נדלען | превращать |
| | פֿאָ'ריק | прошлый; прошедший |
| | פֿאָ'ריקע וואָך | на прошлой неделе |
| | פֿוס דער | фут *(мера длины)* |
| | 10־פֿו'סיק | 10-футовый |
| ק | קלאַ'סיקער דער (ס) | классик |
| ר | רעגי'רונגס־באַאַמטע די מצ. | государственные служащие |
| | רענאָווי'רן | обновлять; реконструировать |

דר. העשיל קלע'פּפֿיש

## III. דער ווי'לנער גר־צדק [гэр-цэ'дэк]
(געקי'רצט)

דער פֿאַל, אויף וועלכן מיר שטעלן זיך אָפּ, האָט פּאַסי'רט אין אַכצנטן יאָ'רהונדערט. פֿאַר ייִדן איז דאָס געווע'ן אַ שווע'רע צײַט אין פּוילן און לי'טע. צו די גזירות [гзэ'йрэс], באַגרע'נעצונגען, רעפּרע'סיעס האָט נישט געקענ'מען קיין עק. אָ'בער גראָד דעמאָלט איז אין דער ספֿע'רע פֿון די פּריצים אַרײַ'נגעדרונגען דער באַגע'ר צו באַהע'פֿטן זיך מיטן ייִ'דישן פֿאָלק.

די כראָ'ניק ווייסט צו דערציי'לן וועגן איי'נעם אַ מי'טגליד פֿון דער באַקאַ'נטער פּרי'צים־משפּחה פּאָטאָ'צקי, צו וועלכן ס'האָבן געהע'רט אַ סך גי'טער אין דער געגנט פֿון ווי'לנע. זײַן נאָ'מען איז געווע'ן וואַלענטי'ן.

דער יו'נגער גראַף איז אַוועקגעשי'קט געוואָ'רן שטודי'רן קיין מערבֿ־איי'ראָפּע [ма'йрэв-]. דאָרט האָט ער זיך צונוי'פֿגעטראָפֿן מיט ייִדן, מיט וועלכע ער האָט גערן געשמו'עסט אי'בער פֿילאָסאָ'פֿישע און טעאָלאָ'גישע ענינים [инйо'ним], וואָס האָבן אים פֿאַראינטערעסי'רט. ס'איז אין אים אוי'פֿגעגאַנגען דער ווילן צו דערקע'נען וואָס ייִ'דישקײַט איז און וואָס זי פֿאָ'דערט בײַם מענטש. אויך זײַ'נער אַ פֿרײַנד, אַ זון פֿון אַ מיוחסדיקער [мэю'хэсдикэр] פּוי'לישער משפּחה – זאַרע'מבאַ האָט ער געהיי'סן – איז אַרײַ'נגעצויגן געוואָ'רן אין די דאָ'זיקע געשפּרע'כן.

בײַ ביי'דע איז געוואָ'רן רײַף דער באַשלו'ס אַרי'בערצוגיין צום ייִ'דישן גלויבן. זיי האָבן זיך מגייר [мэга'йэр] געווע'ן אין האָ'לאַנד, אין אַמסטערדאַ'ם, ווו ס'האָט זיך אײַ'נגעשטעלט די רעליגיע'זע טאָלעראַ'נץ.

זאַרע׳מבאַ האָט, ווי אַ ייִד, נישט געוואָ׳לט מער זיך או׳מקערן קיין ווי׳לנע. ער האָט פֿאַרשטאַ׳נען, אַז דאָרט וועט ער ווערן גערודפֿט [гэро'йдэфт] און פֿאַראו׳רטיילט צום טויט. אָ׳בער פּאָטאָ׳צקי האָט באַשלאָ׳סן זיך או׳מצוקערן אַהיי׳ם. דער גראַף פּאָטאָ׳צקי האָט זיך באַזע׳צט אין דעם שטעטל אי׳ליע, נעבן ווי׳לנע. מע האָט אים געקע׳נט ווי דער גר [гэр] אַבֿרהם בן אַבֿרהם [авро'м бэн авро'м] – דער טראַדיציאָנע׳לער נאָ׳מען פֿאַר גרים [гэ'йрим].

אָ׳בער די מלוכה־אויטאָריטעטן [мэлу'хэ-] האָבן זיך דערוווּ׳סט, ווער ס׳איז דער פּרי׳שער קהילה־מיטגליד, וואָס איז אָ׳נגעקומען קיין אי׳ליע. ער איז אַרעסטי׳רט געוואָ׳רן און איז געשטע׳לט געוואָ׳רן פֿאַרן גערי׳כט אין ווי׳לנע. אַ׳לע מי׳טלען זײַ׳נען אָ׳נגעוואָנדן געוואָ׳רן דורך זײַן פֿאַמי׳ליע, דורך דער קירך, דורך דער רעגי׳רנדיקער מאַכט אים אַרו׳פֿצופֿירן אויפֿן „גלײַכן“ וועג. ס׳האָט נישט געווי׳רקט. אין פֿעלדזן־פֿע׳סטער אי׳בערצײַגונג האָט ער אי׳בערגעחזרט [и'бэргэхазэрт] די רי׳רנדיקע דערקלע׳רונג, וואָס רות [рус] האָט אָ׳פּגעגעבן אויף די פֿע׳לדער פֿון מואָבֿ [мо'йэв]: „זאָלסט מיך ניט בעטן דיך (די ייִ׳דישע אמונה [эму'нэ]) צו פֿאַרלאָ׳זן, זיך או׳מ־ צוקערן...“ (רות, א, טז)

ער איז פֿאַראו׳רטיילט געוואָ׳רן פֿאַרברע׳נט צו ווערן אויפֿן ע׳פֿנטלעכן פּלאַץ אין ווי׳לנע. דאָס איז געווע׳ן אין יאָר 1746. ס׳איז גראָד אוי׳סגעפֿאַלן אין צווייטן טאָג שבֿועות [шву'эс], אין טאָג, ווען מע ליי׳ענט מגילת [мэги'лэс] רות.

ס׳האָט זיך אײַ׳נגעגעבן די ייִדן אין ווי׳לנע אַרוי׳סצובאַקומען דאָס ביסל אַש, וואָס איז נאָך אים פֿאַרבלי׳בן און מע האָט דאָס געבראַ׳כט צו קבֿורה [кву'рэ] אויפֿן בית־עולם [бэсо'йлэм]. אויף דער מצבֿה איז אוי׳סגעקריצט געוואָ׳רן: אַבֿרהם בן אַבֿרהם, גר צדק הקדוש [hако'дэш].

## ווערטער צום טעקסט — Слова к тексту

| ווערטער צום טעקסט | Слова к тексту |
|---|---|
| א אַבֿרהם בן אַבֿרהם [авро'м бэн авро'м] | Авром, сын Аврома |
| אַהיי׳ם | домой |
| אַווע׳קשיקן | посылать; отсылать |
| אוי׳סקריצן | вырезать; выцарапывать |
| אוי׳פֿגיין (איז אויפֿגעגאַ׳נגען) | восходить; возникать |
| או׳מקערן זיך | возвращаться |
| אי׳בערחזרן [и'бэрхазэрн] | повторять |
| אי׳בערצײַגונג די (ען) | убеждение |
| אײַ׳נגעבן זיך ((זיך) אײַ׳נגעגעבן) | удаваться |
| אײַ׳נשטעלן זיך | устанавливаться |
| אָנווענדן (אָ׳נגעוואָנדן) | применять *(меры)* |
| אָנקומען (איז אָ׳נגעקומען) | появиться |
| אָ׳פּגעבן (אָ׳פּגעגעבן) | (от)дать |
| אָפּשטעלן זיך | останавливаться |
| אַרוי׳סבאַקומען (אַרוי׳סבאַקומען) | (за)получить |

| | | |
|---|---|---|
| | אַרוי’פֿפֿירן | приводить; *зд.* возвращать |
| | אַרי’בערגיין (איז אַרי’בערגעגאַנגען) | перейти |
| | אַרײַ’נדרינגען (אַרײַ’נגעדרונגען) | проникать |
| | אַרײַ’נציִען (אַרײַ’נגעצויגן) | втягивать |
| | אַש דאָס | пепел |
| ב | באַגע’ר דער (ן) | желание |
| | באַגרע’נעצונג די (ען) | ограничение |
| | באַהע’פֿטן זיך | соединяться; сочетаться |
| | באַזע’צן זיך | поселиться; обосноваться |
| | באַשלו’ס דער (ן) | решение |
| | באַשליסן (באַשלאָ’סן) | решать, принимать решение |
| | בית־עולם דער (ס) [бэсо'йлэм] | кладбище *(еврейское)* |
| | ברענגען צו קבֿורה [кву'рэ] (געבראַכט) | предать (прах) земле |
| ג | גוט דאָס (גי’טער) | поместье;владение *(земельное)* |
| | גזירה די (־ות) [гзэ'йрэ] | указ о преследовании евреев |
| | גלויבן דער (ס) | вера |
| | געהע’רן | принадлежать |
| | גערי’כט דאָס (ן) | суд |
| | גערן | охотно; с радостью |
| | געשפּרע’ך דער (ן) | разговор; беседа |
| | גר דער (ים) [гэр-гэ'йрим] | человек, принявший иудаизм |
| | גר צדק הקדוש דער [цэдэк hако'дэш] | святой гер-праведник |
| ד | דערווי’סן זיך ((זיך) דערוווּסט) | узнавать |
| | דערקלע’רונג די (ען) | объяснение |
| | דערקע’נען | узнавать |
| ה | האָ’לאַנד דאָס | Голландия |
| ו | ווילן דער (ס) | желание; воля |
| | ווי’לנע די | город Вильно (*совр.* Вильнюс) |
| | ווי’רקן | оказывать (воз)действие |
| ט | טאָלעראַ’נץ די | терпимость |
| | טויט דער (ן) | смерть |
| | טראַדיציאָנע’ל | традиционный |
| י | ייִ’דישקייט די | совокупность представлений, законов и обычаев евреев |
| ל | לי’טע די | Литва |
| מ | מאַכט די (ן) | власть |
| | מגייר זײַן זיך [мэга'йэр] (האָט זיך מגייר געווען) | перейти в иудаизм |
| | מגילת רות [мэги'лэс рус] | Книга Рут *(в Танахе)* |
| | מואָבֿ [мо'йев] | Моав *(название местности)* |

| | | |
|---|---|---|
| знатный; родовитый | מיוחסדיק [мэю'хэсдик] | |
| член | מי'טגליד דער (ער) | |
| средство | מי'טל דאָס (ען) | |
| государство | מלוכה די (־ות) [мэлу'хэ] | |
| Западная Европа | מערבֿ־אייראָפּע די [ма'йрэв-] | |
| дело | ענין דער (ים) [и'нйэн-инйо'ним] | ע |
| открыто; принародно | ע'פֿנטלעך | |
| 1. конец; 2. хвост | עק דער (ן) | |
| этому не было конца | ס'האָט ניט גענומען קיין עק | |
| происходить | פּאַסי'רן | פּ |
| площадь | פּלאַץ דער (פּלעצער) | |
| требовать | פֿאָ'דערן | פֿ |
| случай | פֿאַל דער (ן) | |
| семья | פֿאַמי'ליע די (ס) | |
| приговаривать, осуждать, выносить приговор | פֿאַראו'רטיילן | |
| оставаться | פֿאַרבלײַ'בן (פֿאַרבלי'בן) | |
| сжигать | פֿאַרברע'נען (פֿאַרברענט) | |
| понимать | פֿאַרשטיין (פֿאַרשטאַ'נען) | |
| твердокаменно | פֿעלדזן־פֿע'סט | |
| свежий; *зд.* новый | פֿרי'ש | |
| встречаться | צונויפֿ'טרעפֿן זיך ((זיך) צונויפֿגעטראָפֿן) | צ |
| церковь | קירך די (ן) | ק |
| подвергать гонениям | רודפֿן [ро'йдэфн] | ר |
| Рут *(персонаж из Танаха)* | רות [рус] | |
| спелый | רײַף | |
| трогательный | רי'רנדיק | |
| правительственный | רעגי'רנדיק | |
| религиозный | רעליגיע'ז | |
| Швуэс; Шавуот *(праздник)* | שבֿועות דער [шву'эс] | ש |
| учиться; изучать | שטודי'רן | |
| местечко | שטעטל דאָס (עך) | |

**Вопросы к тексту.**

1) ווען האָט פּאַסי'רט די געשי'כטע, וועגן ווע'לכער עס גייט אַ רייד אי'נעם טעקסט?

2) ווי איז געווע'ן די לאַ'גע (положение) פֿון די פּוי'לישע ייִדן אין אַכצנטן יאָרהו'נדערט?

3) וועגן ווע'מען גייט אַ רייד אי'נעם טעקסט?

4) פֿון וואָס פֿאַר אַ פֿאַמי’ליע האָט געשטאַ’מט וואַלענטי’ן פּאָטאָ’צקי?
5) צו וואָס איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין מערבֿ־אייראָפּע?
6) מיט וועמען האָט ער דאָרט געפֿי’רט שמו’עסן אי’בער פֿילאָסאָ’פֿישע און טעאָלאָ’גישע פּראָבלע’מען?
7) ווער האָט זיך נאָך באַטײ’ליקט (участвовал) אין די שמו’עסן?
8) וווּ האָבן זיי זיך מגייר געווע’ן?
9) פֿאַר וואָס האָט זאַרע’מבאַ באַשלאָ’סן נישט או’מצוקערן זיך קיין ווי’לנע?
10) ווו האָט זיך באַזע’צט דער גר־צדק נאָכן או’מקערן זיך אַהיי’ם?
11) ווי האָבן זיך באַצוי’גן צו אים די מלוכישע און קי’רכלעכע אינסטאַ’נצן?
12) צי איז זיי געלו’נגען צו אי’בערצײַגן וואַלענטי’נען און „אַרוי’פֿפֿירן אים אויפֿן גלײַכן וועג“?
13) וואָס פֿלעגט ער ע’נטפֿערן זײַ’נע אויספֿאָ’רשערס?
14) צו וואָס פֿאַר אַ טויט איז ער פֿאַראו’רטײלט געוואָ’רן?
15) וווּ געפֿי’נט זיך זײַן קבֿר?
16) וואָס שטייט או’סגעקריצט אויף זײַן מצבֿה?

**Грамматика:** Партицип. Основные функции, значение, перевод.
**Тексты:** ה. לײ'וויק: אויף די וועגן סיבי'רער; ע'רגעץ ווײַט

# ГРАММАТИКА

## Партицип - неспрягаемая часть сложных форм глагола

Из предыдущих уроков вам уже известно, что в сочетании со вспомогательными глаголами **האָבן**, **זײַן** **וואָלטן** и **ווערן** партицип образует сложные формы:

1) прошедшего времени (уроки IX-XII)
**איך האָב געלײ'ענט** „я читал", **איך בין געקו'מען** „я пришёл";
2) условного наклонения (урок XVI)
**איך וואָלט געלײ'ענט** „я читал бы";
3) страдательного залога (пассива) (урок XVIII)
**דער בוך ווערט (איז געוואָ'רן, וועט ווערן) געלײ'ענט** „книга читается (читалась, будет читаться)".

> ☞ ***Внимание!*** При перечислении ряда действий, выраженных одной и той же сложной грамматической формой, вспомогательный глагол употребляется, как правило, один раз – при первом партиципе, при остальных же партиципах вспомогательный глагол может быть опущен:

| | |
|---|---|
| 1) Он прочёл и перевёл текст, и ответил на вопросы. | 1) ער האָט אי'בערגעלייענט און אי'בערגעזעצט דעם טעקסט, און געע'נטפֿערט אויף די פֿראַ'געס. |
| 2) Слова прочитываются, выписываются и выучиваются наизусть. | 2) די ווע'רטער ווערן געלײ'ענט, אַרוי'סגעשריבן און אוי'סגעלערנט אויף אוי'סנווייניק. |

> ☞ Вспомогательный глагол может вообще опускаться, и все партиципы в предложении употребляются без него, если из контекста ясно, что речь идёт о действиях в прошлом, например:

| | |
|---|---|
| 1) *Проехали* базар, *миновали* лавки... *переехали* мостик и вот уже и леваду *оставили* позади – исчезло Воронко! (*Шолом-Алейхем*) | אַרױ׳סגעפֿאָרן פֿון מאַרק, געפּאַ׳טערט די קלײטן... אַרי׳בערגעפֿאָרן דאָס בריקל, און געלאָ׳זט הי׳נטער זיך שוין די לעװאַ׳דע אױך – אױס װאָראָ׳נקאָ! (1 (שלום-עליכם) |
| 2) Со всех рек твоих воду *пробовал*, во всех твоих лесах *спал*, со всех твоих садов *ел* плоды, со всеми сыновьями твоими *встречался*. (*М. Грубиян*) | פֿון אַ׳לע דײַ׳נע טײַכן װאַ׳סער פֿאַרזו׳כט, אין אַ׳לע דײַ׳נע װע׳לדער געשלאָ׳פֿן, פֿון אַ׳לע דײַ׳נע סע׳דער געגע׳סן פֿרוכט, מיט אַ׳לע דײַ׳נע זין זיך געטראָ׳פֿן. (2 (מ. גרוביאַ׳ן) |

## Партиципат при полнозначном (самостоятельном) глаголе

1) Партиципат при полнозначном глаголе может, подобно наречию, служить обстоятельством, уточняющим, характеризующим действие, выраженное глаголом. Такой партиципат переводится наречием или деепричастием:

| | |
|---|---|
| 1) Он говорит очень *взволнованно.* | ער רעדט זײ׳ער אױ׳פֿגערעגט. (1 |
| 2) Он говорит очень *сдержанно.* | ער רעדט זײ׳ער אײַ׳נגעהאַלטן. (2 |
| 3) „Стоит дерево посреди дороги, стоит оно *согнувшись*. Все птички с дерева разлетелись.” (*Народная песня*) | „שטײט אַ בױם אינמי׳טן װעג, שטײט ער אײַ׳נגעבױגן. אַ׳לע פֿײ׳געלעך פֿון בױם זײַ׳נען זיך צעפֿלױ׳גן.“ (3 (פֿאָ׳לקסליד) |

2) Партиципат вместе с поясняющими и зависимыми от него словами образует *обособленный оборот*, соответствующий по своему значению русскому обособленному обороту с деепричастием совершенного вида типа „прочитав”, „поговорив”, „пропев” и т. п. Такой оборот означает *добавочное действие*, *предшествующее* основному действию, выраженному сказуемым. Например:

1) דערהערט אַזעלכע דיבורים, איז מײַן ברודער עליע געוואָרן אין כּעס [кас].

1) *Услышав такие речи*, мой брат Эля рассердился.

2) אָנגערעדט זיך און אָנגעשריגן זיך וועגן זײַטיקע זאַכן, איז מען אַרויף אויף אַ שמועס וועגן וווהין צו פֿאַרפֿאָרן און בײַ וועמען אָפּצושטעלן זיך.

2) *Наговорившись* (*поговорив*) и *накричавшись* (*покричав*) *о разных других делах* (*букв.* о посторонних делах), перешли к разговору (о том), куда заехать и у кого остановиться.

(*Шолом-Алейхем*) (שלום-עליכם)

***Обособленный оборот*** узнаётся в тексте по следующим признакам: 1) оборот выделяется запятыми; 2) в обороте нет вспомогательных глаголов; 3) партицип стоит в краткой форме (т. е. не имеет окончаний, аналогичных родовым и падежным окончаниям прилагательного, и не согласуется с другими членами предложения).

Предложения с обособленным оборотом (с партиципом) могут переводиться различными языковыми средствами, но они должны обязательно указывать на то, что действие, выраженное партиципом, *предшествовало* действию, выраженному сказуемым. Таковыми могут быть обособленные обороты с деепричастиями типа „прочитав", „сделав" и т. п., сложные предложения с союзами „после того, как", „как только" и другие языковые средства. Сравните, например, различные способы перевода обособленных оборотов:

1) געמאַכט דאָס ערשטע פֿעסל קוואַס, איז געבליבן, אַז אַרויסטראָגן פֿאַרקויפֿן אויף דער גאַס זאָל איך.

1) *Когда приготовили* первую бочку кваса, было решено, что продавать его на улице буду я.

партицип переведён сочетанием **„когда + прошедшее время глагола"**

2) אָפּגעדאַוונט... אָפּגעגעסן וועטשערע, האָבן מיר אָפּגעוואַרט, ביז עס וועט ווערן רעכט פֿינצטער.

2) *Помолились... поужинали*, подождали, пока совсем стемнеет.

3) אַרויסגעגאַנגען פֿון שטאָט, האָבן מיר דערזען אַ בערגל.

3) *За городом* (*букв.* выйдя из города) мы увидели холм.

(*Шолом-Алейхем*) (שלום-עליכם)

весь оборот переведён **существительным с предлогом**

**Задание 1*.** Переведите отрывки из произведений еврейских писателей. Обращайте внимание на перевод обособленных оборотов.

1) דערהערט אַזאַ' מעשׂה [ма'йсэ], כאַפּט זיך אויף מײַן שווערער ברכה [бро'хэ] מיט אַ פּליעסק אין די הענט. 2) דערהערט, אַז עס איז שוין ניטאָ' קיין ראַטאָנדע, בין איך צופֿרידן (שלום-עליכם). 3) געקומען קיין כאַבאַראָווסק, האָט ער גענומען

זײַ'נע פֿע'קלעך און איז אַוועק' צום פֿריטשאַ'ל אויפֿן אַמו'ר. 4) געקו'מען קיין בירָאבידזשאַ'ן און אײַ'נגעפֿונדעוועט זיך אויפֿן אָרט, האָב איך זיך דערוווּ'סט, אַז אין דער שטאָט לעבט מײַ'נע אַ זעמליאַ'טשקע. 5) אָ'פּגעפֿאָרן אַזוי' אַ פֿיר־פֿינף קילאָמע'טער, קום איך, ע'נדלעך, צו אַ סאָ'יע־פּלאַנטאַ'ציע (ח. בײ'דער). 6) דו'רכגעדעמאָנסטרירט פֿאַר אונדז אַ'לע מע'גלעכקייטן פֿון דעם נײַ'עם אינסטרומע'נט, האָט גדליה [гэда'льэ] גענו'מען שפּילן אַ ייִדיש פֿריי'לעכס. 7) אָ'פּגעלעבט אַזוי' ע'טוואָס מער פֿון אַ וואָך, איז שאַ'ליט איי'ן מאָל אוי'פֿגעשטאַנען, ווען די היי'מישע זײַ'נען נאָך געשלאָ'פֿן (ה. ראַבינקאָ'וו). 8) דערהע'רט אַ טופּערײַ' פֿון פֿערד, האָט מאַראָ'זאָוו... גענו'מען קוקן, ווער פֿאָרט דאָס אַזוי'. 9) זיך אוי'פֿגעהויבן אויפֿן שפּיץ פֿון אַ סאָ'פּקע, האָט מאַראָ'זאָוו אָ'פּגעשטעלט דאָס פֿערד. 10) צו'געפּאַסט די אָקוליאַ'רן פֿו'נעם בינאָ'קל, האָט מאַראָ'זאָוו גענו'מען באַטראַ'כטן דעם צווייטן ברעג (ה. דאָ'בין).

## *Пояснения к тексту*

1) דערהע'רט אַזאַ' מעשׂה услышав это, услыхав такое

2) די ראָטאָנדע ротонда *(вид женской верхней одежды)*

5) слово אַ перед числительными имеет значение „примерно”, „около”, „приблизительно”:

אַ פֿיר־פֿינף קילאָמע'טער около четырёх-пяти километров

6), 8), 10) глагол נע'מען в сочетании с неопределённой формой имеет значение „начинать (*что-то делать*)”, „браться *(за какую-либо работу)*”

6) גענו'מען שפּילן начал играть, заиграл

8) גענו'מען קוקן стал смотреть

10) גענו'מען באַטראַ'כטן начал, принялся рассматривать

## Слова к тексту задания 1

В данном списке слов наряду с переводом неопределённой формы приводится и перевод некоторых партиципов в том значении, в каком они употреблены в упражнении.

| | | |
|---|---|---|
| подниматься – поднявшись | אוי'פֿהייבן זיך – זיך אוי'פֿגעהויבן | א |
| взволновать – взволнованно | אוי'פֿרעגן – אוי'פֿגערעגט | |
| посреди, в середине | אין מיטן | |
| однажды | איין מאָל | |
| сгибать – согнувшись | אײַ'נבייגן – אײַ'נגעבויגן | |
| обосноваться – обосновавшись | אײַ'נפֿונדעווען זיך – זיך אײַ'נגעפֿונדעוועט | |
| помолиться – помолившись | אָ'פּדאַווענען – אָ'פּגעדאַוונט | |

| | | |
|---|---|---|
| | אָ'פּוואַרטן – אָ'פּגעוואַרט | дожидаться – дождавшись |
| | אָ'פּעסן – אָ'פּגעגעסן | поесть – поев |
| | אָ'פּשטעלן (זיך) – (זיך) אָפּגעשטעלט | остановить(ся) – остановив(шись) |
| ב | באַטראַ'כטן – (באַטראַכט) | 1. рассматривать; 2. обдумывать |
| | בערגל דאָס (עך) | холм |
| ד | דו'רכדעמאָנסטרי'רן – דו'רכגעדעמאָנסטרי'רט | продемонстрировать – продемонстрировав |
| | דיבו'רים מ"צ | речи *(ирон.)* |
| | דערהע'רן – דערהע'רט | услышать – услыхав |
| | דערווי'סן זיך (זיך דערוווּ'סט) | узнать *(о чём-либо)* |
| ה | היי'מישע מ"צ | домашние *(родные)* |
| ו | וואַ'סער די/דאָס (ן) | вода |
| | ווײ'ניק | мало, немного |
| | ווע'טשערע די (ס) | ужин |
| ט | טופּערײַ' די (ען) | топот |
| כּ | כּעס דער [ка'ас] | гнев |
| | אין כּעס ווערן (איז אין כּעס געוואָ'רן) | рассердиться |
| מ | מע'גלעכקייט די (ן) | возможность |
| | מעשׂה די (־ות) [ма'йсэ] | 1. рассказ; 2. происшествие |
| | „אַזאַ' מעשׂה" | „такое (вот) дело" |
| נ | ניטאָ' | нет *(отсутствует)* |
| ס | סוף דער (ן) [соф] | конец |
| ע | ע'טוואָס | 1. немного; 2. нечто, что-то |
| | ע'נדלעך | наконец |
| פּ | פּליעסק דער (ן) | всплеск |
| | מיט אַ פּליעסק | всплеснув (*букв.* со всплеском) |
| | פּעקל דאָס (עך) | пачка, свёрток |
| פֿ | פֿאַרזו'כן | пробовать на вкус |
| | פֿי'נצטער | тёмный, мрачный |
| | פֿעסל דאָס (עך) | бочонок |
| | פֿערד דאָס (=) | лошадь |
| צ | צו'פּאַסן – צו'געפּאַסט | приспособить – приспособив |
| ר | רעכט | очень; довольно |
| ש | שאַ'פֿע די (ס) | шкаф |
| | שווע'גערן די (ס) | невестка; золовка |
| | שפּיץ דער (ן) | вершина; остриё |

## Партиципп от переходных глаголов при глаголе-связке זײַן

Сочетание партиципа от переходного глагола с любой формой глагола-связки זײַן означает *состояние*, в котором находится предмет в результате предварительно произведённого над ним действия. Такое сочетание соответствует по своему значению русскому сочетанию „быть + краткое страдательное причастие” на -ен, -ан, -ит (типа „построен”, „написан”, „выбит” и т. п.).

1) Дом (уже) ***построен*** (был, будет, был бы построен). — 1) דאָס הויז איז (איז געווען, וועט זײַן, וואָלט געווען...) אויפֿגעבויט.
2) Письмо (уже) *написано*. — 2) דער בריוו איז אָנגעשריבן.

> ***Внимание!*** Сочетание „זײַן + партиципп” ***двузначно***!

### *Различайте:*

*а*) זײַן + партиципп ***непереходных*** глаголов, у которых в нашем словаре имеется указание איז (איז געקומען, איז געפֿאָרן и т. п.), является формой прошедшего времени:

1) Он ехал. — 1) ער איז געפֿאָ'רן.
2) Он пришёл. — 2) ער איז געקו'מען.

*б*) זײַן + партиципп других глаголов (без указания איז) означает состояние и переводится сочетанием „быть + краткое причастие”:

1) Текст был переведён. — 1) דער טעקסט איז געווען אי'בערגעזעצט.
2) Письмо отослано. — 2) דער בריוו איז אָ'פּגעשיקט.

**Задание 2*.** Переведите предложения, обращая внимание на различные значения сочетаний „זײַן + партиципп”.

1) ער איז אָ'נגעטאָן. 2) ער איז געשלאָ'פֿן. 3) דער אַרטי'קל איז מיר געפֿע'לן. 4) דאָס ווערק איז געשאַ'פֿן. 5) די זי'צונג איז געשלאָ'סן. 6) ער איז געבלי'בן אין דער היים. 7) דער ראָמאַ'ן איז שוין דערשי'נען. 8) די טיר איז פֿאַרמאַ'כט. 9) די קי'נדער זײַ'נען געלאָ'פֿן. 10) דאָס אָרט איז פֿאַרנו'מען.

## Партиципи в роли определения к существительному

Партицип большинства глаголов подобно прилагательным может употребляться как определение к существительному. Подобно прилагательному партицип имеет *краткую* (несклоняемую) форму, например, **די אַ'רבעט איז געמאַ'כט** „работа сделана" и *полную* (склоняемую), с падежным окончанием (например, **די געמאַ'כט–ע אַ'רבעט** „сделанная работа").

Во всех рассмотренных выше случаях (I - III) партицип употребляется в краткой несклоняемой форме без каких-либо окончаний.

Выступая в роли определения к существительному, партицип получает падежные окончания и склоняется так же, как прилагательное (см. урок XIV). Сравните:

*прилагательное:* **די גוט–ע אַ'רבעט** „хорошая работа"
*партицип:* **די געמאַכט–ע אַ'רבעט** „сделанная работа"
*прилагательное:* **וועגן דעם גוט–ן אַרטי'קל** „о хорошей статье"
*партицип:* **וועגן דעם געדרו'קט–ן אַרטי'קל** „о напечатанной статье"

### *Особенности образования склоняемой формы партиципа*

При добавлении падежных окончаний к партиципам, оканчивающимся на ***согласный*** + ן- (типа פֿאַרגע'סן, געשרי'בן и т. п.), между согласным и конечным ן- включается дополнительно звук (буква) -ע-. Например:

| Перевод (склоняемой формы) | Форма партиципа | |
|---|---|---|
| | склоняемая | краткая |
| 1) написанное письмо | דער געשרי'ב-ע-נער בריוו. | 1) געשריבן |
| 2) избранные произведения | די געקלי'ב-ע-נע ווערק. | 2) געקליבן |
| 3) забытое слово | דאָס פֿאַרגע'ס-ע-נע וואָרט. | 3) פֿאַרגעסן |
| 4) на выпавшем снегу | אויף דעם אוי'סגעפֿאַל-ע-נעם שניי. | 4) אויסגעפֿאַלן |

***Запомните!*** также удвоение буквы и звука **ע-** в склоняемой форме двух партиципов: **געשעע'ענער** от **געשע'ן** (**די געשע'-ענע האַ'נדלונג** „совершавшееся действие") и **געזעע'ענער** от **געזע'ן** (**דאָס געזע'-ענע בילד** „увиденная картина").

## *Основные сочетания с партиципом и*

Условные обозначения:

| Перевод | Примеры | № |
|---|---|---|
| Я читал. | איך האָב געליי'ענט. | 1 |
| Я пришёл. | איך בין געקו'מען. | 2 |
| Роман (был, будет) напечатан. | דער ראָמאַ'ן איז (איז געווע'ן, וועט זײַן) אָ'פּגעדרוקט. | 3 |
| Я читал бы. | איך וואָלט געלייענט. | 4 |
| Дом строится (кем-то). | דאָס הויז ווערט געבויט. | 5 |
| Он работает отлично.<br>Он стоит согнувшись. | ער אַ'רבעט אוי'סגעצייכנט.<br>ער שטייט אָ'נגעבויגן. | 6 |
| Окончив работу, он ушёл домой. | פֿאַרע'נדיקט די אַ'רבעט, איז ער אַווע'ק אַהיי'ם. | 7 |
| Прибывший автобус. | דער אָ'נגעקומענער אויטאָ'בוס. | 8 |
| Опубликованный роман. | דער פּובליקי'רטער ראָמאַ'ן. | 9 |

## *их соответствия в русском языке*

*Таблица 37*

▬ краткий партицип

□ падежное окончание

□▬ склоняемая форма партиципа

| Соответствия в русском языке | Сочетания с партиципом | № |
|---|---|---|
| прошедшее время | ▬ + האָבן | 1 |
| прошедшее время | [1] ▬ + זײַן | 2 |
| быть + страдательное причастие прошедшего времени | [2] ▬ + זײַן | 3 |
| условное наклонение (форма с „бы") | ▬ + וואָלטן | 4 |
| страдательный залог | [2] ▬ + ווערן | 5 |
| наречие; деепричастие | ▬ + полнозначный глагол | 6 |
| обособленный оборот с деепричастием совершенного вида на -ав(шись), -ев(шись), -ив(шись) | поясняющие слова + ▬ | 7 |
| действительное причастие совершенного вида на -ший, -вший | существительное +[1] □▬ | 8 |
| страдательное причастие прошедшего времени на -нный, -тый | существительное +[2] □▬ | 9 |

[1] - партицип от непереходных глаголов

[2] - партицип от переходных глаголов

**Задание 3.** Образуйте склоняемую форму с окончанием ער- от кратких партиципов по образцу.

געבו'נדן ← געבו'נדענער:

1) געטראָ'פֿן, 2) פֿאַרלאָ'שן, 3) פֿאַרבאָ'טן, 4) געבראָ'טן, 5) געוווּ'נטשן

**Задание 4.** Образуйте краткую форму партиципа от следующих форм (перевод смотрите по словарю):

1) געבאָ'רענער, 2) געפֿאַ'לענער, 3) אַנטלאָ'פֿענעם, 4) צעבראָ'כענע, 5) פֿאַרלאָ'רענע, 6) פֿאַרבלי'בענעם, 7) דערוואַ'קסענער, 8) באַשאַ'פֿענעם, 9) געבוי'גענער, 10) צעשני'טענעם.

**Задание 5.** Повторите тему „Склонение прилагательных” (ур. XIV)

**Задание 6.** Просклоняйте словосочетания.

די געמאַ'כטע אַ'רבעט „сделанная работа”
דאָס געזע'ענע בילד „увиденная картина”
דער געליי'ענטער בוך „(про)читанная книга”

## Значения партиципа-определения

Партицип в роли определения имеет разное значение в зависимости от значения глаголов, от которых он образован.

1) ***Партицип всех переходных глаголов*** имеет пассивное значение и соответствует русским страдательным причастиям прошедшего времени на *-енный, -анный, -тый:*

דאָס אוי'פֿגעבויטע הויז „построенный дом”
דער דו'רכגעליי'ענטער ראָמאַ'ן „прочитанный роман”
די צעבראָ'כענע גלאָז „разбитый стакан”

2) Определения, выраженные ***партиципом от непереходных глаголов***, имеют активное значение и соответствуют русским действительным причастиям совершенного вида на *-вший, -ший:*

דער אָ'נגעקומענער צוג „прибывший поезд”
דער אַווע'קגעגאַנגענער מענטש „ушедший человек”

**Задание 7*.** Переведите на русский язык следующие словосочетания:

1) דער באַזי'גטער פֿאַשי'זם, 2) דער אוי'פֿגעשטעלטער דע'נקמאָל, 3) דער אַראָ'פּגעפֿאַלענער עפּל, 4) דער אָ'פּגעשיקטער בריוו, 5) דער אָ'פּגעפֿלויגענער אַעראָפּלאַ'ן, 6) די פֿאַרמאַ'כטע טיר, 7) דער איי'נגעלאַדענער גאַסט, 8) די איי'נגעפּאַקטע טשעמאָדאַ'נעס, 9) דאָס געקוי'פֿטע קלייד, 10) די אָ'פּגעשווּמענע שיף, 11) די באַטראַ'כטע פֿראַ'גע, 12) דער אָ'פּגעפֿאָרענער אויטאָ'בוס.

**Задание 8.** Ознакомьтесь с обобщающей таблицей по теме „Партицип” (С. 270)

# ЧТЕНИЕ

**Задание 8*.** Прочитайте и переведите стихотворения Г. Лейвика.

**ה. לײ'וויק (לײ'וויק האַ'לפּערן) 1888, איהו'מען – 1962, ניו-יאָ'רק**

## אויף די וועגן סיבי'רער

אויף די וועגן סיבי'רער
קען ע'מעץ נאָך אי'צטער געפֿי'נען אַ קנעפּל, אַ שטריקל
פֿון מײַנס אַ צעריסענעם שוך;
אַ רי'מענעם פּאַס, פֿון אַ לײ'מענעם קריגל אַ שטיקל,
אַ בלעטל פֿון הײ'ליקן בוך.

אויף די טײַכן סיבי'רער
קען ע'מעץ נאָך אי'צטער געפֿי'נען אַ צייכן, אַ שפּענדל
פֿון מײַנס אַ דערטרו'נקענעם פּליט;
אין וואַלד – אַ פֿאַרבלו'טיקט פֿאַרטרי'קנטן בענדל,
אין שניי אײַ'נגעפֿרוירענע טריט...

## ע'רגעץ ווײַט

ע'רגעץ ווײַט, ע'רגעץ ווײַט
ליגט דאָס לאַנד דאָס פֿאַרבאָ'טענע,
זי'לבריק בלאָ'ען די בערג
נאָך פֿון קײ'נעם באַטראָ'טענע;
ע'רגעץ טיף, ע'רגעץ טיף
אין דער ערד אײַ'נגעקנאָטענע
וואַרטן אוצרות [о'йцрэс] אויף אונדז,
וואַרטן אוצרות פֿאַרשאָ'טענע.

ע'רגעץ ווײַט, ע'רגעץ ווײַט
ליגט אַלײ'ן אַ געפֿאַ'נגענער,
אויף זײַן קאָפּ שטאַרבט דער שניי
פֿון דער זון דער פֿאַרגאַ'נגענער;
ע'רגעץ וואָגלט ווער אום
טיף אין שניי אַ פֿאַרשאָ'טענער,
און געפֿי'נט נישט קיין וועג
צו דעם לאַנד דעם פֿאַרבאָ'רגענעם.
און געפֿי'נט נישט קיין וועג
צו דעם לאַנד דעם פֿאַרבאָ'רגענעם.

## Слова к тексту — ווערטער צום טעקסט

| Слова к тексту | ווערטער צום טעקסט | |
|---|---|---|
| скитаться, бродить | או'מוואָגלען | א |
| вмерзать | אײַ'נפֿרירן (אײַ'נגעפֿרוירן) | |
| вдавливать | אײַ'נקנעטן (אײַ'נגעקנאָטן) | |
| ступать ногой *(на...)* | באַטרע'טן (+ אַקוזאַטי'וו) | ב |
| синеть, светиться синевой | בלאָ'ען | |
| шнурок | בענדל דאָס (עך) | |
| пленный | געפֿאַ'נגענער דער (־נע) | ג |
| кто-то, некто | ע'מעץ | ע |
| где-то | ע'רגעץ | |
| полоса; пояс | פּאַס דער (ן) | פּ |
| плот | פּליט דער (ן) | |
| запрещать | פֿאַרבאָ'טן (פֿאַרבאָ'טן) | פֿ |
| заходить (***о солнце***) | פֿאַרגיי'ן (איז פֿאַרגאַ'נגען) | |
| засушивать | פֿאַרטרי'קענען | |
| засып***а***ть | פֿאַרשי'טן | |
| знак | צייכן דער (ס) | צ |
| разрывать | צערײַ'סן (צערי'סן) | |
| кувшин, крынка | קריגל דאָס (עך) | ק |
| кожаный ремень | רי'מען דער (ס) | ר |
| верёвка | שטריקל דאָס (עך) | ש |
| щепка | שפּענדל דאָס (עך) | |

**Грамматика:** Герундив. Образование, основные значения, перевод. Герундив и партицип.
**Текст:** ד"ר איסר גינזבורגר יהודה הלוים בענקשאַפֿט נאָך ארץ־ישׂראל

# ГРАММАТИКА

## ГЕРУНДИВ

В идише имеется особая форма глагола – *герундив.* По своему значению она соответствует двум глагольным формам русского языка: деепричастию несовершенного вида на *-а, -я* (קלאַפּנדיק „стуча", לייענענדיק „читая" и т. п.) и действительному причастию на *-щий* (קלאַפּנדיקער „стучащий", לייענענדיקער „читающий" и т. п.).

## Образование герундива

Имеются две формы герундива: *краткая* (несклоняемая) и *полная* (склоняемая).

I. ***Краткая форма*** герундива состоит из двух частей: *основы* инфинитива и ***суффикса*** -נדיק или -ענדיק.

*Таблица 35*

| Перевод | Герундив | Суффикс | Основа инфинитива | Инфинитив |
|---|---|---|---|---|
| сидя | זיצנדיק | נדיק- | זיצ- | זיצן |
| работая | אַרבעטנדיק | נדיק- | אַרבעט- | אַרבעטן |
| летая | פֿליִענדיק | ענדיק- | פֿליִ- | פֿליִען |
| читая | לייענענדיק | ענדיק- | לייענ- | לייענען |

☞ ***Запомните*** формы герундива, образованные от основ инфинитивов следующих глаголов:
1) גיין – גייענדיק идя; 2) זײַן – זײַענדיק бывая, будучи;
3) זען – זעענדיק видя; 4) טאָן [*реже* טון] – טוענדיק делая;
5) שטיין – שטייענדיק стоя.

**Задание 1*.** ***а***) Образуйте краткую форму герундива, добавляя к основе инфинитива суффикс נדיק-.

*Образец:* וועלן ← ווע'לנדיק

1) וועלן, 2) וויסן, 3) געבן, 4) לויפֿן, 5) לעבן, 6) ריידן, 7) טראַכטן, 8) טרעטן, 9) האָבן. 10) וואַרפֿן.

*б*) То же – с помощью суффикса ענדיק-.

*Образец:* זען ← (זע + ענדיק) זע'ענדיק

11) קו'מען, 12) ברע'נגען, 13) גיין, 14) שטיין, 15) זען, 16) בוי'ען, 17) באַלוי'נען, 18) באַפֿרײַ'ען, 19) בלי'ען.

II. ***Полная форма*** герундива состоит из трёх частей: *основы* глагола, ***суффикса*** נדיק- или ענדיק- и падежного *окончания,* как у прилагательных. Например:

| | |
|---|---|
| דער אַ'רבעט–נדיק–ער (מענטש) | „работающий (человек)” |
| דאָס לאַ'כ–נדיק–ע (קינד) | „смеющееся (дитя)” |
| דעם ליי'ען–ענדיק–ן (שילער) | „читающему (ученику)” |
| די זי'נג–ענדיק–ע (קינדער) | „поющие (дети)” |

**Задание 2.** В следующих герундивах выделите основу исходного глагола, суффикс герундива נדיק- или ענדיק- и окончание.

*Образец:* לוי'פֿ–נדיק–ער; ליי'ענ–ענדיק–ן

1) דער אָ'נקומענדיקער אויטאָ'בוס, 2) דאָס זי'נגענדיקע מיי'דעלע, 3) דעם אײַ'לנדיקן מענטשן, 4) די טאַ'נצנדיקע קי'נדער, 5) די רוי'שנדיקע מאַשי'ן, 6) דער לוי'פֿנדיקער ספּאָ'רטלער, 7) דעם שפּי'לנדיקן פֿי'דלער.

## Употребление, значение и перевод герундива

Герундив употребляется в предложении:

1) *как обстоятельство* (времени, образа действия, условия, причины и т. п.), Например:

| | |
|---|---|
| *Правду говоря*, я ему не очень верил, *зная*, что он лжец. | דעם אמת זאָ'גנדיק, האָב איך אים ניט זייער שטאַרק געגלײ'בט, ווי'סנדיק, אַז ער איז אַ לײ'גנער. |

(*Менделе Мойхер-Сфорим*) (מע'נדעלע מוכר-ספֿרים)

2) *как определение* к существительному, например:

| | |
|---|---|
| Я вижу перед собой *бегущий журчащий* поток, *гордо плывущих* гусей. | איך זע פֿאַר מיר אַ לוי'פֿנדיק, מו'רמלדיק וואַ'סערל, שטאָ'לץ-שווי'מענדיקע גענדז. |

(*Менделе Мойхер-Сфорим*) (מע'נדעלע מוכר-ספֿרים)

I. Как ***обстоятельство*** герундив употребляется в *краткой форме* и, подобно деепричастию *на -а, -я*, обозначает *добавочное действие*, происходящее *одновременно* с действием глагола-сказуемого. Например:

| | |
|---|---|
| 1) (вчера) *Гуляя* по лесу, мы собирали ягоды. | 1) (נעכטן) שפּאַציר'נדיק אין וואַלד, האָבן מיר געקלײַ'בן יאַ'געדעס. |
| 2) (сейчас) *Гуляя* по лесу, мы собираем ягоды. | 2) (איצט) שפּאַציר'נדיק אין וואַלד, קלײַ'בן מיר יאַ'געדעס. |
| 3) (завтра) *Гуляя* по лесу, мы будем собирать ягоды. | 3) (מאָרגן) שפּאַציר'נדיק אין וואַלד, וועלן מיר קלײַ'בן יאַ'געדעס. |

Во всех трёх примерах одна и та же форма герундива (שפּאַציר'נדיק „гуляя") выражает одновременность двух действий („прогулки в лесу" и „сбора ягод"): в примере 1 оба действия в прошедшем, в примере 2 - в настоящем, в примере 3 - в будущем времени.

> ***Внимание!*** В идише герундив образуется от всех глаголов, а в русском языке есть много глаголов, не имеющих деепричастий несовершенного вида с суффиксами *-а, я* (например, от глаголов „петь", „писать", „бить", „ехать" и др.). В таких случаях для перевода герундива используются различные другие языковые средства, выражающие одновременность двух действий.

Сравните, например, разные способы перевода герундива (в скобках указаны возможные варианты):

| | |
|---|---|
| 1) Меня спрашивают... когда я пишу. Сам не знаю когда. Вот так и пишу я, *идя (шагая, на ходу), бегая, сидя* у кого-то в кабинете, в трамвае (*когда еду, во время поездок* на трамвае). | 1) מע פֿרעגט מיך... ווען איך שרײַב. איך ווייס אַליי'ן ניט. אָט אַזוי שרײַב איך, גיי'ענדיק, לויפֿנדיק, זי'צנדיק בײַ יע'נעם אין קאַבינע'ט, פֿאָ'רנדיק אויפֿן טראַמווײַ'. |
| 2) Уверяю вас, что от Пини можно умереть ***со смеху*** (*букв.* остаться без живота, ***смеясь***). | 2) איך זאָג אײַך, אַז פֿון פּי'ניען קאָן מען בלײַבן אָן אַ בויך לאַ'כנדיק. |
| 3) В вагоне (***когда я ехал*** в вагоне), я нарисовал его на бумаге. | 3) האָב איך פֿאָ'רנדיק אין וואַגאָ'ן, אים אָ'פּגעמאָלט אויף פּאַפּי'ר. |

(*Шолом-Алейхем*) (שלום-עליכם)

Другие примеры возможных вариантов перевода герундива *не деепричастием*:

1) **שלאָפֿן** „спать” → **שלאָ'פֿנדיק** „во сне”, „когда спал (спишь *и т. п.*)”;

2) **זי'נגען** „петь” → **זי'נגענדיק** „с песнями”, „распевая”;

3) **טרי'נקען טיי** „пить чай” → **טרי'נקענדיק טיי** „за чаем”, „во время чаепития”;

4) **זײַן** „быть” → **זײַ'ענדיק** „будучи”, „бывая”, „когда был”, „когда буду”.

**Задание 3*.** Переведите отрывки из стихотворений еврейских поэтов.

1) אויף די פֿע'לדער זשו'מען בי'נען, האָ'ניק טראָ'גנדיק,
2) מיי'דלעך שטיי'ען בײַ מאַשי'נען, גאָ'רניט זאָ'גנדיק...
3) שטיי'ען מיי'דלעך אויף באַגי'נען, גיי'ען אײַ'לנדיק.
4) אײַלן מיי'דלעך בײַ מאַשי'נען, קוילן פֿײַ'לנדיק.

(ש. האַ'לקין)

5) כ'פֿלעכט פֿון זײַד אַ שני'רעלע,
6) בײַ מײַן פֿע'נצטער שטיי'ענדיק.
7) קומט צו' שטיל אַ מיי'דעלע
8) ווי די זון אויפֿגיי'ענדיק.
9) „שענק מיר אָט דאָס שני'רעלע“, –
10) בעט זי בײַ מיר שע'מעוודיק.
11) גיב איך איר דאָס שני'רעלע.
12) דאַנקט זי מיר, דאָס נע'מענדיק.
13) זי פֿלעכט עס אין די צעפּ אַרײַ'ן,
14) לאַ'כנדיק און שפּרי'נגענדיק.
15) לויפֿט אַוועק אַ פֿריי'לעכע,
16) טאַ'נצנדיק און זי'נגענדיק.
17) אָן דעם זײַדן שני'רעלע
18) בײַ דעם פֿע'נצטער שטיי'ענדיק,
19) ציט דאָס האַרץ צום מיי'דעלע,
20) ציט דאָס האַרץ צעגיי'ענדיק.

(ב. שאַפּי'ר)

**Слова к тексту** **ווערטער צום טעקסט**

א אײַלן — спешить, торопиться

ב באַגי'נען — ранним утром

בין די (—ען) — пчела

| | | |
|---|---|---|
| мёд | האָ'ניק דער | ה |
| шёлк | זײַד די | ז |
| шёлковый | זײַ'דענער | |
| гудеть, жужжать | זשו'מען (געזשו'מעט) | |
| станок; машина | מאַשי'ן די (ען) | מ |
| точить; шлифовать; пилить напильником | פֿײַלן | פֿ |
| заплетать, плести | פֿלעכטן (געפֿלאָ'כטן) | |
| коса (**волосы**) | צאָפּ דער (צעפּ) | צ |
| подходить (**к** *кому-либо, чему-либо*) | צו'קומען (איז צו'געקומען) | |
| тянуть(ся) | ציִ'ען (זיך) ((זיך) געצויִ'גן) | |
| **1.** расходиться; **2.** таять | צעגיי'ן (זיך) (איז (זיך) צעגאַ'נגען) | |
| пуля | קויל די (ן) | ק |
| шнурок | שני'רעלע דאָס (ך) | ש |
| стыдливо; застенчиво | שע'מעוודיק | |
| дарить | שע'נקען (געשאָ'נקען, געשע'נקט) | |
| прыгать | שפּרי'נגען (איז געשפּרו'נגען) | |

II. Как *определение* герундив употребляется в *полной* (склоняемой) ***форме***.

Герундив характеризует предмет или лицо, названные существительным, как *действующее* и соответствует по своему значению русскому действительному причастию настоящего времени на *щий* („идущий", „поющий" и т. д.).

| | |
|---|---|
| Всю свою жизнь (*букв.* все мои дни) я рвался к этому *сияющему, освещающему* и *обогревающему* солнцу, которым был (*букв.* которое называлось) Толстой. | איך האָב מיך כּל־יומי [кол-йо'май] געריי'סן צו דער דאָ'זיקער שײַ'נענדיקער, לוי'כטנדיקער און וואַ'רעמענדיקער זון, וואָס האָט געהיי'סן טאָלסטוי. |

(*Шолом-Алейхем*) (שלום-עליכם)

В роли определения герундив склоняется, как прилагательное. Сравните:

| | |
|---|---|
| דאָס קליי'נע קינד | דאָס שלאָ'פֿנדיקע קינד |
| малое дитя | спящее дитя |
| אַ שיין קינד | אַ לוי'פֿנדיק קינד |
| красивый ребёнок | бегущий ребёнок |
| דעם גוטן פֿרײַנד | דעם אַ'רבעטנדיקן פֿרײַנד |
| хорошему другу | работающему другу |
| די העלע זון | די שײַ'נענדיקע זון |
| яркое солнце | сияющее солнце |

**Задание 4.** Повторите тему „Склонение прилагательных” (урок XIV) и просклоняйте словосочетания:

1) דער אַ'רבעטנדיקער חבֿר, 2) דאָס זי'נגענדיקע קינד, 3) די טאַ'נצנדיקע פֿרוי.

**Задание 5*.** Переведите словосочетания и предложения:

1) דער אַ'קערנדיקער טראַקטאָרי'סט; 2) דער בלי'ענדיקער סאָד; 3) די אוי'פֿגייענדיקע זון; 4) די אַ'רבעטנדיקע מאַסן; 5) די מאַרשי'רנדיקע סאָלדאַ'טן; 6) דער עקזאַמעני'רנדיקער לע'רער; 7) דער ע'נטפֿערנדיקער שי'לער; 8) דאָס לאַ'כנדיקע קינד; 9) מיר באַגרי'סן די פֿאַרבײַ'מאַרשירנדיקע דעמאָנסטראַ'נטן. 10) די אַ'רבעטנדיקע מאַסן און די שלום־ליבנדיקע מענטשן קעמפֿן פֿאַר שלום אין דער גאַ'נצער וועלט. 11) עס קומט אַרײַן אַ הוי'כער פֿאַרשוי'ן (человек) מיט גו'טע לאַ'כנדיקע אויגן (שלום-עליכם). 12) מיר זײַ'נען געשלאָ'פֿן אין די וואָקזאַ'ל־סקווערן, אָ'פּגעוואַרט אָ'נקומענדיקע און פֿאַרבײַ'פֿאָרנדיקע עשעלאָ'נען (י. שרײַבמאַן).

## Сопоставление значений партиципа и герундива

***Партиципа*** означает *законченное* действие, *предшествующее* действию, выраженному сказуемым.

***Герундив** – незаконченное действие*, происходящее *одновременно* с действием, выражаемым сказуемым.

Сравните различие значений партиципа (под буквой „*а*”) и герундива („*б*”) в следующих примерах:

| | |
|---|---|
| 1) *а*) *Увидав*, что Броха упала, мама закричала: „Спасите!” | 1) א) דערזע'ן אַז ברכה [бро'хэ] איז געפֿאַ'לן, שרײַט די מאַ'מע: „גוואַלד!“ |
| *б*) *Глядя* на неё, и Тайбл закричала: „Спасите!” | ב) אויף איר קו'קנדיק, שרײַט טײַבל אויך: „גוואַלד!“ |
| (*Шолом-Алейхем*) | (שלום-עליכם) |
| 2) *а*) *Остановившись*, Сегалович слез с лошади и, | 2) א) זיך אָ'פּגעשטעלט, איז סעגאַלאָ'וויטש אַראָ'פּ פֿון פֿערד און, |
| *б*) *держа* её за узду, повёл за собой. | ב) האַ'לטנדיק אים פֿאַרן צוים, אַווע'קגעפֿירט נאָך זיך. |
| (*Г. Добин*) | (ה. דאָ'בין) |
| 3) *а*) *отъехавший* (*уже*) автобус; | 3) א) דער אָ'פּגעפֿאָרענער אויטאָ'בוס; |
| *б*) *отъезжающий* (*сейчас*) автобус; | ב) דער אָ'פּפֿאָרנדיקער אויטאָ'בוס; |

# ЧТЕНИЕ

**Задание 6.** Прочитайте и переведите на русский язык.

ד"ר איסר גינזבורגר יהודה הלוים בענקשאַפֿט נאָך ארץ־ישׂראל

אין זײַנע נאַציאָנאַ'לע און ארץ־ישׂראל לי'דער שטייט יהודה הלוי אַליי'ן און הע'כער פֿון אַ'לע אַ'נדערע ייִ'דישע פּאָע'טן פֿון זײַן צײַט. זײַן גאַ'נצע נשמה, זײַן גאַ'נצער וועזן איז ממש דו'רכגעזאַפּט מיט דעם צער און מיט די צרות פֿון זײַן פֿאָלק.

ר' יהודה הלוי האָט קײַן זאַך ניט געפֿע'לט. ער איז געווע'ן רײַך און געלי'בט און באַרי'מט ווי אַ גרוי'סער געלע'רנטער און ווי דער גרע'סטער פּאָע'ט פֿון זײַן צײַט. אָ'בער זײַן פּערזע'נלעך גליק האָט אים ניט צופֿרי'דנגעשטעלט. ער האָט געלי'טן ניט פֿון זײַנע איי'גענע פּערזע'נלעכע צרות, נאָר פֿון די צרות פֿון דעם גאַ'נצן כּלל, וואָס געפֿי'נט זיך אין גלות. דאָס ייִ'דישע פֿאָלק, דאָס ייִ'דישע לאַנד און די ייִ'דישע תּורה זײַנען אים גלײַך ליב און טײַער געווע'ן. ער האָט זיי אַלע אין איי'נעם באַטראַ'כט ווי איין גאַ'נצקייט.

די גרוי'זאַמע פֿאַרפֿאָ'לגונגען וואָס די ייִ'דן האָבן געהאַ'ט אוי'סצושטיין אין די אַרו'מיקע קריי'סטלעכע לע'נדער: די רדיפֿות אויף די ייִדן אונטער די נײַ־מאַכמעדאַ'נישער הע'רשער, די אַלמאָראַווי'דן, אין איי'נעם מיט דער פֿאַראַ'כטונג וואָס די קריסטן און די מאַכמעדאַ'נער האָבן אַרוי'סגעוויזן צום ייִ'דישן פֿאָלק, ווײַל עס האָט ניט קײַן אייגן לאַנד און קײַן איי'גענע מלוכה, דאָס אַלץ האָט אים פֿאַרבי'טערט זײַן לעבן. ער האָט פֿאַרלאָ'זן די קריי'סטלעכע טאָלעדאָ און האָט זיך באַזע'צט אין דער מאַכמעדאַ'נישער קאָרד'אָוואָ אָבער אויך דאָרט האָט ער געפֿו'נען בלויז האַס און פֿאַראַ'כטנג צו ייִדן. אין א סך פֿון זײַנע לי'דער און תּפֿילות באַקלאָ'גט ער זיך, וואָס די ייִדן האָבן צו לײַדן סײַ פֿון זיי'ערע קריי'סטלעכע און סײַ פֿון זיי'ערע מאַכמעדאַ'נישער שכנים.

עס איז אין אים אויפֿגעקומען דער געדאַ'נק אַז ארץ־ישׂראל איז דער איין און איי'נציקער פּלאַץ ווּ דאָס ייִ'דישע פֿאָלק קאָן געפֿינען רו. ער האָט תּפֿילה געטאָ'ן און געהאָפֿט, אַז גאָט וועט שיקן דעם אוי'סלייזער. אָבער דערווײַ'ל האָט ער באַשלאָ'סן אַליין צו פֿאָרן אַהי'ן, צו באַגי'סן דאָס היי'ליקע לאַנד מיט זײַנע טרע'רן, צו קושן די שטיי'נער דאָרט און אין זיך אַרײַ'נצואָטעמען די נשמה-לופֿט פֿון ארץ־ישׂראל.

אומזיסט האָבן אים אַ סך פֿון זײַנע פֿרײַנד געפּרוווט אָפּהאַלטן פֿון זײַן באַשלוס. אומזי'סט האָבן זיי אים אויפֿגעוויזן די געפֿאַרן פֿון אַזאַ רײַ'זע, די סכּנות פֿון די ימים און מדבריות. ר' יהודה הלוי איז געבליבן פֿאַרעקשנט. ער האָט פֿאַר זיי אַ'לעמען געהאַ'ט איין ע'נטפֿער: "צי האָבן מיר אין מיזרח אָדער מערב אַזאַ פּלאַץ ווו מיר קענען זײַן זי'כער?"

אַין 1141, אין עלטער פֿון פֿינף און פֿופֿציק יאָר, האָט ר' יהודה הלוי אונטערגענומען זײַן רײַ'זע קײַן ארץ־ישׂראל. נאָך אַ לאַ'נגער שווע'רער נסיעה אין איי'נער פֿון די דע'מאָלטיקע קליי'נע און ע'נגע זע'גל־שיפֿלעך איז ער ע'נדלעך אָ'נגעקומען אין דער עגי'פּטישער האַ'פֿנשטאָט אַלעקסאַנדריע. פֿון זײַן רײַ'זע אויפֿן ים איז אונדז פֿאַרבלי'בן אַ גאַ'נצע ריי וווּ'נדערלעך שיי'נע ים לידער.

כוואַלי'עס קו'מען, כוואַ'ליעס ברו'מען,
ס'ברעכט דער ווינט פֿון מאַסט דעם בוים
ביז צום הימל, אין געטו'מל
שפּריצט ווי זי'לבער־ווײַסער שוים

(איבערזע'צונג פֿון י. י. שוואַרץ)

אין אַלעקסאַנדריע איז דער די'כטער אויפֿגענומען געוואָ'רן מיט גרויס כּבֿוד. די פֿאָ'רשטייער פֿון דער דאָ'רטיקער יי'דישער קהילה האָבן אים מקבל פּנים געווען.

זײַנע פֿרײַנד אין עגי'פּטן האָבן אים געוואָ'לט אײַ'בערעדן ער זאָל בעסער דאָרט פֿאַרבלײַ'בן. ר' יהודה הלוי האָט זיך צו זיי ניט צו'געהערט. איז אַ ליד זײַנעם בעט ער זיך בײַ זיי, אַז זיי זאָלן אים ניט פֿאַרהאַ'לטן, ווײַל ער האָט מורא אַז עס קען זיך נאָך טרעפֿן אַ סיבה און ער וועט ניט זוכה זײַן צו זען דאָס לאַנד פֿון זײַן באַגע'ר. "מײַן ווו'נטש איז צו זײַן באַשי'צט או'נטער די פֿלי'גלען פֿון גאָט און צו זײַן דאָרט ווו עס האָבן געלע'בט מײַ'נע אָבֿות.

ע'טלעכע טעג האָט ר' יהודה הלוי געוויילט אין דער שטאָט קאַהִראָ און ווי באַלד ער האָט זיך באַזאָ'רגט מיט די ניי'טיקע דאָקומענטן, האָט ער זיך געלאָ'זט אין וועג אַרײַן קײַן ארץ־ישׂראל. ווי לאַנג עס האָט אים גענו'מען זײַן רײַ'זע און ווען ער איז אָ'נגעקומען קײַן ארץ־ישׂראל איז ניט באַקאַ'נט. אַן אַלטן אַון צעבראָ'כענעם טרעפֿן מיר דעם די'כטער אין די שטעט צור און דמשק. עס איז ניט זי'כער, צי ער איז געווע'ן אין ירושלים, כאָטש פֿון אַ שטע'לע אין איי'נער פֿון זײַנע תּפֿילות קאָן ארוי'סדרינגען אַז ער איז דאָרט יאָ געווע'ן, אָ'בער אַז ער האָט זיך דאָרט ניט געקע'נט לאַנג אוי'פֿהאַלטן. ירושלים איז דאַן געווע'ן אין קריסטלעכע הענט. ער

באַקלאָ'גט זיך: "צו זען דײַן כּבֿוד האָט מײַן האַרץ געגלו'סט און ווען איך בין ע'נדלעך געקו'מען צו דײַן היי'ליקן פּלאַץ האָט מען מיר פֿון דאָרט פֿאַרטרטרײ'בן גלײַך איך וואָלט געווען אַן אומרײ'נער. דעם גורל פֿון מײַן פֿאָלק מוז איך טראָגן".

ווו און ווען איז ער געשטאָ'רבן איז אויך ניט באַוווּ'סט. די פֿאָלקס פֿאַנטאַ'זיע האָט צו'געשפּונען אַ פּאַ'סיקן טראַ'גישן סוף צו דעם דראַמאַ'טישן לעבן פֿונעם די'כטער. די לעגע'נדע דערצײ'לט, אַז ווען ער איז אָ'נגעקומען קיין ירושלים און האָט דערזע'ן די חורבֿות איז ער געפֿאַ'לן אויף זײַן קני, האָט גענו'מען קושן דעם זאַמד און די שטײ'נער און האָט דע'מאָלט אוי'סגעזונגען זײַן באַרי'מט ליד: "ציון הלא תּשאלי?" (ציון וועסט דאָך פֿרעגן). ווען ער האָט דאָס דאָזיקע ליד פֿאַרע'נדיקט, האָט אים אַ בעדווי'נישער רײַטער דערשטאָכן די'כטערס נשמה איז אוי'סגעגאַנגען מיט "ציון" אויף די ליפּן:

בענקסט אויך נאָך דײַ'נע קי'נדער, מו'טער ציון,
ווי זיי, צעזײ'טע און צעשפּרײ'טע, בע'נקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פֿון דיר, אַ ליבן גרוס באַקו'מען?
דאָ האָ'סטו אים אַ גרוס פֿון נאָ'ענטע און ווײַ'טע!
(איבערזעצונג פֿון ח.נ. ביאַליק)

| נײַע ווערטער | Новые слова |
| --- | --- |
| א אוי'סלייזער דער (ס) | избавитель |
| אוי'פֿהאַלטן (זיך) ((זיך) אויפֿגעהאַלטן) | задержать(ся) |
| אומזי'סט | напрасно, даром |
| אַחוץ | кроме |
| אָ'טעמען | дышать |
| איבעררײדן (אי'בערגערעדט) | уговаривать |
| אַרוי'סדרינגען (אַרויסגעדרונגען) | следовать (из) |
| ב באַגי'סן (באַגאָסן) | орошать |
| באַגער דער | желание |
| באַקלאָ'גן זיך | жаловаться |
| באַשי'צן | охранять |
| בענקשאַפֿט די | тоска (по...) |
| ברו'מען | рычать, реветь |
| ג גלו'סט | страстно желать |
| גלײַך | 1. равный, ровный; 2. тотчас |
| געלי'טן (פּ"פּ פֿון "לײַדן") | страдать |

| | | |
|---|---|---|
| ужасный, жестокий, грозный | גרויִ'זאַם | |
| привет | גרוס דער (ן) | |
| пропитывать насквозь | דו'רכזאַפּן | ד |
| пронзить, проткнуть (ножом и т.п.) | דערשטעכ'ן | |
| порт | האַפֿן דער (ס) | ה |
| надеяться | האָפֿן | |
| правитель | הע'רשער דער (ס) | |
| пребывать | ווײַלן | ו |
| 1. суть, сущность: 2. существо | וועזן דער (ס) | |
| удостаиваться | זוכה זײַן (האָט זוכה געווען) | ז |
| 1. уверенный; 2. безопасный | זיכער | |
| парус | זעגל דער (ען) | |
| волна | כוואַ'ליע די (ס) | כ |
| губа | ליפּ די (ן) | ל |
| мачта | מאַסט דער (ן) | מ |
| 1. причина; 2. непредвиденное обстоятельство | סיבה די (־ות) [сибэ] | ס |
| возраст | ע'לטער דער (ס) | ע |
| упрямец | עקשן דער (ים) [акшн-акшоним] | |
| подходящий, соответствующий | פּאַ'סיק | פּ |
| лично, персонально | פּערזע'נלעך | |
| презирать | פֿאַראַ'כטן | פֿ |
| задержать | פֿאַרהאַ'לטן | |
| скитаться вдали от дома | פֿאַרוואָגלט ווערן | |
| изгнать | פֿאַרטרײַ'בן (פֿאַרטריבן) | |
| преследовать | פֿאַרפֿאָלגן | |
| упрямо | פֿאַרעקשנט [фаракшнт] | |
| отсутствовать | פֿעלן | |
| удовлетворять | צופֿרי'דנשטעלן | צ |
| *зд.* додумать, сочинять | צו'שפּינען | |
| колено | קני דער/די (=/ען/עס) | ק |
| сабля | שווערד די (ן) | ש |

## Вопросы к тексту

1) ווי האָבן זיך באַצוי'גן צו די ייִ'דן די קרי'סטלעכע און מאַכמעדאַ'נישע הע'רשער?
2) ווען האָט ר' יהודה הלוי או'נטערגענומען זײַן רײַ'זע קײַן ארץ־ישׂראל?
3) ווי אַלט איז ער געווען, ווען ער האָט או'נטערגענומען זײַן רײַ'זע קײַן ארץ־ישׂראל?
4) אויף וואָס פֿאַר אַ שיף איז ער געשווו'מען?
5) ווי האָבן אים מקבל־פּנים געווע'ן די ייִ'דן אין אַלכסנדריע?
6) ווי לאַנג האָט ער געוויילט אין קאַירע?
7) וועלכע שטעט האָט ער באַזו'כט אויפֿן וועג קײַן ארץ־ישׂראל?
8) ווו און ווען איז ער געשטאָ'רבן?
9) וואָס פֿאַר אַ לעגע'נדע איז פֿאַראַ'ן וועגן דעם טראָ'גישן סוף פֿון זײַן לעבן?

**Грамматика:** Виды глагола: длительный и однократный (моментальный).
**Текст:** ש. ראַבינאָװיטש. העלד פֿון ראָ'טן־פֿאַרבאַנד לײ'זער פּאַפּע'רנ'יק

## ГРАММАТИКА

### ДЛИТЕЛЬНЫЙ И ОДНОКРАТНЫЙ (МОМЕНТАЛЬНЫЙ) ВИДЫ ГЛАГОЛА

В идише имеются специализированные модели для передачи видовых значений ***длительности*** и *однократности.*

I. ***Форма длительного вида*** состоит из вспомогательного глагола האַלטן (в значении, близком к „продолжать"), предлога אין и инфинитива основного глагола, т. е.

инфинитив + אין + האַלטן

Например:

1) продолжать читать; быть занятым чтением (*т. е. длящееся действие*) — 1) האַלטן אין לײ'ענען
2) (писать и) писать; продолжать писать — 2) האַלטן אין שרײַבן

Время действия, наклонение, число и лицо узнаются по форме вспомогательного глагола. Сравните:

1) Я *занят* чтением. — 1) איך האַלט אין לײ'ענען.
2) Он ***был занят*** чтением. — 2) ער האָט געהאַ'לטן אין לײ'ענען.
3) Мы ***были бы заняты*** чтением. — 3) מיר וואָלטן געהאַ'לטן אין לײ'ענען.

Зачастую такая конструкция дополняется словом אײַן, которое стоит между אין и инфинитивом основного глагола, например: ער האַלט אין אײַן לײ'ענען „он беспрерывно [всё время] читает". Добавление слова אײַן придаёт обороту значение непрерывного действия и может также означать, что действующее лицо всецело поглощено этим действием.

| | |
|---|---|
| 1) Ребёнок (беспрерывно) плачет и плачет. | 1) דאָס קינד האַלט אין איין וויינען. |
| 2) Она *только то и делает*, что (беспрерывно) вопит и всё падает в обморок на руки моего брата Эли. | 2) זי האַלט אין איין יאָ'מערן און אין איין חלשן [ха'лэшн] בײַ מײַן ברו'דער ע'ליע אויף די הענט. |

(*Шолом-Алейхем*) (שלום-עליכם)

**Задание 1*.** Переведите предложения, обращая внимание на лицо, число и время вспомогательного глагола האַלטן.

1) די ספֿרים [сфо'рим] האָט אַוועק'געקויפֿט מיכל... אַ ייִד מיט אַ שיַ'טער בערדל, וואָס ער האַלט דאָס אין איין קראַצן. 2) אין איין האַ'לבע שעה ניסן שוין אַ'לע או'נדזערע שכנים [шхэ'йним] און שכנות [шхэ'йнэс] – די גאַ'נצע גאַס האַלט אין איין ניסן. 3) דעם גאַנצן וועג... האָבן או'נדזערע לײַט געהאַ'לטן אין איין רעדן (שלום-עליכם). 4) סײַ אין פֿריידן, סײַ אין טרוי'ער האַלט מען הײַ'זער אין איין בוי'ען. 5) קי'נדער האַלט מען אין איין האָבן, און... פֿאַרשטיי'ט זיך, גרי'בער גראָבן (ש. כאַלאָדענקאָ).

*Пояснение к тексту*

5) קי'נדער האָבן рожать (*букв.* иметь) детей

| Слова к тексту | ווערטער צום טעקסט | |
|---|---|---|
| (с)купить | אַוועק'קויפֿן | א |
| борода | באָרד די (בערד) | ב |
| бородка, бородёнка | בערדל דאָס (עך) | |
| 1. жена; 2. баба | ווײַב דאָס (ער) | ו |
| мужчина | מאַנצביל דער (ען) | מ |
| чихать | ניסן (גענאָסן) | נ |
| книга *(религиозного содержания)* | ספֿר דער (ים) [сэ'йфэр-сфо'рим] | ס |
| само собой разумеется | פֿאַרשטיי'ט זיך | פֿ |
| 1. иметь детей; 2. рожать детей | קי'נדער האָבן (געהאַט) | ק |
| чесать, почёсывать | קראַצן | |
| 1. жидкий ***(суп)***; 2. редкий *(гребень)* | שיַ'טער | ש |
| сосед | שכן דער (ים) [шохн-шхэ'йним] | |
| соседка | שכנה די (־ות) [шхэ'йнэ] | |

II. ***Форма однократного вида*** состоит из трёх слов: 1) артикля אַ [אַן], 2) отглагольного существительного, обозначающего само действие, 3) вспомогательного глагола טאָן или געבן.

Например: אַ שטופּ טאָן „толкнуть” (*букв.* „делать толчок”); אַ שטופּ געבן „толкнуть” (*букв.* „дать толчок”).

Отглагольное существительное совпадает с основой соответствующего глагола и обозначает однократное действие. Так, например, от инфинитива שטופּן „толкать” образуется существительное אַ שטופּ „толчок”; от инфинитива קוקן „глядеть” – אַ קוק „мгновенный взгляд”.

Время однократного действия, число, лицо, наклонение узнаются по форме вспомогательных глаголов טאָן или געבן.

| | |
|---|---|
| 1) Я ***делаю*** [*букв. даю*] толчок. | 1) איך טו [גיב] אַ שטופּ |
| 2) Мы *толкнули.* | 2) מיר האָבן געטאָן [געגעבן] אַ שטופּ. |
| 3) Они ***толкнут.*** | 3) זיי וועלן טאָן [געבן] אַ שטופּ. |
| 4) Вы ***толкнули*** бы *и т. п.* | 4) איר וואָלט געטאָן [געגעבן] אַ שטופּ אד"גל. |

**Задание 2*.** ***а***) Образуйте форму однократного вида от следующих глаголов:

*Образец:* קוקן ← אַ קוק טאָן, אַ קוק געבן

1) זאָגן; 2) נע'מען; 3) קלאַפּן; 4) ציטערן; 5) שמייכלען (улыбаться)

*б*) Переведите образованные вами формы.

## Некоторые особенности образования форм однократного вида

1. В ряде случаев корневая гласная отглагольных существительных отличается от корневой гласной инфинитива и совпадает с корневой гласной партиципа.

> ***Запомните*** наиболее употребительные формы однократных глаголов с существительными этого типа:

| | |
|---|---|
| кусать – куснуть | בײַסן – אַ ביס טאָן [געבן] |
| ломать – ***однократно:*** сломить | ברעכן – אַ בראָך טאָן [געבן] |
| лить – пролить, плеснуть | גיסן – אַ גאָס טאָן [געבן] |
| бросать – швырнуть | וואַרפֿן – אַ וואָרף טאָן [געבן] |
| петь – ***однократно:*** спеть, запеть | זי'נגען – אַ זונג טאָן [געבן] |
| пить – хлебнуть, сделать глоток | טרי'נקען – אַ טרונק טאָן [געבן] |
| шагать – шагнуть | טרעטן – אַ טראָט טאָן [געבן] |
| бегать – побежать, сбе'гать | לויפֿן – אַ לאָף טאָן [געבן] |
| рвать – рвануть | רײַסן – אַ ריס טאָן [געבן] |

| | |
|---|---|
| שטעכן – אַ שטאָך טאָן [געבן] | колоть – кольнуть |
| שיטן – אַ שאָט טאָן [געבן] | сыпать – сыпануть |
| שיסן – אַ שאָס טאָן [געבן] | стрелять – стрельнуть |
| שלי'נגען – אַ שלונג טאָן [געבן] | глотать – глотнуть |
| שנײַדן – אַ שניט טאָן [געבן] | резать – резануть |
| שפּרי'נגען – אַ שפּרונג טאָן [געבן] | прыгать – прыгнуть |

2. Если однократный вид образован от глагола с приставочным словом, то:

1) приставочное слово стоит после отглагольного существительного. Например: אוי'פֿהייבן „поднимать", а однократный вид – איך טו אַ הייב אויף די האַנט „я *(рывком, мгновенно)* поднимаю руку";

2) отглагольное существительное совпадает с основой инфинитива. Сравните форму однократного вида глаголов без приставочных слов:

1) לויפֿן – ער טוט אַ לאָף, 2) שנײַדן – ער טוט אַ שניט

и тех же глаголов с приставочными словами:

1) ער טוט אַ לויף אַרײַן, 2) ער טוט אַ שנײַד אָפּ אַ שטיקל ברויט.

**Задание 3*.** Переведите отрывки из произведений еврейских писателей. Обратите внимание на формы лица, числа и времени вспомогательных глаголов טאָן и געבן.

1) די מאַ'מע גייט אַוועק קויפֿן פֿלע'שער און מיר נע'מען גיסן וואַ'סער אין פֿאַס אַרײַ'ן... 2) נאָך יעדן ע'מער טוט ער (ע'ליע) אַ הייב אויף די האַנט און אַ זאָג „גענו'ג!" 3) נאָך דעם טוט ער אַ טונק אײַן די פען אין פֿאַס און אַ שרײַב אַרײַ'ן אין ווײַסן פּאַפּי'ר אַרײַ'ן און אַ זאָג צו זיך אַליי'ן: „ס'שרײַבט!" (שלום-עליכם) 4) ווי ווויל, ווי ליב, ווי צאַרט עס האָט אַ קלונג געטאָ'ן – „גענו'מען ניע'זשין!" 5) עס האָט אין האַרבסט אַ שמעק געטאָ'ן מיט קי'עווער פֿרי'לינג, מיט קי'עווער בעזן (ע. פֿי'נינבערג). 6) פֿלו'צלינג האָט בײַ אַלעקסיי'ען אַ בלענד געטאָ'ן פֿאַר די אויגן אַ שטיק פֿײַער, אָ'פּגעשלײַדערט אין אַ זײַט און אַ זעץ געטאָ'ן אָן דער ערד – ניט ווײַט האָט זיך אוי'פֿגעריסן אַ דײַ'טשישע באָ'מבע (נאָ'טע לוריע'). 7) לאָ'מיר אַ וועק טאָן די קרעפֿטן אויף ס'נײַ, פֿון חורבֿות [ху'рвэс] אַ הייב טאָן געבײַ'ען אויף ס'נײַ. 8) די בריקן וועלן זיך אַ הייב טאָן נאָך די שלאַכטן, אין די וואַ'סערן זיך שפּי'גלען אין פֿאַרנאַ'כטן (אי'ציק פֿע'פֿער).

## *Пояснение к тексту*

6) אַ שטיק פֿײַער пламя (***букв***. кусок огня)

## Слова к тексту / ווערטער צום טעקסט

| | | |
|---|---|---|
| взрывать(ся) | אוי'פֿרײַסן (זיך) ((זיך) אוי'פֿגעריסן) | א |
| обмакивать | אײַ'נטונקען (אײַ'נגעטונקען) | |
| вновь, снова | אויף ס'נײַ | |
| без | אָן[1] | |
| об, обо *(что-либо опереться, удариться и т. п.)* | אָן[2] | |
| отбросить, отшвырнуть | אָ'פּשלײַדערן | |
| ослеплять | בלענדן | ב |
| сирень | בעז דער | |
| мост | בריק די (ן) | |
| довольно, достаточно | גענו'ג | ג |
| немецкий | דײַ'טשיש | ד |
| хороший, милый | וויל | ו |
| будить | וועקן | |
| 1. сажать; 2. ударить, садануть *(разг.)* | זעצן | ז |
| ведро | ע'מער דער (ס) | ע |
| вдруг, внезапно | פּלו'צלינג, פּלו'צעם | פּ |
| перо *(для писания)* | פּען די (עס) | |
| бочка | פֿאַס די (פֿע'סער) | פֿ |
| вечер *(ранний)* | פֿאַרנאַ'כט דער (ן) | |
| бутылка | פֿלאַש די (פֿלע'שער) | |
| весна | פֿרי'לינג דער (ען) | |
| нежный | צאַרט | צ |
| сила | קראַפֿט די (קרעפֿטן) | ק |
| кусок | שטיק די (ער) | ש |
| 1. пахнуть, благоухать; 2. нюхать | שמעקן | |
| отражать(ся) *(в зеркале)* | שפּי'גלען (זיך) ((זיך) געשפּי'גלט) | |

# ЧТЕНИЕ

**Задание 4*.** Прочитайте и переведите текст о подвиге Героя СССР Л. Паперника.

העלד פֿו'נעם סאָווע'טן־פֿאַרבאַנד ליי'זער פּאַפּע'רניק

(לויט ש. ראַ'בינאָוויטש)

1) איי'נע פֿון די שע'נסטע מאַגיסטראַ'לן אין מיזרח־טייל פֿון מאָ'סקווע איז אָ'נגערופֿן געוואָ'רן „פּאַפּע'רניק־גאַס" – „Улица Паперника". 2) אויפֿן פֿאַסאַ'ד פֿו'נעם הויז נו'מער 21 איז צו'געפֿעסטיקט אַ מעמאָריאַ'ל־ברעט מיט גאָ'לדענע אותיות [о'йсиэс]: 3) „די פּאַפּע'רניק־גאַס איז אָ'נגערופֿן לכּבֿוד [лэко'вэд] דעם סנייַ'פּער־אוי'סשפּירער, העלד פֿו'נעם סאָווע'טן־פֿאַרבאַ'נד לאַ'זאַר חייַמאָוויטש [ха'имович] פּאַפּע'רניק (1918–1942), וועלכער איז העלדיש געפֿאַ'לן אין הי'נטערלאַנד פֿו'נעם שׂונא [со'йнэ] ניט ווייַט פֿון מאָ'סקווע".

4) ליי'זער פּאַפּע'רניק איז געבוי'רן געוואָ'רן אין שטע'טעלע סלאַוו'טע אויף אוקראַיִ'נע אין אַ האָרעפּאַ'שנער ייִ'דישער פֿאַמי'ליע. 5) ער איז געווע'ן דאָס ייִ'נגסטע קינד און דער איין־און־איי'נציקער זון אין דער משפּחה [мишпо'хэ]. 6) אי'נעם 1932סטן יאָר, נאָכן פֿאַרע'נדיקן די שול, איז ער אַרי'בערגעפֿאָרן קיין מאָ'סקווע. 7) דאָ האָט ער זיך געלע'רנט אין אַ פֿאַבריי'ק־שול, און דערנאָ'ך איז ער אָ'נגעקומען אַ'רבעטן אויפֿן ערשטן מאָ'סקווער זיי'גער־זאַוואָד.

8) דאָ, בייַ די דערפֿאַ'רענע פֿאַ'כלייַט האָט ער אַי'בערגענומען די פֿייַ'נע מייַ'סטערשאַפֿט און אין גיכן האָט ער באַקו'מען אַ שם [шэм] פֿון אַ גוטן פֿאַ'כמאַן. 9) אויף דער דעמאָנסטראַ'ציע לכּבֿוד דעם 18טן יאָ'רטאָג פֿון דער סאָווע'טישער מלוכה [мэлу'хэ] האָבן די אַ'רבעטער פֿון דער פֿאַבריי'ק געטראָ'גן אי'בערן רויטן פּלאַץ זייַ'נעם אַ גרויסן פּאָרטרע'ט. 10) צו אַזאַ כּבֿוד [ко'вэд] זייַ'נען זוכה [зо'йхэ] נאָר די בע'סטע פֿון די בע'סטע. 11) ליי'זערס „קאַריע'רע" איז געווע'ן אַ שנע'לע: צו ערשט – אַ טאָ'קער, דערנאָ'ך – מעכאַ'ניק און לסוף [лэсо'ф], אין 1940, האָט מען אים באַשטי'מט ווי נאַטשאַ'לניק פֿון אַ צעך. 12) פֿון אָט דעם פּאָסטן איז ער אָ'נהייב קריג פֿרייַ'וויליק אַווע'ק אין דער רוי'טער אַרמיי'.

13) דער 22סטער יאַנואַ'ר 1942. אַן אָטריאַ'ד סאָווע'טישע אוי'סשפּירער־לי'זשניקעס פֿירט אַ ניט־גלייַכן געראַ'נגל אין ראַיאָ'ן פֿו'נעם דאָרף כלו'דניעוואָ הי'נטער מאָ'סקווע. 14) דער שׂונא שטייַגט זיי אין דער צאָל פֿיל מאָל אַרי'בער, אָ'בער אָ'פּטרעטן איז ניטאָ' וווהי'ן – הי'נטער די קע'מפֿער איז מאָ'סקווע. 15) די שלאַכט געדוי'ערט שוין אַ גאַ'נצע נאַכט. 16) פֿילצאָ'ליקע טוי'טע קע'רפּערס פֿון דייַטשן וואַ'לגערן זיך אויפֿן שניי. 17) אָ'בער די ריי'ען פֿון די סאָווע'טישע קע'מפֿערס ווערן אַלץ שי'טערער. 18) עס זייַ'נען שוין געבלי'בן וויי'ניק שי'סמאַטעריאַלן. 19) דער קאָמאַנדי'ר איז שווער פֿאַרווו'נדעט. 20) באַלד דערוי'ף פֿאַלט דער פּאָליטרו'ק יעגאָ'רצעוו. 21) די אָ'נפֿירונג נעמט אי'בער זייַן פֿאַרטרע'טער – ליי'זער פּאַפּע'רניק. 22) ער נעמט צונוי'ף דאָס היי'פֿעלע רוי'טאַרמייער און אָרגאַניזי'רט די פֿאַרטיי'דיקונג לעבן אַן איי'נציק פֿאַרבלי'בענער שטאַל. 23) אָ'בער די ריי'ען פֿון די קע'מפֿער זייַ'נען געוואָ'רן נאָך שי'טערער.

24) לײ'זער איז שווער פֿאַרווו'נדיקט. 25) אָט בלײַבט ער שוין אײ'נער אַלײ'ן. 26) די שׂונאים דערנע'ענטערן זיך, זײ ווילן אים נע'מען אַ לע'בעדיקן. 27) פֿאַפּע'רניק, קוים וואָס ער אָ'טעמט, שטעלט זיך אויף אין דער גאַ'נצער הײך. 28) מיט די לע'צטע כּוחות [ко'йхэс] גיט ער אַ שלײַ'דער די לע'צטע גראַנאַ'טע און רײַסט אויף זיך אַלײ'ן אין אײ'נעם מיט די היטלערי'סטן, װע'לכע האָבן אים אַרו'מגערינגלט. 29) 22 סאָוועטישע גיבורים [гибо'йрим] זײַ'נען נאָכן טויט באַלוי'נט געוואָ'רן מיטן העכסטן סאָוועטישן אָ'רדן – מיטן לע'נין־אָרדן. 30) דער דרײַ־און־צוואַ'נציקסטער גיבור [ги'бэр], לײ'זער פֿאַפּע'רניק, איז פֿאַר זײַן אוי'סערגעוויי'נלעכן הע'לדנטאַט באַע'רט געוואָ'רן מיטן חשובֿסטן [хо'шэвстн] טיטל – העלד פֿו'נעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

31) אין עטלעכע טעג אַרו'ם האָט די „פּראַ'וודאַ" געשרי'בן:

32) „יאָרן וועלן אַרי'בער... די בלו'טיקע שפּורן פֿון די דײַ'טשישע אָקופּאַ'נטן וועלן אָ'פּגעווישט ווערן, אָ'בער דער אָ'נדענק פֿון די העראָ'ישע אוי'סשפּירערס וועט פֿאַרהי'ט ווערן אויף אײ'ביק. 33) דער רום וועגן די 23 העלדן וועט אי'בערגעגעבן ווערן פֿון דור [дор] צו דור".

34) די דאָ'זיקע נבֿיאותדיקע [нэви'эсдикэ] ווע'רטער זײַ'נען מקוים [мэку'йэм] געוואָ'רן. 35) דעם נאָ'מען פֿון לײ'זער פֿאַפּע'רניק טראָגט איצט אײ'נע פֿון די שע'נסטע מאַגיסטראַ'לן אי'נעם מיזרח־טייל פֿון מאָ'סקווע.

„סאָוועטיש הײמלאַנד", 1984, נומ. 11

## *Пояснения к тексту*

7) אָ'נקומען אַ'רבעטן поступить работать
20) באַלד דערוי'ף вскоре после этого
32) יאָרן וועלן אַרי'בער пройдут годы

| **ווערטער צום טעקסט** | **Слова к тексту** |
|---|---|
| א אוי'סערגעוויי'נלעך | необычайный |
| אוי'סשפּירער דער (ס) | разведчик |
| אוי'פֿשטעלן זיך | *зд.* встать, подняться |
| אוי'פֿשריפֿט די (ן) | надпись |
| אות דער (אותיות) [ос-о'йсиэс] | буква |
| אותיות מ"צ פֿון אות | |
| אי'בערנעמען (איבערגענומען) | перенимать, перенять |
| אין... אַרום | через, по прошествии |
| אין ע'טלעכע טעג אַרו'ם | через несколько дней |
| אין גיכן | вскоре |
| אָ'פּווישן | стирать, стереть |
| אָ'פּטרעטן (איז אָ'פּגעטראָטן) | отступать |

| | | |
|---|---|---|
| превосходить | אַרי'בערשטייַגן (איז אַרי'בערגעשטיגן) | |
| известный, знаменитый | באַרי'מט | ב |
| 1. назначать; 2. постановлять; 3. определять | באַשטי'מען | |
| 1. богатырь, герой; 2. силач | גיבור דער (ים) [ги'бэр-гибо'йрим] | ג |
| схватка, борьба, бой | געראַ'נגל דאָס | |
| приближать(ся) | דערנע'ענטערן (זיך) ((זיך) דערנע'ענטערט) | ד |
| опытный, умелый | דערפֿאַ'רענער | |
| тыл | הי'נטערלאַנד דאָס | ה |
| 1. рост; 2. высота | הייך די (ן) | |
| во весь рост | אין דער גאַ'נצער הייך | |
| кучка, горсточка | הײַ'פֿעלע דאָס (ך) | |
| героический | העראָ'יש | |
| валяться | וואַ'לגערן זיך | ו |
| удостоиться | זוכה [зо'йхэ] זײַן (האָט זוכה געווע'ן) | ז |
| часы *(прибор)* | זיי'גער דער (ס) | |
| 1. уважаемый; 2. важный | חשובֿ [хо'шэв] | ח |
| мёртвый | טויט | ט |
| часть | טייל דער (ן) | |
| честь, почёт | כּבֿוד דער [ко'вэд] | כּ |
| сила | כּוח דער (ות) [ко'йэх-ко'йхэс] כּוחות מ"צ פֿון כּוח | |
| полотно | לײַווונט די (ן) | ל |
| в честь | לכּבֿוד [лэко'вэд] | |
| наконец | לסוף [лэсо'ф] | |
| живой | לע'בעדיק | |
| мастерство | מײַ'סטערשאַפֿט די | מ |
| осуществляться, сбываться | מקוים [мэку'йэм] ווערן (איז מקוים געוואָ'רן) | |
| пророческий | נבֿיאותדיק [нэви'эсдик] | נ |
| пост *(должность)* | פּאָסטן דער (ן) | פּ |
| | פֿאַ'כלײַט מ"צ פֿון פֿאַ'כמאַן | פֿ |
| специалист | פֿאַ'כמאַן דער (פֿאַ'כלײַט) | |
| 1. семья; 2. фамилия | פֿאַמי'ליע די (ס) | |
| 1. сохранять; 2. предохранять | פֿאַרהי'טן (פֿאַרהי'ט) | |
| ранить | פֿאַרווו'נדיקן (פֿאַרוווּנדיקט) | |
| заместитель | פֿאַרטרע'טער דער (ס) | |
| 1. пробежать; 2. забежать | פֿאַרלוי'פֿן (איז פֿאַרלאָ'פֿן) | |
| 1. тонкий, нежный; 2. благородный | פֿײַן | |
| добровольный | פֿרײַ'וויליק | |

| | | |
|---|---|---|
| צ | צו ע'רשט | сначала, вначале |
| | צו'פּעסטיקן | прикреплять |
| ק | קוים | едва, еле |
| | קי'נסטלער דער (ס) | художник |
| | קע'מפֿער דער (ס) | боец, борец |
| | קע'רפּער דער (ס) | тело |
| ר | רום דער | слава |
| ש | שטאַל די (ן) | сарай, хлев |
| | שי'טער | 1. редкий; 2. жидкий |
| | שי'סמאַטעריאַלן מ"צ | боеприпасы |
| | שלײַ'דערן | швырять, бросать |
| | שם דער [шэм] | слава, репутация, известность |
| | אַ שם באַקו'מען | приобрести известность |
| | שפּור דער (ן) | след |

**Задание 5.** *а*) Ответьте на вопросы. В ответах используйте формулировки из текста.

*б*)* Напишите номер вопроса и рядом укажите номер предложения из текста, содержащего ответ на данный вопрос.

1) ווו געפֿי'נט זיך די פּאַפּע'רניק־גאַס?
2) ווו איז געבוי'רן געוואָ'רן לײ'זער פּאַפּע'רניק?
3) ווען איז פּאַפּע'רניק אַרי'בערגעפֿאָרן קיין מאָ'סקווע?
4) ווען איז ער אַווע'ק אויפֿן פֿראָנט?
5) וואָס פֿאַר אַן אָטריאַ'ד האָט געקע'מפֿט אין ראַיאָ'ן פֿון כלו'דניעוואָ?
6) וואָס איז געשע'ן מיטן קאָמאַנדי'ר?
7) ווער נעמט אי'בער די אָ'נפֿירונג נאָכן טויט פֿו'נעם פּאָליטרו'ק?
8) וואָס פֿאַר אַ הע'לדנטאַט באַגיי'ט לײ'זער פּאַפּע'רניק, ווען ער איז געבלי'בן אַליי'ן?
9) מיט וועלכן טיטל איז באַע'רט געוואָ'רן לײ'זער פּאַפּע'רניק?
10) מיט וועלכן אָ'רדן זײַ'נען באַלוי'נט געוואָ'רן די 22 אוי'סשפּירערס – פּאַפּע'רניקס מי'טקעמפֿערס?

# Урок XXII — לימוד צוויי און צוואַנציק

**Грамматика:** Глагол. Употребление и перевод инфинитива.
**Текст:** וולאַדי'מיר מע'דעמס וועג צו ייִ'דישקייט

## ГРАММАТИКА

### ФОРМА ИНФИНИТИВА. ИНФИНИТИВ И ЧАСТИЦА צו

Форма инфинитива, как правило, совпадает с формами 1-го и 3-го лица множественного числа настоящего времени:

| Инфинитив | 1, 3-е лицо множественного числа | 1, 3 פערזאָ'ן מע'רצאָל | אינפֿיניטי'וו |
|---|---|---|---|
| сеять | сеем, сеют | מיר, זיי זיי'ען | זיי'ען |
| ехать | едем, едут | מיר, זיי פֿאָרן | פֿאָרן |
| мочь | можем, могут | מיר, זיי קאָנען | קאָ'נען |

Таким образом, одно и то же слово в одном контексте может быть инфинитивом, в другом – 1-м или 3-м лицом множественного числа. Обратите внимание на разное значение сходных форм в следующих предложениях:

| | |
|---|---|
| Мы ***сеем*** рожь. | מיר זיי'ען קאָרן |
| Мы ***едем*** *сеять* рожь. | מיר פֿאָרן זיי'ען קאָרן |
| Мы ***можем*** *ехать* *сеять* рожь. | מיר קאָ'נען פֿאָרן זייען קאָרן |

> ***Внимание!*** У некоторых глаголов форма инфинитива отличается от форм 1-го и 3-го лица множественного числа.

1. ***Запомните*** несовпадающие формы у следующих глаголов:

| Инфинитив | 1, 3-е лицо множественного числа | 1, 3 פערזאָ'ן מע'רצאָל | אינפֿיניטי'וו |
|---|---|---|---|
| идти | идём, идут | מיר, זיי גיי'ען | גיין |
| давать | даём, дают | מיר, זיי גיבן | געבן |

| | | | |
|---|---|---|---|
| происходить | происходят | – , זײ געשע'ען | געשע'ן |
| знать | знаем, знают | מיר, זײ ווײסן | וויסן |
| хотеть | хотим, хотят | מיר, זײ ווילן | ווע́לן |
| быть | находимся, находятся | מיר, זײ זײַ'נען | זײַן |
| видеть | видим, видят | מיר, זײ זע'ען | זען |
| делать | делаем, делают | מיר, זײ טו'ען | טאָן (טון) |
| стоять | стоим, стоят | מיר, זײ שטײ'ען | שטײן |

**Задание 1*.** Перепишите предложения, заполняя пропуски недостающими буквами.

1) מיר זײַ__ אַ'רבעטערס. 2) מיר שטײ__ אויף [уф] אין דער פֿרי און גײ__ אַ'רבעטן. 3) אָט שטײ__ מיר און אַ'רבעטן. 4) דאָ קומ__ יונגע שילערס. 5) זײ קו'מען זע_, ווי מיר אַ'רבעטן. 6) זײ וו_לן אויך זײַ_ אַ'רבעטערס. 7) זײ וו__לן וו__סן, ווי אַזוי' מע דאַרף אַ'רבעטן. 8) זײ זע__, ווי מיר אַ'רבעטן. 9) זײ וו__סן, אַז זײ קאָ'נען זײ__ גו'טע ספּעציאַלי'סטן. 10) מע דאַרף נאָר שטאַרק וו__לן!

2. Форма инфинитива отличается от форм 1-го и 3-го лица множественного числа также и у глаголов с приставочными словами: в инфинитиве приставочные слова стоят *перед* основой глагола и пишутся ***слитно;*** в 1-м и 3-м лице множественного числа настоящего времени приставочные слова стоят *после* основы глаглола и пишутся ***раздельно.***

**אינפֿיניטיוו: מיר דאַרפֿן** אַרויס'שרײַבן **די ווערטער און** אי'בערזעצן **דעם טעקסט.**

**1, 3 פערזאָן מ״צ: מיר** (זײ) שרײַבן אַרויס **די ווערטער און** זעצן אי'בער

3. Зачастую непосредственно перед инфинитивом стоит непереводимая и безударная частица **צו** - например, в строчках-ответах из народной песни в форме диалога:

1) – Зачем стоит она под деревцем? | 1) – **צו וואָס שטײט זי אוי'נטער אַ בײ'מעלע?**
– Листочки нарвать. | – **בלע'טעלעך** צו רײַסן.
2) – Зачем ей листочки? | 2) – **צו וואָס טויגן איר די בלע'טעלעך?**
– Коровушек погонять. | – **קי'עלעך** צו שמײַסן.

В инфинитиве глаголов с приставочными словами частица **צו** обычно стоит между приставочным словом и основой, и все три части пишутся слитно:

3) – Зачем нужны ей коровушки? | 3) – **צו וואָס טויגן איר די קי'עלעך?**
– Молока надоить. | – **מילך** אָ'פּצומעלקן.

*(Народная песня)* (פֿאָ'לקסליד)

Таким образом, инфинитив встречается в текстах в трёх вариантах:

*а*) без частицы צו;

*б*) с צו непосредственно перед инфинитивом (раздельное написание);

*в*) с צו между приставочным словом и основой (слитное написание).

В словарях глаголы приводятся в инфинитиве без частицы צו. Следовательно, чтобы найти в словаре глагол, употреблённый в тексте с частицей צו, следует эту частицу отбросить. Оставшаяся часть и будет словарной формой (инфинитивом) искомого глагола. Сравните, например, формы с צו в вышеприведённых примерах из народной песни:

| в тексте: | надо искать в словаре: |
|---|---|
| (בלע'טעלעך) צו רײַסן | רײַסן „рвать” |
| (מילך) אָ'פּצומעלקן | אָ'פּמעלקן „надоить” |

**Задание 2*.** Напишите слово, которое следует искать в словаре, если вы встретили в тексте следующие формы:
1) אי'בערצוזעצן, 2) אַרוי'סצוגיין, 3) אָ'נצוקומען, 4) מי'טצוגיין, 5) צו מאַכן, 6) צו זאָגן, 7) אַרוי'סצושרײַבן, 8) אוי'פֿצושטײן [уф...], 9) צו אי'בערגיין, 10) ליי'ענען.

## Основные значения צו (обобщение)

Для правильного понимания читаемого текста следует учесть, что צו имеет разные значения в зависимости от его роли в предложении или словосочетании. Основные значения צו следующие:

1. צו перед *существительным*, местоимением или числительным является ***предлогом***, соответствующим русским предлогам „к” или „по” (другие соответствия смотрите в словаре):
ער קומט צו מיר „Он приходит ко мне”; ער גיט יעדן צו צוויי עפּל „Он даёт каждому по два яблока”.

2. צו перед *прилагательным* или *наречием* соответствует русскому наречию „слишком”:
דער מאַנטל איז צו' לאַנג „Пальто слишком длинное”.
Здесь צו всегда несёт на себе ударение.

3. При глаголе-связке זײַן слово צו является *именной частью сказуемого*, заменяет партицип צו'געמאַכט и переводится „быть закрытым”, т. е. соответствует краткому прилагательному „закрыт” (закрыта, закрыто):
די טיר איז (געווע'ן) צו „Дверь (была) закрыта”.

4. צו может быть *приставочным словом,* придающим глаголу значение приближения, добавления к чему-либо (подобно приставкам в русских словах „подойти к...", „прибить к...", „доплатить к..." и т. п.). Например:

צו'גײן „подойти", מיר גײען צו' „Мы подходим"; צו'צאָלן „доплатить", זײ צאָלן צו' „Они доплачивают".

Как приставочное слово צו пишется с инфинитивом слитно и стоит в начале слова, а с личной формой настоящего времени – раздельно и стоит после неё. Как все приставочные слова, צו произносится с ударением.

5. צו может быть *непереводимой частицей* при инфинитиве, употреблённом в качестве второстепенного члена предложения. Например:

איך בין געקו'מען דיר צו זאָגן „Я пришёл ***сказать*** тебе" (*обстоятельство цели*);

איך פֿאַרגע'ס אים צו זאָגן „Я забываю сказать ему" *(дополнение);*

[бако'шэ] ער האָט באשלאָ'סן ניט אָ'פּצוזאָגן די בקשה „Он решил не отказывать в просьбе" *(дополнение).*

Как видно из примеров, צו в значении частицы стоит либо непосредственно перед инфинитивом и пишется *раздельно,* либо *в середине* слова после приставочного слова. Частица צו безударная и значения слова не меняет. Сравните (знак равенства означает „то же самое"):

1) ...צו זאָגן = זאָגן; 2) צו אָ'פּזאָגן = אָ'פּזאָגן; 3) אָ'פּצוזאָגן - אָ'פּזאָגן; 4) צו צו'צאָלן = צו'צוצאָלן = צוצאָלן; 5) צו צו'גײן = צו'צוגײן = צו'גײן.

*Перевод:* 1) сказать; 2) и 3) отказать; 4) доплатить; 5) подойти.

## Различение значений צו при глаголе

*Таблица 36*

<table>
<tr><th colspan="2">צו – приставочное слово (под ударением)</th><th colspan="2">צו – непереводимая частица (безударная)</th></tr>
<tr><th>после глагола<br>(раздельно)</th><th>в начале глагола<br>(слитно)</th><th>в середине глагола<br>(слитно)</th><th>перед глаголом<br>(раздельно)</th></tr>
<tr><td>□... צו<br>לויפֿן צו</td><td>צו'□ן<br>צו'לויפֿן</td><td>□צו□ן<br>אָ'פּצולויפֿן</td><td>צו □ן<br>צו אָ'פּלויפֿן</td></tr>
<tr><td colspan="2">В словаре надо искать צו'לויפֿן</td><td colspan="2">В словаре надо искать אָ'פּלויפֿן</td></tr>
</table>

**Задание 3*.** Укажите, какое слово надо искать в словаре, если вы встретили в тексте следующие формы:

1) צופֿאָרן, 2) צולויפֿן, 3) צושרײַבן, 4) צוקלאַפּן, 5) צו פֿאָרן, 6) צו לויפֿן, 7) צו שרײַבן, 8) צו קלאַפּן, 9) מיר פֿאָרן צו, 10) זיי לויפֿן צו, 11) מיר שרײַבן צו, 12) זיי קלאַפּן צו, 13) אָפּצופֿאָרן, 14) אָנצושרײַבן, 15) איבערצושרײַבן, 16) צוצופֿאָרן, 17) צוצולויפֿן, 18) צו צושרײַבן, 19) צו איבערפֿאָרן, 20) צו צולויפֿן.

## ЗНАЧЕНИЕ И ПЕРЕВОД СЛОВОСОЧЕТАНИЙ С ИНФИНИТИВОМ

Вам уже известно, что инфинитив основного глагола употребляется в сочетании со вспомогательными глаголами פֿלעגן, װעלן, װאָלטן, לאָזן, זאָלן, со словами לאָמיך, לאָמיר для образования сложных грамматических форм многократно-прошедшего времени (см. урок IX), будущего времени (урок XIII), условного, повелительного и сослагательного наклонений (уроки XVI, XVII). В сочетании с модальными глаголами קענען, קאָנען, מעגן, טאָרן, זאָלן, מוזן, װעלן, דאַרפֿן инфинитив основного глагола образует сложное сказуемое (урок VI). В сочетании со спрягаемой формой глаголов טאָן, קומען, ברענגען, געבן образует описательные глаголы (типа „прийти", „принести", „дать знать" и т. п., урок XV).

Сочетание „נעמען + *инфинитив*" переводится на русский язык сочетанием „начинать + *инфинитив*" (см. урок XIX, пояснение к заданию 1).

Сочетание „האַלטן אין (איין) + *инфинитив*" переводится словами, выражающими длительность действия (смотрите урок XXI).

В дальнейшем рассматриваются те случаи, когда употребление инфинитива отличается от его употребления в русском языке.

1. Инфинитив от любого глагола может превращаться в существительное (субстантивироваться). Это отглагольное существительное ***среднего*** рода со значением „*название процесса действия*", обозначенного исходным глаголом. Как всякое существительное среднего рода, субстантивированный инфинитив сочетается с артиклем דאָס или местоимением среднего рода.

| **Инфинитив** | **Отглагольное существительное** |
|---|---|
| זײַן „быть" | דאָס זײַן „бытие" |
| גיין „ходить" | דאָס גיין „хождение" |
| לייענען „читать" | דאָס לייענען „чтение" |
| זינגען „петь" | דאָס זינגען „пение" |

☞ ***Внимание!*** Субстантивированный инфинитив употребляется *только* в форме единственного числа!

**Задание 4*.** Переведите предложения.

1) דאָס פֿאָרן פֿון יעהו'פּעץ קיין בוי'בעריק איז אַ קליי'ניקייט. 2) אסתּר [э'стэр] האָט שוין דעמלאָט ניט געקאָ'נט האָבן אין זי'נען דאָס לע'רנען און דאָס שרײַבן. 3) דאָס זי'נגען יאָ'סעלעס איז משונה [мэшу'нэ] ווילד. 4) איך האָב נאָר געהע'רט אַ זי'נגען, אַ קרעכצן, אַ וויי'נען, אַ כלי'פּען, אַ ריידן, אַ ברו'מען – משונה מאָ'דנע קולות [ко'йлэс] (שלום-עליכם).

| **Слова к тексту** | **ווערטער צום טעקסט** |
|---|---|
| рычать, гудеть, бормотать | ב ברו'מען |
| плакать | ו וויי'נען |
| (постоянно) думать *(о чём-либо)* | ז אין זי'נען האָבן |
| всхлипывать, хныкать | כ כלי'פּען |
| странный, причудливый | מ מאָ'דנע |
| диковинно, странно | משונה [мэшу'нэ] |
| мелочь, пустяк | ק קליי'ניקייט די (ן) |
| стонать | קרעכצן |

2. Сочетание предлога אויף с инфинитивом переводится сочетанием „чтобы (или „для того чтобы") + *инфинитив*".

| | |
|---|---|
| Батюшки, и чего только он там не вычитал! Сколько средств, чтобы делать деньги по различным рецептам!.. | וויי־ווי, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעליי'ענט! וויפֿל סגולות [сгу'лэс] אויף צו מאַכן געלט דורך פֿאַרשיי'דענע רעצע'פּטן!.. |
| Средство (***букв.*** рецепт), *чтобы зарабатывать* сто рублей в месяц изготовлением наилучших чернил. | ...אַ רעצע'פּט אויף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש [хо'йдэш] דורך מאַכן די בע'סטע טינטן. |
| *(Шолом-Алейхем)* | (שלום-עליכם) |

**Задание 5*.** Переведите предложения.

1) גוואַלד! ווו נעמט מען אַ וואַ'לגערהאָלץ אויף וואַ'לגערן די וואַ'רניטשקעס אָן פּו'טער און אָן שמאַלץ, אָן פּע'פּער און אָן זאַלץ? 2) ווו נעמט מען אַ מע'סער אויף צו שנײַדן די וואַ'רניטשקעס? 3) ווו נעמט מען אַ טעפּל אויף צו קאָכן די וואַ'רניטשקעס? 4) ווו נעמט מען אַ בחור [бо'хэр] אויף צו עסן די וואַ'רניטשקעס? (פֿאָ'לקסליד) 5) אָט די געצײ'לטע רגעס [рэ'гэс] וויל איך טאַ'קע

אױ'סניצן אויף זאָגן אַ פּאָר װע'רטער. 6) רי'װע פּלעגט זיך אָפּט לאָזן אי'בער דער שטאָט אויף צו קלײַבן פֿאַר די נױ'טבאַדערפֿטיקע. 7) מו'טער און קינד, שװע'סטער מיט שװע'סטער האָבן זיך באַדאַ'רפֿט שיידן אויף מער זיך ניט צו זען. 8) װען ניט די או'משטאַנדן, װאָס דער שׂונא [со'йнэ] האָט געשאַ'פֿן אויף ניט צו דערלאָ'זן צו קיין ייִ'דישער העלדישקײַט, װאָלט יע'דער אומ־געבראַכט קינד אָ'דער זקן [зокн] געלאָ'זט נאָך זיך בײַ'שפּילן פֿון העראָי'זם. (לויט דעם נסתּר [ни'стэр])

## Слова к тексту / װערטער צום טעקסט

| | | |
|---|---|---|
| א | אױ'סניצן | использовать |
| | או'מגעבראַכט | загубленный, убитый |
| | או'משטאַנד דער (ן) | условия, обстоятельства |
| ב | באַדאַ'רפֿן (*3 л. ед. ч.* באַדאַ'רף) | иметь надобность, нуждаться *(в чём-либо)* |
| | בחור דער (ים) [бо'хэр-бо'х(э)рим] | 1. парень; 2. холостяк |
| | בײַ'שפּיל דער (ן) | пример; образец |
| ג | גװאַלד! | караул! помогите! |
| | געציי'לט | считанный |
| ד | דערלאָ'זן (דערלאָ'זן, דערלאָ'זט) | допускать, позволять |
| ה | העלדישקייט די (ן) | геройство |
| ו | װאַ'לגערהאָלץ דאָס | скалка |
| | װאַ'לגערן | раскатывать |
| | װאַ'רניטשקעס מ״צ | вареники, галушки |
| | װוּ נעמט מען? | где взять? откуда достать? |
| ז | זקן דער (ים) [зокн-зкэ'йним] | старец |
| ט | טינט דער/די | чернила |
| | טעפּל דאָס (עך) | горшок, кастрюля |
| ל | לאָזן זיך (זיך געלאָ'זן, זיך געלאָ'זט) | отправляться (*в путь*), пойти |
| | לאָזן נאָך זיך | оставлять после себя |
| | לאָקשן מ״צ | лапша, макароны |
| | לאָ'קשנברעט די (ער) | доска для теста |
| מ | מע'סער דער/דאָס (ס) | нож |
| נ | נױ'טבאַדערפֿטיק | нуждающийся, бедный |
| פּ | פּע'פּער דער | перец |
| ק | קלײַבן (געקליבן) | собирать |
| ר | רגע די (ס) [рэ'гэ] | минута, мгновение |
| | שיידן זיך | расставаться, распрощаться |
| ש | שמאַלץ דאָס/די | смалец, перетопленный жир |

3. Характерным для идиша является сочетание личных форм глаголов זען „видеть", הערן „слышать", פֿילן „чувствовать", באַגעגענען и טרעפֿן „встречать", באַמע'רקן „замечать" и некоторых других с существительным в винительном падеже и с инфинитивом какого-либо другого глагола. Эти сочетания *буквально* не переводимы, ведь нельзя сказать по-русски:

| | |
|---|---|
| Я ***слышу птичек петь.*** | איך הער די **פֿייגעלעך** זינגען. |
| Я ***вижу отца приходить.*** | איך זע **דעם טאַטן** קומען. |

Такое сочетание, называемое „винительный с инфинитивом", переводится на русский язык

*а*) придаточным предложением с союзом „***как***" или „***что***" („Я слышу, как (что) птички поют");

*б*) ***причастием*** („Я слышу поющих птичек");

*в*) ***существительным, обозначающим название действия***, выраженного в идише инфинитивом („Я слышу пение птичек").

**Задание 6*.** Переведите предложения.

1) איך זע אים קו'מען. 2) איך האָב געהע'רט שאַליאַ'פּינען זי'נגען. 3) איך האָב אים געטראָ'פֿן זיצן בײַם טיש און ליי'ענען אַ צײַ'טונג. 4) ער שלאָגט מיך אַ'לע מאָל, ווען ער דערזע'ט מיך מאָלן. 5) דאָס ע'רשטע מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געזע'ן דעם טאַטן וויי'נען. 6) שלום [шо'лэм] האָט נאָך קיין מאָל ניט געזע'ן דעם טאַטן אַזוי' לאַכן, ווי ער האָט געלאַ'כט אין יע'נעם טאָג. 7) אָ'בער נאָך גרע'סער איז געוואָ'רן דאָס געוויי'ן, אַז זיי האָבן דערהע'רט דעם טאַטן וויי'נען (4–7 שלום-עליכם). 8) אין דער שטאָ'לצער, פֿרײַ'ער מאָ'סקווע כ'זע דיך (י.-ל. פּרצן [пэ'рэцн]) זיצן אויבן אָ'ן, כ'זע אויך מע'נדעלען (מוכר-ספרים [мо'йхэр-сфо'рим]) דאָ זיצן. 9) זע נאָר, בע'נטשיק, ביסט שוין גרויס! כ'האָב דאָך ערשט געזע'ן דיך לויפֿן אי'בער שטע'טלדיקע הויפֿן... 10) כ'האָב דאָך אָ'קאָרשט דיך געטראָ'פֿן קריכן אויף אַן ע'פּלבוים. 11) כ'האָב געזע'ן אַ מאַ'מע שפּאַ'נען אי'בער קבֿרים [кво'рим] און קורגאַ'נען מיט אַ קינד אויף אי'רע הענט (אי. פֿע'פֿער).

**Слова к тексту** — **ווערטער צום טעקסט**

| | | |
|---|---|---|
| на почётном месте *(в президиуме, за столом и т. п.)* | אויבן אָ'ן | א |
| только что, совсем недавно | אָ'קאָרשט | |
| плач | געוויי'ן דאָס (ען) | ג |
| двор | הויף דער (ן) | ה |
| рисовать, писать *(картину)* | מאָלן | מ |
| курган | קורגאַ'ן דער (ען) | ק |
| 1. лезть; 2. ползать | קריכן (איז געקראָ'כן) | |
| местечковый | שטע'טלדיק | ש |

4. *а*) В сочетании с „צו + ***инфинитив***” вспомогательный глагол זײַן получает значение „можно (было, будет)”. Например:

1) Всё ***можно раздобыть*** в этом Антверпене.
(1 אַ'לצדינג איז צו קריגן אין דעם אַנטווע'רפּן.
*(Шолом-Алейхем)* (שלום-עליכם)

2) Большаком шли измотанные солдаты. ***Видно было*** (*букв.* можно было увидеть), что они уже давно в пути.
(2 מיטן שליאַך זײַ'נען געגאַ'נגען אוי'סגעמאַטערטע סאָלדאַ'טן. עס איז געווע'ן צו זען, אַז מען איז שוין לאַנג אין וועג.
*(Г. Полянкер)* (ה. פּאָליאַ'נקער)

*б*) При отрицании ני(ש)ט сочетание „זײַן + צו + *инфинитив*” выражает невозможность выполнения данного действия и переводится словами „нельзя”, „невозможно” или же оборотом „не + *инфинитив*”. Например:

1) Удивительных вещей, которых насмотришься в этом Антверпене, ***никак не описать*** (*букв.* невозможно описать).
(1 חידושים [хиду'шим], וואָס מע זעט זיך אָן אין דעם אַנטווע'רפּן, איז גאָר ניט צו באַשרײַ'בן.
*(Шолом-Алейхем)* (שלום-עליכם)

2) *Невозможно забыть* (*букв.* не забыть), как дед и мой отец играли на базаре.
(2 עס איז ניט צו פֿאַרגע'סן, ווי דער זיי'דע און טאַ'טע מײַ'נער האָבן געשפּי'לט אויפֿן מאַ'רקפּלאַץ.
*(Ирмэ Друкер)* (אי'רמע דרו'קער)

**Задание 7*.** Переведите предложения.

1) וואָס אין ליאָ'נען האָט זיך געטאָ'ן, איז ניט צו דערציי'לן און ניט צו באַשרײַ'בן (אי. דרו'קער). 2) ע'טלעכע סטאַ'נציעס פֿאַר קי'עוו איז די באַן געוואָ'רן ניט דו'רכצופֿאָרן און ניט דו'רכצוגיין (ה. פּאָליאַ'נקער). 3) מלך [мэ'йлэх] און פֿיי'געלע האָבן דערזע'ן, אַז עס איז זיך אויף אים ניט צו פֿאַרלאָ'זן. 4) די רעזולטאַ'טן קאָ'נען זײַן טרוי'עריקע, זיי'ער טרוי'עריקע, אָ'בער עס איז ניט צו מאַכן. 5) דערבײַ' האָט פֿלאָ'רא באַווי'זן, אַז עס איז זי ניט אָ'פּצורײַסן (פֿון אי'רע חבֿרים [хавэ'йрим]). 6) ווען אַזאַ' שׂימחה [си'мхэ] איז ניט אוי'סצובאַהאַלטן געווע'ן... האָט יאָסל געמו'זט אויך זײַ'נע באַקאַ'נטע פֿרײַ'נט אײַ'נלאַדן. 7) (די היטלערי'סטן) האָבן אַ'לע מאָל אויף ס'נײַ געפֿאָ'דערט וועש, בעטצײַג, בגדים [бго'дим] שיך, ע'סנוואַרג, פֿלייש, צו'קער, האָ'ניק, וואָס אין געטאָ איז עס שוין ניט געווע'ן צו קריגן (דער נסתּר [дэр ни'стэр]).

| | **ווערטער צום טעקסט** | **Слова к тексту** |
|---|---|---|
| א | אוי'סבאַהאַלטן (אוי'סבאַהאַלטן) | прятать, скрывать |
| | אײַ'נלאַדן | приглашать |
| | אין גאַנצן | совсем |
| | אַ'לע מאָל | каждый раз |
| ב | באַווײַ'זן (באַווי'זן) | показывать, доказывать |
| | באַן די (ען) | 1. путь, дорога; 2. поезд |
| | בגד דער (ים) [бэ'гэд-бго'дим] | одежда, костюм |
| | בגדים מ״צ פֿון בגד | |
| | בעט־צײַג מ״צ | постельное бельё |
| ד | דו'רכגיין (איז דו'רכגעגאַנגען) | проходить |
| | דו'רכפֿאָרן (איז דו'רכגעפֿאָרן) | проезжать |
| ו | וועש די מ״צ | бельё |
| | ע'סנוואַרג דאָס | съестное, еда, продукты питания |
| פּ | פּריץ דער (ים) [по'рэц-при'цим] | пан, помещик |
| פֿ | פֿאַרלאָ'זן זיך (אויף) | полагаться, надеяться *(на)* |
| | פֿאָ'דערן | требовать |
| | פֿלייש דאָס (ן) | мясо |
| צ | צו'קער דער | сахар |
| ק | קריגן (געקראָ'גן) | доставать, получать |
| ש | שוך דער (שיך) | ботинок |
| שׂ | שׂימחה די (־ות) [си'мхэ] | радость, празднество |

# ЧТЕНИЕ

**Задание 8.** Прочитайте и переведите.

ווולאַדי'מיר מע'דעמס וועג צו ייִ'דישקייט

(„פֿאָ'רווערטס“, 31-טן מײַ 1996)

אין מינסק האָט עקזיסטי'רט אַ באַדײַ'טנדיקע ייִ'דישע קהילה. ס'זײַ'נען אויך געווע'ן איי'ניקע משומדים [мёэшумо'дим]. זיי האָבן זיך געטוי'פֿט, ווײַל ייִ'דישקייט איז געווע'ן אַ שטע'רונג צו דער קאַריע'רע, וואָס זיי האָבן געוואָ'לט מאַכן.

אין איי'נער אַזאַ' משומדים־משפּחה איז אוי'פֿגעוואַקסן וולאַדי'מיר מע'דעם. ער איז אָ'פּגעטויפֿט געוואָ'רן צום קרי'סטלעך־פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן דורך זײַ'נע ע'לטערן ע'טלעכע טעג נאָך דעם, ווי ער איז געקו'מען אויף דער וועלט. זײַן פֿאָ'טער איז געווע'ן אַ מעדיצי'ן־דאָקטער אין דער אַרמיי' אין דעם ראַנג פֿון אַ גענעראַ'ל.

פֿון דער אוי'טאָביאָגראַפֿיע, וואָס וולאַדי'מיר מע'דעם האָט געשרי'בן, דערווי'סט מען זיך, אַז ער איז אוי'פֿגעוואַקסן ווי אַ'לע רו'סישע קי'נדער. ער איז געגאַ'נגען אין קירך און געוואָ'רן צו'געוווינט צו די קי'רכלעכע צערעמאָ'ניעס. ער האָט אַפֿילו געחלומט צו ווערן אַ גלח [га'лэх]. אָ'בער איין מאָל, אין אַ יום־כּיפּור, אין דער נאַכט פֿון כּל־נדרי [колни'дрэ], איז ער פֿאַרבײַ'געגאַנגען אַ שול אין מינסק, „אַן אַ'לטפֿרענקישע שול", ווי ער שרײַבט, און ס'האָט זיך אים פֿאַרוואָ'לט אַרײַ'נגיין אינעווייניק. ער איז באַלד אַרו'מגעכאַפּט געוואָ'רן דורך אַ נײַ'ער, פֿאַר אים או'מבאַקאַנטער אַטמאָספֿע'ר. וולאַדי'מיר מע'דעם דערציי'לט:

„ס'איז געווע'ן גאָר אַ'נדערש ווי אין אַ רו'סישן קלוי'סטער. דאָרט שטייט דער גרוי'סער עולם שטיל, פֿײַ'ערלעך און שווײַ'גנדיק און נאָר דער גלח מיטן כאָר רעדט און זינגט מיט האַרמאָ'ניש־שטרענגע, געמאָ'סטענע טע'נער. דאָ בין איך אַרײַ'ן אין אַ ברוי'זנדיקער כוואַ'ליע. הו'נדערטער און הו'נדערטער מתפּללים [миспа'лэлим] – און יע'דער איי'נער טענהט [та'йнэт] זיך אויס אַליי'ן מיט גאָט, הויך, אויפֿן קול [кол], מיט אַ לײַ'דנשאַפֿטלעכן אי'מפּעט. הו'נדערטער שטי'מען הייבן זיך אויף צום הימל, יע'דע באַזו'נדער, יע'דע פֿאַר זיך, אָן אַ צוזאַ'מענקלאַנג, אָן אַ האַרמאָ'ניע, אָ'בער דאָך גיסן זיי זיך אַ'לע צונוי'ף אין איין געוואַ'לדיקן, רוי'שנדיקן שטראָם; און ווי משונהדיק ער זאָל נישט קלי'נגען פֿאַרן אייראָפּע'יִשן אוי'ער, דאָך מאַכט ער אַ געוואַ'לדיקן אײַ'נדרוק, דאָך האָט ער אין זיך אַ גרויסן חן [хэйн]; יע'נעם חן, וואָס עס פֿאַרמאָ'גט אַ'לע מאָל דאָס פֿלאַ'קערן פֿון אַ גרוי'סער מאַסן־נשמה..."

דאַן איז ער אַרײַ'בער אין אַ צוויי'טער, קלע'נערער שול. ס'האָט זיך אים אָ'ויסגעדאַכט, אַז דאָס איז געווע'ן אַ חסידים־שטיבל. אויך דאָרט האָט אים אַרו'מגענומען דער היי'סער שטראָם פֿון הו'נדערטער קולות [ко'йлэс]. אָ'בער אי'בער זיי האָט זיך אוי'פֿגעהויבן איין הויכע און שאַ'רפֿע שטים, דער קול פֿון אַן אַלטן, גרוי'ען זקן. מע'דעם שרײַבט: „ס'איז נישט געווע'ן קיין זי'נגען און קיין זאָגן. ס'איז געווע'ן אַ געוויי'ן, אַן אמתער געוויי'ן, אין וועלכן ס'האָבן זיך געהע'רט די היי'סע טרערן פֿון אַן אָ'נגעווייטיקט האַרץ... פֿון אַ געפּײַ'ניקט האַרץ... און ס'איז געווע'ן אין דעם אַ גרוי'סע שיי'נקייט..."

פֿאַר וולאַדי'מיר מע'דעמען האָט זיך אַנטפּלע'קט אַ נײַ'ע וועלט. ער איז מי'טגעצויגן געוואָ'רן מיט איר: „איך האָב געשפּי'רט אין זיך יע'נע ראָמאַ'נטישע צו'געבונדנקייט צו דער יי'דישער פֿאַרגאַ'נגענהייט, יע'נע וואַ'רעמע אינטי'מע נאָ'ענטקייט, וואָס מע האָט נאָר צו אַן איי'גענער פֿאַרגאַ'נגענהייט..." וואָס אַ מאָ'ל מער האָט ער זיך או'מגעקערט מיט האַרץ און נשמה צו זײַן שורש און צונוי'פֿגעבונדן זיך מיטן יי'דישן לעבן.

וולאַדי'מיר מע'דעם איז אַרײַ'נגעגאַנגען אין דער נײַ'צײַטיקער יי'דישער געשי'כטע ווי אַ טעאָרע'טיקער און אי'בערגעגעבענער טו'ער פֿון דער יי'דישער סאָציאַלי'סטישער באַוועגונג, ווי אַ פֿי'רער פֿון „בונד", ווי אַ באַדײַ'טנדיקער יי'דישער שרײַ'בער. ער האָט זיך אָ'נגעשטרענגט צו באַקע'נען זיך מיט דער יי'דישער קולטו'ר, אוי'סלערנען זיך דעם יי'דישן אַלף־בית [а'лэфбэйс] און טאַ'קע שרײַבן זײַ'נע ווערק אין יי'דיש. ליי'ענענדיק זײַ'נע שריפֿטן שטייט פֿאַר אונדז אַ פּערזע'נלעכקייט, וואָס האָט זיך אין גאַנצן אידענטיפֿיצי'רט מיטן יי'דישן פֿאָלק, מיט דעם יי'דישן וויי און מיט די יי'דישע האָ'פֿענונגען. וולאַדי'מיר מע'דעם

שטרײַכט או'נטער: „די ייִ'דישע אַ'רבעטער־באַוועגונג האָט געהאַ'ט אויף מיר אַ שטאַ'רקע ווי'רקונג. איך קען נישט זאָגן גענוי' אין וואָס עס האָט זיך אויס'געדריקט, אָ'בער דאָס שטע'נדיקע צונוי'פּטרעפֿן זיך מיטן ייִ'דישן לעבן האָט מיך שטאַרק פֿאַרייִ'דישט. איך האָב גענו'מען דעם אַלטן תּנ״ך [тана'х] און אָ'נגעהויבן לע'רנען בראשית [бэрэ'йшис]...“

| | ניַיע ווערטער | Слова к тексту |
|---|---|---|
| א | א'ויסדאַכטן זיך עמעצן | казаться *(кому-либо)* |
| | אַ'לטפֿרענקיש | *зд.* древний |
| | אַנטפּלע'קן זיך | открываться, проявляться |
| | אָ'פּטויפֿן | крестить |
| ב | ברוי'זנדיק | кипящий |
| ג | גלח דער (ים) [га'лэх-гало'хим] | поп |
| | געוואַ'לדיק | сильно, мощно |
| | געמאָ'סטן | размеренно |
| | געפּײַ'ניקט | измученный |
| ו | וואָס אַ מאָ'ל מער | всё больше и больше |
| ח | חן האָבן [хэйн] | быть привлекательным |
| מ | משומד דער (ים) [мэшу'мэд-мэшумо'дим] | выкрест |
| ע | עקזיסטי'רן | существовать |
| פּ | פּערזע'נלעכקייט די (ן) | личность |
| פֿ | פֿלאַ'קערן דאָס | горение, пылание |
| צ | צוזאַ'מענקלאַנג דער | гармония, созвучие |
| ק | קירך די (ן) | церковь |
| ש | שורש דער [шо'йрэш] | корень |
| | שטיבל דאָס (עך) | *зд.* хасидский молельный дом |
| | שטים די (ען) | голос |
| | שטע'רונג די (ן) | препятствие |
| | שפּי'רן | чувствовать |

**Задание 9.** Ответьте на вопросы.

1) אין וואָס פֿאַר אַ משפּחה איז אויפֿגעוואַקסן וולאַדי’מיר מע’דעם?
2) ווּ האָט געדי’נט זייַן פֿאָ’טער? אין וואָס פֿאַר אַ ראַנג?
3) ווי איז וולאַדי’מיר אוי’פֿגעוואַקסן?
4) וואָס פֿאַר אַן או’נטערשייד האָט ער באַמע’רקט צווישן דער קירכן־דינסט און דעם דאַ’ווענען אין דער שול?
5) וועלכן איַי’נדרוק האָט געמאַ’כט אויף אים דאָס דאַ’ווענען אין חסידים־שטיבל?
6) וואָס שרייַבט ער וועגן דער תּפֿילה פֿו’נעם אַלטן גרוי’ען זקן?
7) וואָס פֿאַר אַ ראָ’לע האָט מע’דעם געשפּי’לט אין דער ניַי’צייַטיקער ייִ’דישער געשי’כטע?
8) ווי אַזוי’ האָט געווי’רקט אויף אים דאָס צוזאַ’מענטרעפֿן זיך מיטן ייִ’דישן
9) לעבן?

ווי מיינט איר, פֿאַר וואָס האָט ער זיך אָ’נגעשטרענגט אוי’סצולערנען ייִ’דיש?

**Грамматика:** Определительное придаточное предложение. Инфинитив пассива. Сочетание модального глагола с инфинитивом пассива.
**Текст:** נישט פֿאַרגע'סן און נישט פֿאַרגע'בן!

## ГРАММАТИКА

Сложные предложения в идише по своей структуре, содержанию и пунктуации в основном совпадают с соответствующими типами предложений в русском языке, и их понимание не вызывает особых трудностей. Исключение составляют предложения с придаточным определительным, которым присущи некоторые особенности, затрудняющие их понимание. Поэтому на этом типе предложений мы остановимся подробнее.

### ОПРЕДЕЛИТЕЛЬНОЕ ПРИДАТОЧНОЕ ПРЕДЛОЖЕНИЕ

Определительное придаточное предложение относится к какому-либо члену предшествующего главного предложения, выраженному существительным или местоимением, и отвечает на вопрос „какой?".

Чаще всего придаточное определительное присоединяется к главному предложению союзными словами **װע'לכער** „который" (**װע'לכע** „которая", **װע'לכעס** „которое", **װע'לכע** „которые") и **װאָס** „что" в значении „который".

1) Книга, ***которую*** я читаю, очень интересна. (1 דאָס בוך, װע'לכן איך לײ'ען, איז זײ'ער אינטערעסאַ'נט.
2) Книга, ***которую*** я читаю, очень интересна. (2 דאָס בוך, װאָס איך לײ'ען, איז זײ'ער אינטערעסאַ'נט.

### Перевод определительных предложений

Перевод предложений с **װעלכער** особых трудностей не вызывает, так как **װעלכער** склоняется как прилагательное, и по его форме можно узнать, в каком падеже и числе следует употребить при

переводе союзное слово „который”. Сравните:

| | |
|---|---|
| 1) Человек, *который* там стоит... | 1) דער מענטש, וועלכער שטייט דאָרט... |
| 2) Человек, *которого* я вижу... | 2) דער מענטש, וועלכן איך זע... |
| 3) Женщина, *которой* я это сказал... | 3) די פֿרוי, וועלכער איך האָב דאָס געזאָגט... |

Иначе обстоит дело с переводом союзного слова וואָס. В отличие от русских „что” („чего”, „чему”, „о чём” и т. д.) и „который” („которого”, „которому”, „которых” и т. д.), слово וואָס не склоняется и при переводе может поэтому соответствовать русским „что” и „который” в форме любого рода, числа и падежа. Сравните:

| | |
|---|---|
| 1) Человек, *который* там стоит... | 1) דער מענטש, וואָס שטייט דאָרט... |
| 2) Женщина, ***которую*** я вижу... | 2) די פֿרוי, וואָס איך זע... |
| 3) Дети, ***которых*** я спросил... | 3) די קי'נדער, וואָס איך האָב זיי געפֿרעגט... |
| 4) Товарищ, *которому* я дал книгу... | 4) דער חבֿר [ха'вэр], וואָס איך האָב אים געגעבן דעם בוך... |

В случаях затруднения при переводе определительных предложений с וואָס можно руководствоваться следующими практическими указаниями:

1. Если непосредственно после וואָס стоит *глагол*, то וואָס является подлежащим придаточного предложения и переводится формами *именительного* падежа слов „что”, „который”, „которая”, „которое”, „которые”:

| | |
|---|---|
| 1) Человек, *который* смеётся... | 1) דער מענטש, וואָס לאַכט... |
| 2) Женщина, *которая* поёт... | 2) די פֿרוי, וואָס זינגט... |
| 3) Дитя, *которое* играет... | 3) דאָס קינד, וואָס שפּילט זיך... |
| 4) Товарищи, *которые* работают... | 4) די חבֿרים, וואָס אַרבעטן... |

2. Если непосредственно после וואָס следует *не глагол* тогда целесообразно сначала дословно перевести всё определительное предложение и затем по смыслу оформить свой перевод в соответствии с нормами русского языка. Например:

ייִדל דער שרײַ'בער האָט זעכציק מיידלעך, וואָס ער לערנט זיי שרײַבן (שלום-עליכם).

*Дословно:* Писец Йидл имеет шестьдесят девочек (учениц), *что* он учит их писать.

*Правильно:* У писца Йидла есть (учатся) шестьдесят девочек, *которых* он учит писать.

Поступая аналогичным образом, получим правильные переводы и следующих предложений:

| | |
|---|---|
| 1) Друзья, ***которых*** мы пригласили, пришли к нам. | 1) די פֿרײַנד, וואָס מיר האָבן אײַ'נגעלאַדן, זײַ'נען געקו'מען צו אונדז. |
| 2) Дети, ***которым*** я рассказал эту историю, слушали (*букв.* выслушали) меня внимательно. | 2) די קי'נדער, וואָס איך האָב זיי דערציי'לט די דאָ'זיקע געשי'כטע, האָבן מיך או'פֿמערקזאַם אוי'סגעהערט. |

**Задание 1*.** Переведите следующие словосочетания, обращая внимание на правильный перевод союзного слова וואָס.

1) דאָס מיידל, וואָס איך שרײַב איר דעם בריוו... 2) דאָס מיידל, וואָס שרײַבט דעם בריוו... 3) דאָס ייִנגל, וואָס קומט צו מיר יעדן טאָג... 4) דאָס ייִנגל, וואָס דו ביסט מיט אים געקו'מען... 5) די פֿרוי, וואָס האָט אונדז באַגע'גנט... 6) די פֿרוי, וואָס מיר האָבן זי נעכטן באַגע'גנט... 7) דער לע'רער, וואָס לערנט אונדז ייִ'דיש... 8) דער לע'רער, וואָס מיר לע'רנען זיך בײַ אים ייִ'דיש... 9) פֿאַראַ'ן מענטשן, וואָס וואַרטן, ביז די אַ'גרעסן ווערן רויט. 10) מער פֿון אַ'לע איז מיר מקנא [мэка'нэ] הערשל, וואָס מע רופֿט אים „ושתּי“ [ва'шти]. 11) דאָס מיידל, וואָס זיצט בײַם טיש, פֿאַרשרײַ'בט אי'טלעכעס וואָרט, וואָס די מאַ'מע זאָגט. 12) דעם זיי'גער... האָט ער באַקו'מען פֿון אַ פּאָלקאָ'וניק, וואָס פֿלעגט אים געבן אַ'רבעטן (9–12 שלום-עליכם).

## *Пояснения к тексту*

9) אַ'גרעסן מ"צ крыжовник (*собир.*)
10) איז מקנה завидует (от מקנא זײַן „завидовать”); ושתּי Вашти – библейский персонаж (*здесь:* шуточное прозвище мальчика Гершла).

## ИНФИНИТИВ СТРАДАТЕЛЬНОГО ЗАЛОГА

В идише наряду с инфинитивом, отвечающим на вопрос „что делать?” (инфинитив действительного залога, актива), имеется и страдательная (пассивная) форма инфинитива, отвечающая на вопрос „какому действию подвергаться?”. Сравните:

| **Инфинитив действительного залога** | **Инфинитив страдательного залога** |
|---|---|
| בוי'ען строить | געבוי'ט ווערן „строиться”, „быть, становиться построенным” (*кем-либо*) |
| מאַכן делать | געמאַ'כט ווערן „делаться”, „быть сделанным” (*кем-то*) |
| ליבן любить | געלי'בט ווערן „быть любимым” |

Инфинитив страдательного залога, как мы видели выше, состоит из инфинитива вспомогательного глагола ווערן и партиципа основного глагола.

**Задание 2.** Образуйте инфинитив пассива от регулярных глаголов.
*Образец:* זאָגן ← געזאָ'גט ווערן
1) בוי'ען, 2) מאָלן, 3) באַלוי'נען, 4) באַפֿרײַ'ען, 5) אוי'פֿשטעלן [у'ф-], 6) ליי'ענען, 7) ניי'ען, 8) פֿרעגן, 9) פֿאַרע'נדיקן, 10) שיקן.

**Задание 3.** Переведите образованные вами формы на русский язык.
*Образец:* געבוי'ט ווערן „строиться” (***кем-либо***) или „быть построенным”.

**Задание 4*.** Образуйте инфинитив пассива от нерегулярных глаголов. Формы партиципов найдите по таблице нерегулярных глаголов (см. „Приложение” 3, 4).
*Образец:* שרײַבן ← געשרי'בן ווערן
1) רופֿן, 2) נע'מען, 3) זי'נגען, 4) בעטן, 5) געפֿי'נען, 6) פֿאַרשטיי'ן, 7) פֿאַרגע'סן, 8) פֿאַרלי'רן, 9) שאַפֿן, 10) שליסן.

**Задание 5.** Переведите образованные вами формы на русский язык.
*Образец:* גערו'פֿן ווערן „вызываться” (***кем-либо***), „быть вызванным”.

## Употребление и перевод инфинитива страдательного залога

Вы уже знаете, что инфинитив *актива* часто употребляется с модальными глаголами и образует с ними сложное глагольное сказуемое (сравните איך וויל ליי'ענען; מיר קאָנען גוט אַרבעטן и т. д.).

**Задание 6.** Повторите тему „Модальные глаголы” (урок VI).

Инфинитив страдательного залога употребляется главным образом в сочетании с модальными глаголами קאָנען „мочь”, מוזן „долженствовать”, וועלן „хотеть”, דאַרפֿן „иметь надобность”, „иметь нужду в чём-либо”, „быть необходимым” („надо”) и другими (см. урок VI), Например:

1) План *может и должен* ***быть выполнен***. — 1) דער פלאַן קאָן און דאַרף אוי'סגעפֿילט ווערן.
2) Работа ***должна и может быть сделана*** (или ***делаться***) лучше. — 2) די אַ'רבעט מוז און קאָן געמאַ'כט ווערן בע'סער.

Инфинитив пассива переводится на русский язык:

*а*) неопределённой формой глагола на „-ся", „-сь" („Работа должна *выполняться* лучше");

*б*) оборотом „*быть* + причастие" („Работа должна *быть выполнена* лучше");

*в*) неопределённой формой глагола в действительном залоге („Работу надо [следует, необходимо] *выполнять* лучше").

**Задание 7*.** Переведите на русский язык.

1) די הײַ'זער זאָלן גי'כער געבוי'ט ווערן. 2) דאָס ליד דאַרף הויך געזו'נגען ווערן. 3) נײַ'ע ווע'רטער דאַרפֿן אַרוי'סגעשריבן ווערן. 4) דער טעקסט מוז רי'כטיק אי'בערגעזעצט ווערן. 5) די אַ'רבעט דאַרף וואָס גי'כער פֿאַרע'נדיקט ווערן. 6) דער בריוו זאָל גלײַך אָ'פּגעשיקט ווערן. 7) די נײַ'ע ווע'רטער טאָרן ניט פֿאַרגע'סן ווערן. 8) אַ'לע טעקסטן מוזן רי'כטיק פֿאַרשטאַ'נען ווערן. 9) דער טעקסט קאָן אי'בערגעזעצט ווערן אַפּילו [афи'лэ] אָן אַ ווע'רטערבוך. 10) אַ פֿאַרגע'סן וואָרט קאָן געפֿו'נען ווערן אין דעם ווע'רטערבוך.

# ЧТЕНИЕ

**Задание 8.** Прочитайте и переведите.

ניִשט פֿאַרגע'סן און ניִשט פֿאַרגע'בן!

דעם 19טן אַפּרי'ל פֿון יאָר 1943, זע'נען די לעצט־פֿאַרבלי'בענע ייִדן אין דער וואַ'רשעווער גע'טאָ אוי'פֿגעשטאַנען צום קאַמף מיט דער מע'כטיקער נאַ'צי־אַרמיי', וואָס איז אַרײַן אין דער גע'טאָ און געוואָ'לט די לעצט־ פֿאַרבלי'בענע ייִדן דערמאָ'רדן.

ווען די דײַ'טשע אַרמיי' איז אַרײַ'ן אין דער גע'טאָ, איז זי באַגע'גנט געוואָ'רן פֿון אַליי'ן־געמאַ'כטע צי'נדבאָמבעס און שאָסן פֿון ביקסן און רעוואָלווע'רן, וואָס די ייִדן האָבן לאַנג געקלי'בן. „די יו'דען שיסן", האָבן מיט גרויס פֿאַרווו'נדערונג די נאַ'צי־אַרמיי'ער אוי'סגעשריגן. און ווען זיי האָבן דערזע'ן אַז אַ סך [сах] פֿון זיי פֿאַלן טוי'טע, האָבן זיי געמו'זט פֿאַרלאָ'זן די גע'טאָ.

זיי זע'נען צורי'קגעקומען מיט פֿאַרשטאַ'רקטן געווע'ר; מיט טאַ'נקען און באָ'מבעס; און גאַ'נצע פֿינף וואָכן האָבן די באַוואָ'פֿנטע ייִדן הע'לדיש געקע'מפֿט, ביז די גע'טאָ־הײַ'זער זע'נען פֿאַרברע'נט געוואָ'רן און די מע'רסטע גע'טאָ־קע'מפֿערס זע'נען פֿאַרברע'נט אָ'דער דערשאָ'סן געוואָ'רן. בלויז געציי'לטע האָבן על־פּי נס [ал-пи нэс], דורך או'נטערערדישע קאַנאַ'לן, זיך באַוויי'זן צו ראַ'טעווען און זיי האָבן שפּע'טער דערציי'לט וועגן דעם באַרבאַרי'זם פֿון די דײַטשן און וועגן דער הע'לדישקייט פֿון די גע'טאָ־גבורים [гибо'йрим].

דער הוי'פּט־קאָמענדאַ'נט פֿון דעם אוי'פֿשטאַנד אין וואַ'רשעווער גע'טאָ איז געווע'ן דער פֿאָ'רשטייער פֿון דער יו'גנט־אָרגאַניזאַ'ציע „השומר־הצעיר"

[hашомэ'р-hацаи'р] מרדכי [мордэха'й] אַנילע'וויטש.

דעם 19טן אַפּרי'ל 1943, פֿיר טעג נאָכן אוי'סבראָך פֿו'נעם אוי'פֿשטאַנד האָט ער אין זײַן לעצטן בריוו געשריי'בן:

איצט איז מיר קלאָר, אַז אַלץ, וואָס איז געשע'ן, שטײַגט אי'בער או'נדזער פֿאַנטאַ'זיע. אין או'נדזער קאַמף מיט די דײַטשן האָבן מיר געטאָ'ן אַלץ אי'בער או'נדזערע כּוחות, אָ'בער או'נדזערע כּוחות גיי'ען אויס און פֿאַרשווינדן... איך פֿיל אַז עס געשע'ען גרוי'סע זאַכן און אַז די זאַך, וואָס מיר האָבן געוואַ'גט דו'רכצופֿירן, האָט אַ גרויסן און שטאַרקן באַטײַ'ט. ניט האָ'בנדיק קיין ברירה [брэ'йрэ], גיי'ען מיר הײַנט אי'בער צו אַ פּאַרטיזאַ'נער־שיטה [-ши'тэ]. מיר דאַרפֿן האָבן אַ סך ביקסן, גראַנאַ'טן, מאַשי'ן־געווע'ר און אוי'פֿרײַס־מאַטעריאַ'ל. כ'האָב ניט קיין כּוח צו באַשרײַ'בן פֿאַר אײַך די באַדי'נגונגען אין וועלכע עס „לעבן“ איצט די ייִדן פֿון וואַ'רשעווער געטאָ... זײַט געבע'נטשט, איר פֿון דרויסן: אפֿשר [э'фшэр] וועט געשע'ן אַ נס און מיר וועלן זיך אַמאָ'ל זען. אַ גרוי'סער, גרוי'סער ספֿק [со'фэк]. מײַן לע'צטע לע'בנס־שטרעבו'נג איז געוואָ'רן דערפֿי'לט. די ייִ'דישע זע'לבסטשוץ איז געוואָ'רן אַ פֿאַקט. דער ייִ'דישער ווי'דערשטאַנד און נקמה איז געוואָ'רן אַ ווי'רקלעכקייט. וויל און גוט איז מיר, וואָס איך בין געווע'ן צווישן די ע'רשטע קע'מפֿערס אין וואַ'רשעווער געטאָ... ווּ איז די רעטונג?

## ווערטער צום טעקסט / Слова к тексту

| | | |
|---|---|---|
| א | אוי'סבראָך דער (ן) | *зд.* начало (восстания) |
| | אוי'סגיין (איז אוי'סגעגאַנגען) | заканчиваться; умирать |
| | אוי'פֿרײַס־מאַטעריאַ'ל | взрывчатка |
| | אי'בער או'נדזערע כּוחות [ко'йхэс] | выше наших сил |
| | אי'בערשטײַגן (איבערגעשטי'גן) | превосходить |
| ב | באַווײַ'זן (באַווי'זן) | 1. показывать; 2. успевать |
| | ברירה די (־ות) [брэ'йрэ] | альтернатива; выбор |
| ג | גבֿורה די (־ות) | героизм |
| | געציי'לטע | считанные, единичные |
| ד | דערמאָ'רדן | убивать |
| ו | וואַגן | отваживаться, осмеливаться |
| | ווי'דערשטאַנד דער | сопротивление, противостояние |
| ז | זע'לבסטשוץ די | самооборона |
| מ | מאַשי'ן־געווע'ר | автоматическое оружие |
| ס | ספֿק דער (ות) [со'фэк-сфэ'йкэс] | сомнение |
| ע | על־פּי נס [ал-пи нэс] | чудом |
| פֿ | פֿאַרגע'בן (פֿאַרגע'בן) | прощать |
| | פֿאַרשווי'נדן (איז פֿאַרשווו'נדן) | исчезать |
| | פֿון דרויסן | *зд.* за стенами гетто |
| צ | צי'נדבאָמבע די (ס) | зажигательная бомба |
| ר | רע'טונג די | спасение |

**Задание 9.** Ответьте на вопросы, используя формулировки из текста.

1) ווען איז אויסגעבראָכן דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ?
2) ווי האָבן די יידן באַגעגנט די דײַטשע הענקערס, וואָס זײַנען אַרײַן אין געטאָ?
3) צו וואָס זײַנען די דײַטשן אַרײַן אין געטאָ?
4) ווי לאַנג האָבן די ייִדישע אויפֿשטענדלערס געקעמפֿט קעגן דעם שׂונא?
5) ווער איז געווען מרדכי אַנילעוויטש?

* * *

**Задание 10.** Прочитайте и переведите.

דער אוי'פֿשטאַנד אין דער וואַ'רשעווער גע'טאָ איז נישט געווע'ן דער איי'נציקער טאַט פֿון פֿי'זישער און גײַ'סטיקער גבֿורה [гву'рэ] פֿון די ייִדן אין די אָקופּי'רטע דורך די נאַ'ציס אייראָפּע'ִישע לע'נדער. נישט בלויז די ייִדן אין גע'טאָ־וואַ'רשע, נאָר אויך די יידן אין די גע'טאָס פֿון ווי'לנע, ביאַ'ליסטאָק, בע'נדין און אין אַ'נדערע שטע'ט פֿון פּוילן, אין קאָנצענטראַ'ציע־ און טוי'ט־לאַ'גערן האָבן אויף אַ העַ'לדישן אופֿן [ойфн] געקע'מפֿט קעגן די נאַ'צישע מע'רדער.

די אוי'פֿשטענדלערס אין וואַ'רשעווער גע'טאָ האָבן אָן אוי'פֿהער אַלאַרמי'רט די וועַ'לט־ע'פֿנטלעכקייט וועגן דער טײַוולאָ'נישער ני'דערטרעכטיקײַט פֿון די דײַ'טשע תּלינים [талйо'ним] און זיי'ער באַרבאַ'רישער פּאָלי'טיק פֿון „ע'נדגילטיקן לייזן די יו'דען־פֿראַגע". אָ'בער „די וועלט" האָט געשווי'גן. איי'נער פֿון די, וועַ'לכע האָבן אָן אוי'פֿהער געפּאָ'דערט, אַז די אַליִי'רטע מלוכות [мэлу'хэс] זאָלן העלפֿן די אוי'פֿשטענדלערס, איז געווע'ן דער „חבר אַרטור", שמואל מרדכי [шму'эл мо'рдхэ] זי'געלבוים.

ביזן אוי'סבראָך פֿון דער מלחמה (דער 1ער סעפּטע'מבער 1939) איז ער טע'טיק ווי אַ מי'טגליד פֿון צ.ק. פֿון „בונד". מיטן אוי'סבראָך פֿון דער מלחמה קומט ער קיין וואַ'רשע. נעמט אָ'נטייל אין דער פּאַרטיי'דיקונג פֿון דער הוי'פּטשטאָט. שפּע'טער איז ער אַקטי'וו אין דער ייִ'דישער קהילה־פֿאַרוואַ'לטונג [кэhи'лэ-], און וועַ'לכער ער פּאָ'דערט קע'גנצושטעלן זיך דער כּוונה [каво'нэ] פֿון די דײַטשן אַרײַ'נצושפּאַרן די ייִ'דישע באַפֿע'לקערונג אין גע'טאָ, און רופֿט די ייִדן פֿון וואַ'רשע פֿרײַ'וויליק אַהי'ן נישט צו גיין. פֿאַר אָט דער געוואַ'גטקייט ווערט ער געזו'כט דורך דער געסטאַ'פּאָ. די פּאַרטיי'־אָ'נפֿירונג שיקט אים אַרוי'ס פֿון פּוילן ער זאָל אַלאַרמי'רן די פֿרײַ'ע וועלט און דערציי'לן איר וועגן דעם גורל [гойрл] פֿון די ייִדן או'נטער דער הי'טלערישער אָקופּאַ'ציע. מיט דער הילף פֿון אַ פֿאַלשן פּאַ'ספּאָרט קריגט ער זיך אַרוי'ס דורך בערלי'ן קיין בריסל און טרעט אוי'ף מיט זײַן דערשי'טערנדיקן באַרי'כט אויף דעם צוזאַ'מענפֿאָר פֿון די סאָציאַ'ל־דעמאָקראַ'טישע פּאַרטיי'ען פֿון איי'ראָפּע. פֿון דאָרט קומט ער אָן קיין אַמע'ריקע, פֿאָרט אַרו'ם אי'בער דער מערבֿדיקער [ма'йрэв-] וועלט מיט זײַ'נע אוי'פֿטרייסלענדיקע שי'לדערונגען. ער טרעט אוי'ף אין ראַ'דיאָ, ער רעדט צו די מנהיגים [манhи'гим]

פֿון דער וועלט, דערציי'לט, פּראָטעסטי'רט און מאָנט. די וועלט איז נישט געוואָ'רן אוי'פֿגעטרייסלט.

אין דער נאַכט פֿו'נעם 11טן אויפֿן 12טן מײַ 1943 האָט שמואל מרדכי (אַרטו'ר) זי'געלבוים זיך גענו'מען דאָס לעבן. און די וועלט... האָט ווײַ'טער געשווי'גן. אין זײַן לעצטן צוואה־בריוו [цаво'э-] שרײַבט ער:

איך קען ניט בלײַבן שטיל. איך קען ניט לעבן ווען די רע'שטלעך פֿון ייִ'דישן פֿאָלק אין פּוילן, וועמענס פֿאָ'רשטייער איך בין, ווערן או'מגעבראַכט. מײַ'נע חבֿרים אין וואַ'רשעווער געטאָ זײַ'נען או'מגעקומען מיט געווע'ר אין האַנט אין דעם לעצטן העראָ'ישן געראַ'נגל. עס איז מיר ניט געווע'ן באַשע'רט צו שטאַרבן אַזוי ווי זיי. אָ'בער איך געהע'ר צו זיי און צו זיי'ערע מאַ'סן־קבֿרים [-кво'рим].

איך ווייס ווי ווײ'ניק אַ מע'נטשלעך לעבן איז ווערט בײַם הײַ'נטיקן טאָג. אָ'בער ווײַל איך האָב ניט געקע'נט טאָן גאָ'רניט בעת [бэйс] מײַן לעבן, וועל איך אפֿשר [э'фшэр] מיט מײַן טויט מי'טהעלפֿן, אַז עס זאָל געבראָ'כן ווערן די גלײַ'כגילטיקייט פֿון די, וועלכע האָבן די מי'גלעכקייט צו ראַ'טעווען איצט, אפֿשר אין לעצטן מאָמע'נט, די נאָך־פֿאַרבלי'בענע פּוי'לישע ייִדן.

מײַן לעבן געהע'רט צום ייִ'דישן פֿאָלק אין פּוילן און דערפֿאַ'ר גיב איך עס אים אַוועק.

## Слова к тексту — ווערטער צום טעקסט

| | | |
|---|---|---|
| א | אוי'פֿטרייסלענדיק | потрясающий |
| | אוי'פֿשטענדלער דער (ס) | повстанец |
| | אַלאַרמי'רן | сигналить; бить тревогу |
| ב | באַרי'כט דער (ן) | доклад; отчёт |
| | בעת [бэйс] | во время; в то время как |
| ג | גורל דער (ות) [гойрл-гойро'лэс] | судьба; участь |
| | גײַ'סטיק | духовный |
| | גלײַ'כגילטיקייט די | равнодушие; безразличие |
| ד | דערשי'טערנדיק | ужасающий; шокирующий; потрясающий |
| ו | וועלט־ע'פֿנטלעכקייט די | мировая общественность |
| | ווערט זײַן (איז ווערט געווען) | иметь значение, ценность |
| כ | כוונה די (־ות) [каво'нэ] | желание; стремление |
| מ | מאָנען | требовать |
| | מנהיג דער (ים) [ма'нэг-манhи'гим] | предводитель |
| | מערבֿדיק [ма'йрэвдик] | западный |
| נ | ני'דערטרעכטיקייט די (ן) | подлость; гнусность |
| | נע'מען זיך דאָס לעבן | совершить самоубийство |
| ע | „דאָס ע'נדגילטיקע לייזן די יו'דען־פֿראַגע" | „окончательное решение еврейского вопроса" |
| פּ | פֿאַרטיי'דיקונג די | защита; оборона |

צ צוואה די [цаво'э] завещание
ק קהילה־פֿאַרוואַ'לטונג די [кэhи'лэ-] правление еврейской общины
ר רע'שטלעך מ״צ остатки
ש שי'לדערונג די (ען) изображение
ת תּלין דער (ים) [та'лйэн-талйо'ним] палач

**Задание 11.** Ответьте на вопросы, используя формулировки из текста

1) ווו נאָך אַחוץ וואַ'רשע האָבן די ייִדן געקע'מפֿט קעגן די נאַ'ציס?
2) וואָס האָט אָן אוי'פֿהער געפֿאָ'דערט בײַ די אַלייִ'רטע מלוכות שמואל מרדכי זי'גלבוים?
3) ווער איז געווע'ן ש. זיגעלבוים ביזן אוי'סבראָך פֿון דער מלחמה?
4) פֿאַרוואָ'ס האָט די געסטאַ'פּאָ געזו'כט ש. זי'געלבוימען?
5) ווע'לכער צוזאַ'מענפֿאָר איז פֿאָ'רגעקומען אין בריסל?
6) ווי אַזוי' איז אים געלו'נגען אַרוי'ספֿאָרן פֿו'נעם אָקופּי'רטן פּוילן?
7) ווען האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן?
8) פֿאַר וואָס האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן?

**Задание 12.** Прочитайте и переведите.

די ע'רשטע זאַך, וואָס די דײַטשן האָבן געטאָ'ן, ווען זיי האָבן אַרײַ'נגעשטעלט זיי'ערע פֿאַרבלו'טיקטע שטיוול אין אַ שטאָט אָדער אַ שטעטל, איז געווע'ן צו אַנטמע'נטשן דעם מענטשן און פֿאַרוואַ'נדלען אים אין אַ פּרימיטי'ווער חיה [ха'йэ], וואָס זאָל זיך שטעלן אויף די הי'נטערשטע פֿיס פֿאַרן האַר, דעם „איי'בערמענטש“ און ריי'נעם אַ'ריער. און דאָ האָבן די נאַ'ציס געלי'טן די ע'רשטע מפּלות [мапо'лэс]. די ייִדן אין די גע'טאָס האָבן געשאַ'פֿן או'נטערערדישע שולן פֿאַר קי'נדער, דו'רכגעפֿירט טעאַ'טער־פֿאָ'רשטעלונגען, אַפֿילו [афи'лэ] אַ סימ־פֿאָ'נישן אָרקע'סטער האָבן זיי אַרגאַניזי'רט און געפֿי'רט אַ שע'פֿעריש קולטו'ר־לעבן. עס זײַ'נען געשאַ'פֿן געוואָ'רן צע'נדליקער לי'דער, וואָס זײַ'נען פֿול געווע'ן מיט בטחון [бито'хн], אַז מע וועט דערלע'בן אַ פֿרײַ'ע און יושרדיקע [йо'йшэрдикэ] וועלט.

דער היסטאָ'ריקער פֿון וואַ'רשעווער גע'טאָ עמנואל [эмонуэ'л] רי'נגעלבלום באַשרײַ'בט אין זײַן בריוו צום ייִוואָ (ייִ'דישן ווי'סנשאַפֿטלעכן אינסטיטו'ט) און צום ייִ'דישן פּע'ן־קלוב דעם גײַ'סטיקן ווי'דערשטאַנד אין וואַ'רשעווער גע'טאָ. ליי'ענט אַן אוי'סצוג פֿו'נעם בריוו:

דער לאָ'זונג פֿו'נעם ייִ'דישן געזע'לשאַפֿטלעכן אַקטי'וו איז געווע'ן, „לעבן מיט ווי'רדע און שטאַרבן מיט ווי'רדע!“ אַן אוי'סדרוק דערפֿו'ן איז געווע'ן די קולטו'ר־אַ'רבעט וואָס האָט זיך אַנטווי'קלט ניט געקו'קט אוי'פֿן טעראָ'ר, הו'נגער און נויט און איז געוואַ'קסן ביזן מאַרטי'רער־טויט פֿון פּוי'לישן ייִ'דנטום.

עס האָט זיך געשאַ'פֿן אַן או'נטערערדישע קולטו'ר־אָרגאַניזאַ'ציע או'נטערן נאָ'מען „ייִקאָר“ („ייִ'דישע קולטו'ר־אָרגאַניזאַ'ציע“). זי האָט אָרגאַניזי'רט צי'קלען

װי'סנשאַפֿטלעכע לע'קציעס, יובילײ'־פֿײַ'ערונגען (לכּבֿוד פּרצן, שלום־עליכמען, מע'נדעלען, באָ'ראָכאָװן און אַ'נדערע) און ליטעראַ'רישע און קי'נסטלערישע או'נטערנעמונגען.

או'נטער דעם מאַנטל פֿון קי'נדערקיכן און הײ'מען פֿון „צע'נטאָס“ (צענטראַ'לע פֿאַר קי'נדער־ און יתומים־ [йэсо'ймим] שוץ) איז געשאַ'פֿן גע־ װאָ'רן אַ נעץ פֿון או'נטערערדישע שולן פֿון פֿאַרשײ'דענע רי'כטונגען („צישאָ“', „תּרבּות“, „שו'לקולט“, „יבֿנה“, „חורבֿ“, „בית־יעקבֿ“ און אַ'נדערע).

ס'איז געשאַ'פֿן געװאָ'רן אַ קאָנספּיראַטי'װער צענטראַ'לער ײִ'דישער אַרכי'װ או'נטער דעם או'משולדיקן נאָ'מען פֿון אַ חבֿרה „עונג־שבת“ [о'йнэг-ша'бэс].

אַ לע'בעדיקע או'נטערערדישע קולטו'ר־אַ'רבעט האָבן געפֿי'רט כּמעט אַ'לע פּאַרטײ'ען און אידע'ישע אָרגאַניזאַ'ציעס, ספּעציע'ל די יו'גנט־אָרגאַניזאַ'ציעס. כּמעט דורך דער גאַ'נצער צײַט װאָס די געטאָ עקסיסטי'רט איז אַרױ'סגעגאַנגען אַן או'נטערערדישע פּרע'סע, עס זײַ'נען אַרױ'ס זשורנאַ'לן און זאַ'מלביכער.

מיט דער הילף פֿון אַ שטאַב לע'רערס, דערצי'ערס און קי'נסטלערס זײַ'נען אָרגאַניזי'רט געװאָ'רן הו'נדערטער קי'נדער־אונטערנע'מונגען און אינטערנאַ'טן, קי'נדערהײמען און קלובן. ס'איז אָרגאַניזי'רט געװאָ'רן אַ צע'נטראַלע ביבליאָטע'ק פֿאַר קי'נדער, אַ טעאַ'טער, קורסן פֿאַר ײִ'דישער שפּראַך און ליטעראַטו'ר...

זײַט װיסן אַז די לע'צטע בײַם לע'בן־געבלי'בענע טו'ערס זײַ'נען ביזן לעצטן מאָמע'נט געװע'ן געטרײַ' די אידעאַ'לן פֿון או'נדזער קולטו'ר.

| **װערטער צום טעקסט** | | **Слова к тексту** |
|---|---|---|
| א | אײ'בערמענטש דער | высший человек (*нем.*), „сверхчеловек” |
| | אױ'סצוג דער (ן) | выдержка (*из текста*); цитата |
| | אַנטמע'נטשן דעם מענטשן | лишить человека человеческого облика |
| | או'נטער דעם מאַנטל | *зд.* под видом; под прикрытием |
| | או'נטערנעמונג די (ען) | мероприятие |
| | אַ'ריער דער (=) | ариец |
| ב | בטחון דער [бито'хн] | надежда; уверенность |
| ה | האַר דער (ן) | господин |
| ו | װי'רדע די | достоинство |
| ח | חיה די (־ות) [ха'йэ] | животное |
| י | יושרדיק [йо'йшэрдик] | справедливый |
| | יתום דער (ים) [йо'сэм-йэсо'ймим] | сирота |
| ל | לײַדן (געלי'טן) | терпеть; страдать |
| מ | מפּלה די (־ות) [мапо'лэ] | поражение |
| ק | קי'נדערקיך די (ן) | детская кухня |
| פֿ | פֿאַרװאַ'נדלען | превращать |
| ש | שטיװל דער (–) | сапог |

**Задание 13.** Ответьте на вопросы, используя формулировки из текста.

1) וואָס איז געווע׳ן די ע׳רשטע זאַך, וואָס די דײַטשן האָבן געטאָ׳ן אין די אָקופּירטע לינדער?
2) ווי אַזוי קאָן מען באַווײַזן אַז די דײַטשן האָבן געלי׳טן אַ מפּלה?
3) צו וועמען האָט עמנואל רי׳נגעלבלום געשריי׳בן זײַן בריוו?
4) וואָס איז געווען דער לאָ׳זונג פֿו׳נעם ייִ׳דישן געזע׳לשאַפֿטלעכן אַקטי׳וו?
5) וואָס איז געשאַ׳פֿן געוואָ׳רן או׳נטער דעם מאַנטל פֿון קי׳נדערקיכן?
6) וועלכע פּאַרטייען האָבן געפֿירט אַן או׳נטערערדישע קולטו׳ר־אַ׳רבעט?
7) וואָס פֿאַר אַ קולטור־אַרבעט האָט געפֿירט די „ייִקאָר“?
8) מיט וואָס האָט זיך פֿאַרנומען די חבֿרה „עונג־שבת“?
9) וואָס פֿאַר אַ קולטור־אונטערנעמונגען פֿאַר קינדער האָט די ייִדישע אינטע־ליגענץ אָרגאַניזירט אין געטאָ?
10) צי איז די פֿאַשיסטן געלונגען צו פֿאַרוואַנדלען די ייִדן אין די געטאָס אין פּרימיטיווע חיות און שקלאַפֿן?

**Задание 14.** Прочитайте, переведите и выучите наизусть стихотворение Гирша Глика „Гимн еврейских партизан”.

פּאַרטיזאַנער־הימען

זאָג ניט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
ווען הימלען בלײַענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: „מיר זײַנען דאָ!“

פֿון גרינעם פּאַלמענלאַנד ביז לאַנד פֿון ווײַסן שניי
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּײַן, מיט אונדזער וויי,
און ווו געפֿאַלן איז אַ שפּריץ פֿון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבֿורה, אונדזער מוט.

עס וועט די מאָרגנזון באַגילדן אונדז דעם הײַנט,
און דער נעכטן וועט פֿאַרשווינדן מיטן פֿײַנד.
נאָר אויב פֿאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פֿון דור צו דור!
געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און ניט מיט בלײַ.
ס'איז ניט קיין לידל פֿון אַ פֿויגל אויף דער פֿרײַ –
דאָס האָט אַ פֿאָלק צעווישן פֿאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ זאָג ניט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
ווען הימלען בלײַענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: „מיר זײַנען דאָ!“

## ווערטער צום טעקסט / Слова к тексту

| | | |
|---|---|---|
| א | אוי'סגעבענקט | долгожданный |
| ב | באַגי'לדן | (о)золотить |
| | בלאָ = בלאָוו = בלוי | синий; голубой |
| | בלײַ דאָס | свинец |
| | בלײַ'ען | свинцовый |
| ה | הײַנט דער | сегодняшний день |
| | הי'מען דער (ען) | гимн |
| ו | וואַנט די (ווענט) | стена |
| | ווײ דער (ען) | боль |
| ט | טראָט דער (טריט) | шаг |
| | עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: „מיר זײַ'נען דאָ!“ | Барабанной поступью наш шаг возвестит: „Мы есть! Мы здесь!” |
| מ | מאָ'רגנזון די | утреннее солнце |
| | מוט דער | храбрость, смелость; бодрость духа |
| נ | נאַגאַ'ן דער | наган |
| | נעכטן דער | вчерашний день |
| פּ | פּאַ'למענלאַנד דאָס | страна пальм |
| | פּויקן | барабанить |
| | אַ פּויק טאָן | бить в барабан |
| | פּײַן די | му'ка, мучение |
| פֿ | פֿאַרזאַ'מען | опаздывать |
| | פֿאַרשווי'נדן (פֿאַרשווו'נדן) | исчезать |
| | פֿאַרשטע'לן | скрывать; закрывать собой (*что-либо*) |
| | פֿויגל דער (פֿייגל/פֿוי'גלען) | птица |
| | פֿײַנד דער (=) | враг |
| | פֿרײַ: אויף דער פֿרײַ | свободный; на воле |
| ק | קאַיאָ'ר דער (ן) | рассвет |
| ש | שפּראָצן | всходить; пускать ростки, расти |
| | שפּריץ דער (ן) | струя, брызги |

## Урок XXIV — לימוד פֿיר און צוואַנציק

**Грамматика:** Значения, выражаемые порядком слов с личной формой глагола на первом месте в предложении.
**Тексты:** דער פֿו'פֿציקסטער געבוי'רן־טאָג פֿון מדינת־ישׂראל

# ГРАММАТИЧЕСКИЕ И СТИЛИСТИЧЕСКИЕ ОСОБЕННОСТИ ПОРЯДКА СЛОВ С ЛИЧНОЙ ФОРМОЙ ГЛАГОЛА НА ПЕРВОМ МЕСТЕ

Основное правило порядка слов гласит: в повествовательном предложении личная форма глагола стоит на втором месте. Однако в устной и письменной речи зачастую встречаются повествовательные предложения, в которых личная форма глагола вопреки основному правилу стоит не на *втором*, а в самом начале предложения, т. е. на *первом* месте. С подобными предложениями вы уже встречались в предыдущих уроках. Таковы, например:

| | |
|---|---|
| 1) Затем вновь наступает январь, *вывешивают* новый календарь.<br>(*Урок IV, „Время"*) | (1 נאָך דעם ווי'דער קומט יאַנוואַ'ר, הענגט מען אויף [уф] אַ ניי־'עם קאַלענדאַ'ר.<br>(לימוד IV, „די צײַט“) |
| 2) (И если) *захочет* он сказать что-то по-французски, (то) Шолем перебьёт его... (и) пойдут они открыто вдвоём гулять по переяславским тротуарам, (и) будут они оба говорить по-французски...<br>(*Урок XIII, „Первая любовь"*) | (2 וועט ער וועלן זאָגן ע'פּעס אויף פֿראַנצײ'זיש, וועט אים שלום [шо'лэм] אי'בערהאַקן... וועלן זיי גיין אין צוויי'ען אָפֿן שפּאַצי'רן אי'בער די פּערעיאַסלאַ'ווער פּעשעכאָ'דן (טראָטואַ'רן) און וועלן ריידן ביי'דע אויף פֿראַנצײ'זיש...<br>(לימוד XIII, „די ע'רשטע ליבע“) |

Такой порядок слов с личной формой глагола в начале предложения используется в грамматических и стилистических целях, чаще всего в следующих:

1) в бессоюзных предложениях с придаточным условия или времени. Сравните, например:

*Придёшь* к речушке, — װעסטו קומען צו אַ װאַ'סערל,
*Не пытайся утопиться.* — זאָ'לסטו זיך ניט טרע'נקען
*Придёшь* к другой девушке, — װעסטו קומען צו אַן אַ'נדער מיי'דעלע,
*Помни* обо мне. — זאָ'לסטו מיך געדע'נקען.

(*Народная песня*) (פֿאָלקס-ליד)

При таком порядке слов всё сложноподчинённое предложение „сжимается" и его содержание передаётся двумя короткими, параллельными, ритмически схожими предложениями, что так характерно для фольклора. Сравните, например:

...сущая правда: — ...דאָס איז װאָר:
Мессия прибудет в этом году. — משיח [мэши'эх] װעט קו'מען הײַ'נטיקס יאָר.
(Если, когда) он **_приедет_**, — װעט ער קו'מען צו פֿאָרן,
(То) ***будут*** хорошие годы, — װעלן זײַן גו'טע יאָרן,
(Если) ***прибудет верхом***, — װעט ער קו'מען צו רײַטן,
(То) ***будут*** времена хороши, — װעלן זײַן גו'טע צײַטן,
(Если) ***придёт*** пешком, — װעט ער קו'מען צו גיין,
(То) евреи ***осядут*** в Израиле. — װעלן ייִדן אין ישׂראל [йисро'эл] אײַ'נשטיין.

(*Народная песня*) (פֿאָ'לקסליד)

**Задание 1.** ***а***) Переведите следующие сложноподчинённые предложения на русский язык.

1) אויב ער װעט פֿרעגן, זאָלסטו אים דערציילן. 2) װען איך װאָלט געהאַט סחורה [схо'йрэ], װאָלט איך געװען אַ סוחר [со'йхэр]. 3) װען ער װאָלט געהאַט אַ חלף [ха'лэф], װאָלט ער געקאָנט זײַן אַ שוחט [шо'йхэт]. 4) אויב מע קען ניט בײַסן, זאָלן מען די ציין ניט װײַזן. 5) אויב מע זוכט, געפֿינט מען. 6) אויב איך װעל באַקומען דאָס בוך, װעל איך דיר אים ברענגען. 7) אויב מע װיל קענען ייִדיש, דאַרף מען סיסטעמאַטיש לייענען ייִדישע ביכער. 8) אויב איך װאָלט געהאַט געלט, װאָלט איך אויף פּסח [пэ'йсэх] געפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל [э'рэц-йисро'эл]. 9) אויב איך װאָלט געװאָלט באַזוכן ארץ־ישׂראל, װאָלט איך געפֿלויגן מיט אַן „אל־על" [эла'ль] אַעראָפּלאַן. 10) אויב מע װיל פֿליִען מיטן „אל־על", דאַרף מען בײַ צײַטנס באַשטעלן אַ בילעט.

***б***) Превратите предложения предыдущего задания в бессоюзные.
*Образец:*

***Дано:*** אויב מע װיל קע'נען יי'דיש, דאַרף מען ליי'ענען יי'דישע בי'כער.

***Выполнение:*** в каждой части ставим личную форму глагола на первое место, т. е. װיל מען קע'נען יי'דיש, דאַרף מען ליי'ענען יי'דישע בי'כער.

11 — 1713

2) для подчеркивания неожиданного характера событий, о которых идёт речь в данном предложении. В русском языке этот смысловой оттенок можно передать с помощью слов „а тут...”, „и вдруг...”, „и вот” и т. п.

| | |
|---|---|
| 1) (И вот) вхожу я в один из домов, (а там) темно, как в могиле. | 1) גיי איך אַרײַן אין אַ שטוב, איז פֿי'נצטער ווי אין אַ גרוב. |
| 2) (И вот) выхожу я в местечке и оглядываюсь вокруг, (а тут) слетает прекрасная птица и ласкает моё сердце. | 2) גיי איך מיר אַרויס אין אַ שטע'טעלע און טו מיך אַו'מקוקן, פֿליט אַראָ'פּ אַ שיי'נער פֿויגל און טוט מײַן האַרץ דערקווי'קן. |
| (*Народные песни*) | (פֿאָ'לקסלידער) |

3) для обозначения нарастающей по силе цепи взаимосвязанных событий, повторяемый в нескольких следующих друг за другом предложениях

| | |
|---|---|
| Мой брат Эле не любит, когда над ним смеются, (вот) он и ***сердится*** на мою невестку Броху и спрашивает её, почему она смеётся. А она ***смеётся*** ещё громче. *Сердится* он ещё больше, а она *смеётся* пуще прежнего. | מײַן ברו'דער ע'ליע האָט פֿײַנט, אַז מע לאַכט פֿון אים, בײי'זערט ער זיך אויף מײַן שווע'גערין ברכה און פֿרעגט זי, וואָס זי לאַכט. לאַכט זי נאָך שטאַ'רקער. ווערט ער נאָך מער אין כּעס [каас], לאַכט זי נאַך מער. |
| (*Шолом-Алейхем*) | (שלום-עליכם) |

4) Личная форма глагола может занять первое место в предложении, которое по смыслу или стилистически связано с предыдущим высказыванием причинно-следственной связью, т. е. когда данное предложение сообщает о событиях, являющихся следствием или результатом сказанного в предшествующем предложении. В русском языке этот оттенок можно выразить словами „итак”, „следовательно”, „поэтому” и т. п.:

| | |
|---|---|
| Между тем прошло два дня, (и вдруг) ***читаю*** я в газетах, что обокрали какой-то банк. (Поэтому, следовательно) ***мчусь*** я к президенту моего банка и говорю ему: „Беда... воруют!” | דערווײַ'ל גיי'ען אַוועק צוויי טעג, ליי'ען איך אין די צײַ'טונגען, אַז מע האָט באַגנבֿעט [бага'нвэт] אַ באַנק. לויף איך אַוועק צום פּרעזידע'נט פֿון מײַן באַנק און זאָג אים: „ס'איז בי'טער... מע גנבֿעט!“ |
| (*Мойше Надир*) | (משה [мо'йшэ] נאַ'דיר) |

Порядок слов с личной формой глагола на первом месте - один из стилистических приёмов, используемых для подчёркивания напряжённого характера, быстротечности, смены, неожиданности или причинно-следственной связи событий.

**Задание 2.** Прочитайте и переведите поэтический очерк И.-Л. Переца „Пиндар”. Обратите внимание на предложения, начинающиеся с личной формы глагола.

י.-ל. פּרץ

## פּינדאַ'ר[1]

ספּאַ'רטאַ איז באַלאַ'גערט. אַ גרויִ'סע מחנה [ма'хнэ] אַרום די טויִ'ערן. און פֿון טאָג צו טאָג ווערט די לאַ'גע ע'רנסטער, קריִ'טישער, געפֿע'רלעכער.

שיקט ספּאַ'רטאַ קיין אַטע'ן[2] בעטן הילף.

שיקט אַטע'ן קיין ספּאַ'רטאַ צו הילף נישט מער ווי איין מענטשן און דערצו' אַ לאָ'מען הויִ'קער.

– ווי הייסט?[3]

דאָס האָט ספּאַ'רטאַ אויך געפֿרע'גט, געגאַ'פֿט און געקריִ'צט מיט די ציין. האָט זיך אָ'בער אַרויִ'סגעוויזן, אַז דער לאָ'מער הויִ'קער איז פּינדאַ'ר...

דער פּאָעט, דער זינגער!

האָט זיך פּינדאַ'ר אין ספּאַ'רטאַ אין מיטן מאַרק געשטע'לט, און אַ קריִ'גסליד געזו'נגען!

קלינגט אָפּ דאָס ליד אין אַ'לע הע'רצער. ווערן די הע'רצער די געפֿאַ'לענע[4] אויִ'פֿגעשוואָלן[5] [уф...] פֿון הע'לדנמוט... זע'נען מיט אַ מאָל קינד־און־קייט[6] העלדן געוואָ'רן. האָבן די אָ'פּהענטיקע געווער געכאַפּט; זע'נען די מי'דע אויף די טויִ'ערן ארויף [ару'ф] און די בויִ'גנס געצויִ'גן – און אָ'פּגעשטויסן איז געוואָ'רן דער פֿײַנד...

### *Пояснения к тексту*

1) פּינדאַ'ר Пиндар, древнегреческий поэт.

2) אַטע'ן Афины.

3) ווי הייסט? – *зд.* как же так?

4) די הערצער די געפֿאַ'לענע – *зд.* сердца павших духом (*букв.* падшие сердца).

5) ווערן אויִ'פֿגעשוואָלן – *зд.* преисполняются.

6) קינד־און־קייט – стар и млад; *часто в сочетании* מיט קינד־און־קייט „все поголовно, с чадами и домочадцами”

## ЧТЕНИЕ

**Задание 3.** Прочитайте и переведите.

### דער פֿו'פֿציקסטער געבוי'רן־טאָג פֿון מדינת־ישׂראל

הו'נדערט דורות [до'йрэс] האָבן ייִדן געטרוי'מט אַז סוף־כּל־סוף [соф-кол-соф] וועט זיך ע'נדיקן דער גלות [го'лэс] און דאָס ייִ'דישע פֿאָלק וועט נע'מען זײַן גורל [гойрл] אין די איי'גענע הענט.

ע'נדלעך, אין או'נדזער יאָ'רהונדערט איז דאָס געשע'ן – 1948 איז געבוי'רן געוואָ'רן או'נדזער ייִ'דישע מלוכה – מדינת־ישׂראל. און דעם 24טן מײַ 1998 האָט מען אויף דער גאַ'נצער וועלט געפֿײַ'ערט איר פֿו'פֿציקסטן געבוי'רן־טאָג.

די ייִ'דישע ליטעראַטו'ר, דער עיקר [и'кэр], די פּאָע'זיע האָט אין פֿיל הו'נדערטער לי'דער באַזו'נגען די בע'נקשאַפֿט נאָך ישׂראל און די פֿרייד מיט דער רעאַליזי'רונג פֿו'נעם פֿי'ל־טויזנטיאָ'ריקן חלום [хо'лэм]. געשע'ן איז דאָס דרײַ יאָר נאָך דעם סוף פֿון דער צווייי'טער וועלט־מלחמה און או'נדזער גרויסן ייִ'דישן חורבן [хурбм]. די טוי'ערן פֿון אַ'לע מדינות אין דער וועלט זײַ'נען פֿאַר די על־פּי נס [ал-пи нэ'с] ניצול־געוואָ'רענע [ницл-] ייִדן געווע'ן הערמע'טיש געשלאָ'סן. די ייִדן אין די לאַ'גערן אין דײַ'טשלאַנד האָבן נישט געהאַ'ט קיין אָרט וווּהי'ן צו קו'מען און צורי'ק אוי'פֿבויען זיי'ערע חרובֿ־געוואָ'רענע היי'מען. או'מלעגאַ'לע שיפֿן מיט ניצול־געוואָ'רענע ייִדן האָבן געבלאָ'נדזשעט אויף די ימען [йа'мэн] און מיט דער הילף פֿון דער הגנה [hагана'] און פֿון אַ'נדערע שו'ץ־אָרגאַניזאַ'ציעס דערגריי'כט די ברעגן פֿון ארץ־ישׂראל, וווּהי'ן די ע'נגלישע מאַנדאַ'ט־מאַכט האָט זיי נישט געלאָ'זן אַרײַ'נקומען. נאָך לאַ'נגע דיפּלאָמאַ'טישע קאַמפֿן אין דער „אָרגאַניזאַ'ציע פֿון די פֿאַראיי'ניקטע פֿע'לקער" איז דעם 29סטן נאָווע'מבער 1947 אָ'נגענומען געוואָ'רן דער היסטאָ'רישער באַשלוס, אַז ארץ־ישׂראל זאָל צעטיילט ווערן און עס זאָלן געשאַ'פֿן ווערן צוויי מלוכות – אַ ייִ'דישע און אַן אַראַ'בישע.

די ייִדן האָבן זיך או'נטערגעוואָרפֿן דעם באַשלו'ס, הגם [hага'м] זיי האָבן געוואָ'לט, אַז אַ'לע שטחים [што'хим] זאָלן געהע'רן צו דער ייִ'דישער מדינה. די אַראַ'בישע מלוכות האָבן געע'נטפֿערט אויף דעם באַשלו'ס מיט אַרײַ'נשיקן באַוואָ'פֿנטע באַ'נדעס קיין פּאַלעסטי'נע אוי'סצוהרגענען די ייִדן. עס זײַ'נען אָ'נגעגאַנגען פֿאַרבי'טערטע קאַמפֿן, ביז ע'נגלאַנד האָט דעם 15טן מײַ 1948 אוי'פֿגעגעבן דעם מאַנדאַ'ט אי'בער פּאַלעסטי'נע און האָט פֿאַרלאָ'זט דאָס לאַנד. די ייִדן האָבן גלײַך נאָך דעם פּראָקלאַמי'רט די אַנטשטיי'ונג פֿון מדינת־ישׂראל און געשאַ'פֿן אַ צײַ'טווײַליקע רעגי'רונג מיט חיים ווײַ'צמאַן ווי דער פּרעזידע'נט און דוד בן־גוריון – דער פּרעמיע'ר־מיני'סטער. אין דער דעקלאַראַ'ציע פֿון ישׂראלס או'מאָפּהענגיקייט איז פֿײַ'ערלעך פּראָקלאַמי'רט געוואָ'רן:

„מדינת־ישׂראל וועט זײַן אָפֿן פֿאַר אַ'לע ייִ'דישע אימיגראַ'נטן און וועט צונוי'פֿנעמען ייִדן פֿון או'מעטום. זי וועט אַנטווי'קלען דאָס לאַנד לטובֿת [лэто'йвэс] אַ'לע אי'רע אײַ'נוווינערס. זי וועט זײַן געבוי'ט אויף יסודות [йесо'йдэс] פֿון פֿרײַ'הייט, פֿון גערע'כטיקייט און שלום, לויט די זע'ונגען פֿון די נבֿיאים [нэви'им] פֿון ישׂראל. זי וועט אוי'פֿהאַלטן פֿו'לע און גלײַ'כע

געזע'לשאַפֿטלעכע און מלוכישע רעכט פֿאַר אַ'לע אי'רע איַי'נוווינערס, אָן או'נטערשייד פֿון גלויבן, פֿון שפּראַך, פֿון דערצי'ונג און קולטו'ר. זי וועט אָ'פּהיטן אַ'לע ע'רטער וואָס זיַי'נען היי'ליק פֿאַר אַ'לע גלויבנס. זי וועט זיַין געטריַי' די פּרינצי'פּן פֿון די פֿאַראיי'ניקטע פֿע'לקער". (די דעקלאַראַ'ציע איז אָ'נגענומען געוואָ'רן ה' אייר תּש"ח [hэй и'эр таша'х], וואָס איז דעמאָלט אוי'סגעפֿאַלן דעם 14טן מײַ 1948.)

די פֿאַראיי'ניקטע שטאַטן און סאָוועט־רו'סלאַנד האָבן גליַיך אָנערקע'נט מדינת־ישׂראל. דאָס האָבן אויך געטאָ'ן אַ'נדערע מלוכות. אָ'בער עגי'פּטן, עבֿר־הירדן [э'йвэр-hайардн], סי'ריע, לבֿנון [лэво'нэн] און איראַ'ק האָבן אַריַי'נגעשיקט באַוואָ'פֿנטע חיילות [хайо'лэс] קיין ארץ־ישׂראל און אָ'נגעהויבן אַ מלחמה קעגן די ייִדן אין לאַנד. די קאַמפֿן פֿון דער קליי'נער צאָל ייִדן קעגן די באַוואָ'פֿנטע אַראַ'בישע מלוכות האָבן געדוי'ערט דעם גאַנצן זו'מער פֿון יאָר 1948, בעת ווע'לכע די ייִדן האָבן אַרוי'סגעוויזן אומגעווײ'נלעכע גבֿורה און הע'לדישקייט און באַזי'גט די גרוי'סע אַראַ'בישע אַרמיי'ען.

הו'נדערטער טוי'זנטער ייִדן פֿון אַ'לע עקן וועלט זע'נען באַלד, אי'נעם ערשטן יאָר, געקו'מען זיך באַזע'צן אין דער נײַ'ער ייִ'דישער מדינה. די אַראַ'בער האָבן נישט געוואָ'לט שלום־מאַכן מיט דער ווי'רקלעכקייט פֿון האָבן אַ ייִ'דישע מדינה אַרום זיך און געפֿי'רט כּסדרדיקע [кэсэ'йдэрдикэ] מלחמות קעגן דעם ייִ'דישן לאַנד. אין אַ'לע מלחמות, מיט צע'נדליקער טוי'זנטער ייִ'דישע קרבנות [корбо'нэс], האָט מדינת־ישׂראל געזי'גט און איז איצט די פֿאָ'רגעשריטנסטע און שטאַ'רקסטע מדינה אין דעם מי'טעלן־מיזרח.

די ייִ'דישע גבֿורה און הע'לדישקײַט און דער ווילן אוי'פֿצובויען די ייִ'דישע מדינה קומט צום אוי'סדרוק אין אַ סך הו'נדערטער לי'דער, וואָס ייִ'דישע די'כטער האָבן געשאַ'פֿן נישט נאָר אין מדינת־ישׂראל, נאָר אויך אין אַ'לע אַ'נדערע לע'נדער ווו ייִדן לעבן.

(לויטן „פֿאָרווערטס" פֿון 15טן מײַ 1998)

## ווערטער צום טעקסט

## Слова к тексту

| | | |
|---|---|---|
| א | אוי'פֿגעבן (אוי'פֿגעגעבן) | *зд.* отказаться *(от чего-либо)* |
| | או'מאָפּהענגיקייט די | независимость |
| | או'נטערוואַרפֿן זיך (זיך או'נטער־געוואָרפֿן) | подчиняться |
| | אָ'נגיין (איז אָ'נגעגאַנגען) | продолжаться, совершаться |
| | אַנטשטיי'ן (איז אַנטשטאַ'נען) | возникать |
| | אָנערקע'נען | признавать |
| ב | באַזי'נגען (באַזו'נגען) | воспевать |
| | באַשלו'ס דער (ן) | решение, постановление |
| | בלאָ'נדזשען | блуждать |
| ג | גלויבן דער (ס) | вера; религия |
| | געזע'לשאַפֿט די (ן) | общество |

| | | |
|---|---|---|
| преданный | געטרײַ' | |
| хотя | הגם [hага'м] | ה |
| Организация еврейской самообороны в Палестине | הגנה די [hагана'] | |
| священный; святой | הײ'ליק | |
| *зд.* факт | װי'רקלעכקײט די | ו |
| виде'ние; пророчество | זע'ונג די (ען) | ז |
| армия | חייל דאָס (ות) [ха'йел-хайо'лэс]<br>חיילות מ״צ פֿון חייל | ח |
| разрушаться | חרובֿ [хо'рэв] װערן (איז חרוב געװאָ'רן) | |
| основа; фундамент | יסוד דער (ות) [йесо'д-йесо'йдэс]<br>יסודות מ״צ פֿון יסוד | י |
| постоянно | כּסדרדיק [кэсэ'йдэрдик] | כּ |
| на благо | לטובֿת [лэто'йвэс] | ל |
| спасаться | ניצול [ницл] װערן (איז ניצול געװאָ'רן) | נ |
| чудом | על־פּי נס [ал-пи нэс] | ע |
| провозглашать | פּראָקלאַמי'רן (פּראָקלאַמי'רט) | פּ |
| ожесточённые бои | פֿאַרבי'טערטע קאַמפֿן | פֿ |
| передовой | פֿאָ'רגעשריטן | |
| выражаться (*в*); находить (*в чём-либо)* своё выражение | קו'מען צום אױ'סדרוק (איז געקו'מען צום אױ'סדרוק) | ק |

**Задание 4.** Прочитайте и переведите следующие стихотворения, посвящённые борьбе за независимость Израиля и радости возвращения на родину.

**יוסף פּאַפּע'רניקאָװ (תל־אָבֿיבֿ)**

**מיר**

– מיר װעלן פֿון אָרט זיך ניט רירן,  
מיר װעלן פֿון דאַ'נען ניט גײן,  
איר זאָלט אונדז אַפֿילו ניט לאָזן  
אַ שטײן אױף אַ שטײן! –  
אַזױ האָבן יו'נגע, אַזױ האָבן אַ'לטע באַשלאָ'סן,  
װען ס'האָט זײ דער שכן, דער שׂונא,  
די הײַ'זער באַשאָ'סן;  
װען ס'האָט זײ דער שכן  
די פּלױטן און טירן געבראָ'כן,

דעם גאָ'רטן, דאָס פֿעלד און דעם שײַ'ער
געלאָ'זט מיטן פֿײַ'ער.

– מיר וועלן פֿון אָרט זיך ניט רירן,
מיר וועלן פֿון דאַ'נען ניט גיין! –
און ס'האָבן זיך לעבנס געקלאַ'מערט
צום אָרט מיט די נעגל און ציין:
– מיר האָבן דאָ מידבר און סטעפּ בלויז באַטראָ'טן,
אין ווי'סטקייט געקו'מען געפּי'נען אַ היים,
מיט שווייס און מיט בלוט זיך אין אוי'פֿבוי פֿאַרקנאָ'טן,
געווע'ן דער צעמע'נט דאָ, די ציגל, דאָס ליים,
און געוואָ'רן – יסוד,
און די האַ'רטקייט אַליי'ן,
די האַ'רטקייט פֿון גורל, וואָס האָט אונדז באַשווי'רן:
מיר וועלן פֿון אָרט זיך ניט רירן,
מיר וועלן פֿון דאַ'נען ניט גיין.

## ווערטער צום טעקסט — Слова к тексту

| | | |
|---|---|---|
| ב | באַטרע'טן (באַטראָ'טן) | делать первые шаги |
| | באַשווע'רן (באַשווי'רן) | заклинать |
| | באַשי'סן (באַשאָ'סן) | обстреливать |
| ה | האַ'רטקייט די | твердь |
| ו | ווי'סטקייט די (ן) | пустырь; пустошь |
| י | יסוד דער (ות) [йесо'д-йесо'йдэс] | основа; фундамент |
| ל | ליים דאָס | глина |
| מ | מ(י)דבר דער (יות) [ми'дбэр-мидбо'рйес] | пустыня |
| פּ | פּלויט דער (ן) | ограда; забор |
| פֿ | פֿאַרקנע'טן (פֿאַרקנאָ'טן) | замешивать |
| צ | ציגל דער (=) | кирпич |
| ק | קלאַ'מערן זיך | цепляться за что-либо |
| ש | שײַ'ער דער (ן) | гумно; амбар |
| | שכן דער (ים) [шохн-шхэ'йним] | сосед |

**אי׳ציק מאַ׳נגער**

## כ׳האָב זיך יאָרן געוואַ׳לגערט

כ׳האָב זיך יאָרן געוואַ׳לגערט אין דער פֿרעמד,
איצט פֿאָר איך זיך וואַ׳לגערן אין דער היים.
מיט איין פּאָר שיך, איין העמד אויפֿן לײַב,
אין דער האַנט דעם שטעקן. ווי קען איך זײַן אָן דעם?

כ׳וועל נישט קושן דײַן שטויב ווי יע׳נער גרוי׳סער פּאָע׳ט*,
כאָטש מײַן האַרץ איז אויך פֿול מיט געזאַ׳נג און געוויי׳ן.
וואָס הייסט קושן דײַן שטויב? איך בין דײַן שטויב.
און ווער קושט עס, איך בעט אײַך, זיך אַליין?

כ׳וועל שטיין פֿאַרגאַ׳פֿט פֿאַר דעם כנרת בלאָ,
אין מײַ׳נע בגדי־דלות אָ׳נגעטאָן,
אַ פֿאַרוואָ׳גלטער פּרינץ, וואָס האָט געפֿו׳נען זײַן בלאָ,
און בלאָ איז זײַן חלום פֿון תּמיד אָן.

כ׳וועל נישט קושן דײַן בלאָ, נאָר סתּם אַזוי
ווי אַ שטי׳לע שמונה־עשׂרה וועל איך שטיין –
וואָס הייסט קושן דײַן בלאָ? איך בין דײַן בלאָ.
און ווער קושט עס, איך בעט אײַך, זיך אַליי׳ן?

כ׳וועל שטיין פֿאַרטראַ׳כט פֿאַר דײַן מדבר גרויס
און הערן די דורות־אַלטע קע׳מלטריט,
וואָס וויגן אויף זייי׳ערע הוי׳קערס אי׳בערן זאַמד
תּורה און סחורה, און דאָס אַ׳לטע וואַנדער׳ליד,
וואָס צי׳טערט אי׳בער די זאַ׳מדן הייס צעגליט,
שטאַרבט אָפּ, דערמאָ׳נט זיך און וויל קיין מאָל ניט פֿאַרגיי׳ן.
כ׳וועל ניט קושן דײַן זאַמד, ניין און צען מאָל ניין!
וואָס הייסט קושן דײַן זאַמד? איך בין דײַן זאַמד,
און ווער קושט עס, איך בעט אײַך, זיך אַליין?

* רבי יהודה הלוי [йеhу'дэ hалэ'йви], דער באַוווּ׳סטער העברע׳ישער פּאָע׳ט פֿון מי׳טל-עלטער, וואָס האָט נאָך אין יאָר 1142 או׳נטערגענומען אַ רײַ׳זע קיין ארץ־ישׂראל. די לעגע׳נדע דערציי׳לט, אַז ווען ער איז אָ׳נגעקומען קיין ירושלים און האָט דערזע׳ן די חורבֿות, איז ער געפֿאַ׳לן אויף די קני, גענו׳מען קושן דעם זאַמד און די שטיי׳נער און האָט דעמאָלט אוי׳סגעזונגען זײַן באַרי׳מט ליד „ציון הלא תשאלי?“ (ציון [ци'эн], ווע‌סטו דאָך פֿרעגן?). ווען ער האָט דאָס דאָ׳זיקע ליד פֿאַרע׳נדיקט, האָט אים אַ בעדוי׳נישער רײַ׳טער דערשטאָ׳כן מיט זײַן שווערד. דעם די׳כטערס נשמה [нэшо'мэ] איז אוי׳סגעגאַנגען מיט „ציון“ אויף די ליפּן.

### *Пояснения к тексту*

?און ווער קושט עס, איך בעט אײַך, זיך אַליין A кто, скажите на милость, целует себя самого?

| Слова к тексту | ווערטער צום טעקסט | |
|---|---|---|
| отмирать | אָ׳פּשטאַרבן (אָ׳פּגעשטאָרבן) | א |
| нищенские лохмотья | בגדי־דלות מ״צ [би'гдэ да'лэс] | ב |
| голубизна | בלאָ דאָס | |
| голубой | בלאָ | |
| горб | הוי׳קער דער (ס) | ה |
| 1. скитаться; 2. валяться | וואַ׳לגערן זיך | ו |
| качать(ся) | וויגן (זיך) | |
| тело | לײַב דאָס (ער) | ל |
| изумлённый; поражённый | פֿאַרגאַ׳פֿט | פֿ |
| 1. заходить (*о солнце*); 2. умирать | פֿאַרגיי׳ן (איז פֿאַרגאַנגען) | |
| бесприютный, бездомный | פֿאַרוואָ׳גלט | |
| задумавшись | פֿאַרטראַ׳כט | |
| раскалённый | צעגלי׳ט | צ |
| дрожать | צי׳טערן | |
| поступь (*букв.* шаг) верблюда | קע׳מלטראָט דער (קע׳מלטריט) | ק |
| пыль | שטויב דער/דאָס | ש |
| палка; трость | שטעקן דער (ס) | |
| название молитвы | שמונה־עשׂרה די [шимэнэ'срэ] | |

**שמע׳רקע קאַטשערגי׳נסקי**

### חלוצים [халу'цим] ליד

Песня посвящена молодёжному движению „Халуцим” (*досл.* Пионеры), участники которого, вопреки чинимым англичанами запретам и препятствиям, прорывались в Палестину сквозь все границы.

פֿון געטאָס, אָשוועׄנטשים, פּאָנאַ׳ר און מײַדאַ׳נעק,  
פֿון פֿראָנטן און ווע׳לדער, פֿון היץ און פֿון קעלט,  
עס האַלט זיך די ביקס נאָך בײַ אונדז אויפֿן אַקסל,  
עס שטו׳רעמט דאָס האַרץ נאָך, עס זידט און עס קוועלט –

רעפֿרע'ן: מיר ווען, מיר וועלן צעברע'כן די צוי'מען!
מיר שטעלן, מיר שטעלן דאָס לעבן אין קאָן!
חלוצים, חלוצים צעשפּאַ'רן די רוי'מען
און הייבן דעם קאַמף ערשט נאָך אָן, ערשט נאָך אָן.

עס האָבן יאָרטוי'זנט די מידברשע זאַמדן
נעסטן געבוי'ט זיך בײַ אונדז אין דער היים...
קו'מען חלוצים און ווי'דער פֿאַרוואַ'נדלען
דעם מידברשן וויסט אין אַ יי'דישער היים.
רעפֿרע'ן: מיר וועלן...

שלום [шало'м], אַלע ייִדן, אין לע'נדער אין ווײַ'טע!
שלום צו אײַך, ייִדן, אין נויט און אין פּײַן!
אונדז רופֿט דער חלוץ [халу'ц] אי'נעם לאַנד דעם באַפֿרײַ'טן,
טאָ לאָ'מיר צו אים עולה זײַן, עולה זײַן!
רעפֿרע'ן: מיר וועלן...

| ווערטער צום טעקסט | Слова к тексту |
|---|---|
| ה  היץ די (ן) | жар; жара |
| ו  וויסט דער (ן) | пустырь; пустошь |
| מ  מידברשע [ми'дбэршэ] זאַמדן מ״צ | пески пустыни |
| נ  נויט די (ן) | нужда |
| נעסט די (ן) | 1. гнездо; 2. очаг |
| ע  עולה [о'йлэ] זײַן (האָט עולה געווע'ן) | репатриироваться в Израиль |
| פּ  פּײַן די | мучение |
| פֿ  פֿאַרוואַ'נדלען | превращать |
| צ  צוים די (ען) | *зд.* преграда |
| קעלט די (ן) | холод |
| ר  רוים דער (ען) | просторы; пространство |
| ש  שטעלן אין קאָן | поставить на карту |

**Задание 5.** Прочитайте и переведите текст.

## אײ'ניקע סטאַטי'סטישע צי'פֿערן
## צום 50יאָריקן יובֿל [йо'йвл] פֿון ישׂראל
(לויטן אַרטיקל פֿון י. לודען)

אָט־די און אַ סך אַ'נדערע צי'פֿערן זע'נען הײַ'נטיקע וואָך פֿאַרע'פֿנטלעכט געוואָ'רן אין ישׂראל לכּבֿוד ראש־השנה דורך דעם מלוכישן סטאַטי'סטישן אַמט:

אײ'נער פֿון יע'דע טויזנט באַווי'נערס פֿון דעם ערד־קײַ'לעך איז הײַ'נט אַ תּושבֿ פֿון מדינת־ישׂראל. זינט דעם אוי'פֿקום פֿון דער מדינה האָט די צאָל פֿון אי'רע אײַ'נוווינערס זיך 7.5־פֿאַ'כיק פֿאַרגרע'סערט און באַטרע'פֿט הײַ'נט, ערבֿ [э'рэв] דעם נײַעם יאָר תשנ"ט [ташна'т], 5.987.000 – כּמעט 6 מיליאָ'ן נפֿשות [нефа'шэс]. פֿון זיי זע'נען 4.753.000 (79.4%) ייִדן, 886.000 (14.8%) מוסולמע'נער, 128.000 (2.1%) קריסטן, 98.000 (1.6%) דרוזן, און 123.000 (2.1%) אָן אַ באַשטי'מטער רעלי'גיע.

44% פֿון דער באַפֿע'לקערונג ווױ'נען אין דער תּל־אָבֿיבֿער מעטראָפּאָ'ליע, ד"ה אין אָ'דער אַרו'ם דער שטאָט. אין דער חיפֿהר [хэ'йфэр] מעטראָפּאָ'ליע לעבן 14% פֿון דער באַפֿע'לקערונג. די צאָל אײַ'נוווינערס אין די זי'דלונגען אויף די באַזע'צטע שטחים האָט סוף יאָר 1997 באַטראָ'פֿן 160.000, בערך [бээ'рэх] אַזוי ווי די צאָל אײַ'נוווינערס אין די קיבוצים.

62.2% פֿון די אײַ'נוווינערס זע'נען געבוי'רן געוואָ'רן אין לאַנד.

די געדי'כטקייט פֿון דער באַפֿע'לקערונג באַטרע'פֿט 265 נפֿשות אויף אײן קוואַדראַ'ט־קילאָמע'טער, און בלויז 10 מדינות, חוץ קלײ'נע אי'נדזעלעך, זע'נען באַפֿע'לקערט געדי'כטער ווי ישׂראל.

### דער ע'טנישער און דעמאָגראַ'פֿישער צוזאַ'מענשטעל פֿון דער באַפֿע'לקערונג

אַרו'ם 40% פֿון דער ייִ'דישער באַפֿע'לקערונג, זע'נען פֿון אײראָפּע'יִשן, אַרײַ'נגערעכנט אויך אַמעריקאַ'נישן, אָ'פּשטאַם. די צאָל אָ'פּשטאַמיקע פֿון די געווע'זענע סאָווע'טישע לע'נדער האָט אין 1997 באַטראָ'פֿן 858.000 נפֿשות. דאָס איז הײַ'נט די גרע'סטע ייִ'דישע גרו'פּע אין ישׂראל. זי האָט זיך מער ווי פֿאַרטאָ'פּלט זינט 1989.

די צאָל אָ'פּשטאַמיקע פֿון מאַראָ'קאָ – די צווייִ'ט־גרעסטע ע'טנישע גרו'פּע – האָט סוף 1997 באַטראָ'פֿן 500.700 נפֿשות. אַ העלפֿט פֿון דער דאָ'זיקער צאָל באַטרע'פֿן הײַ'נט די פּוי'לישע ייִדן, און אַן ע'נלעכע צאָל אויך די ייִדן פֿון רומע'ניע. די צאָל ייִדן פֿון איראַ'ק און פֿון תּימן באַטרע'פֿט בײַ 180.000. די צאָל ייִדן פֿון עטיאָ'פּיע באַטרע'פֿט 64.000.

29% פֿון דער באַפֿע'לקערונג אין לאַנד זע'נען קי'נדער ביז 14 יאָר, און 9.9%, דהײַנו [дэhа'йнэ] מער ווי אַ האַ'לבער מיליאָ'ן, באַטרע'פֿן די ע'לטערע מענטשן פֿון 65 יאָר און מער.

לויט דעם נאָר וואָס דערשי'נענעם סטאַטי'סטישן יאָ'רבוך, וואָס נעמט אַרו'ם די אָ'נגאַבן פֿון די יאָרן 1995־1998, האָט דער דו'רכשניטלעכער לע'בנס־דויער פֿון

פֿרוי'ען אין 1996 באַטראָ'פֿן 79.9 יאָר, און 76.3 – פֿון מע'נער. די צאָל חתונות [ха'сэнэс] בײַ ייִדן, האָט אין יאָר 1997 באַטראָ'פֿן 37.000. דער נאַטי'רלעכער צו'וווּקס אין לאַנד איז פֿון די הע'כסטע אויף דער וועלט און באַטרע'פֿט 2.5% – אין פֿאַרגלײַ'ך מיט 1% אין אײראָ'פּע און צפֿון־אַמעריקע [цофн-], 1.5% אין אַ'זיע, 1.9% אין עגי'פּטן, און בלויז קלע'נער ווי אין סי'ריע (3%) און אין אַ'פֿריקע (2.7%). אין יאָר 1997 זע'נען געבוי'רן געוואָ'רן אין ישׂראל 124.500 קי'נדער, כּן ירבו.

די דו'רכשניטלעכע הכנסה פֿון אַ שטאָ'טישער משפּחה האָט באַטראָ'פֿן אין פֿאַרגאַ'נגענעם יאָר 10.520 שקלים [шко'лим] אַ חודש ברו'טאָ, און 8.065 שקלים נע'טאָ. די צאָל סטודע'נטן אין די אוניווערסיטע'טן און הוי'כשולן אין לאַנד באַטרע'פֿט הײַ'נטיקס יאָר קרובֿ 110.000.

דער ישׂראלי [йисрээ'йли] פֿאַרברויכט יעדן טאָג דו'רכשניטלעך 3.527 קאַלאָ'ריעס. פֿון דעם שטאַ'נדפּונקט האָבן נישט די ישׂראלים אויף וואָס זיך צו באַקלאָ'גן.

די ישׂראלדיקע טורי'סטיק קיין חוץ־לאָרץ [хуц-лаа'рэц] דערגרײ'כט אין פֿאַרגאַ'נגענעם יאָר דעם העכסטן רע'קאָרד: עס זע'נען רעגיסטרי'רט געוואָ'רן 2.76 מיליאָ'ן נסיעות [нэси'эс] פֿון ישׂראלדיקע תּושבֿים קיין אוי'סלאַנד. די צאָל אַרוי'סגעפֿאָרענע פֿון לאַנד אויף די ימים־נוראָים [йо'мим-нэроим] ווערט געשאַ'צט אויף 200.000.

## ווערטער צום טעקסט — Слова к тексту

| | | |
|---|---|---|
| א | אוי'פֿקום דער | возникновение |
| | אַמט דער (ן) | 1. должность; 2. ведомство |
| | אָ'נגאַבן/אָ'נגאַבעס מ"צ | данные |
| | אָ'פּשטאַם דער | происхождение |
| ב | באַוווי'נער דער (ס) | житель |
| | באַטרע'פֿן (באַטראָ'פֿן) | составлять |
| | באַפֿע'לקערן | заселять |
| | באַשטי'מט | определённый |
| ג | געדי'כט | густой |
| | געדי'כטקייט די | густота |
| | געווע'זענער | бывший |
| ד | ד"ה = דאָס הייסט | то есть |
| | דהײַנו [дэһа'йнэ] | а именно |
| | דו'רכשניטלעך | средний |
| | דערגרײ'כן | достигать; добираться |
| ה | הכנסה די (־ות) [һахно'сэ] | доход |
| ז | זי'דלונג די (ען) | поселение |
| י | יאָ'רבוך דאָס (יאָ'רביכער) | ежегодник |
| | ישׂראלי דער (ים) [йисрээ'йли] | израильтянин |

| | | |
|---|---|---|
| Да умножатся они! (*иврит*) | [кэ'н йи'рбу] כּן ירבו | כ |
| продолжительность жизни | לע'בנס־דויער דער | ל |
| поездка | נסיעה די (־ות) | נ |
| -кратный | ־פֿאַ'כיק | פֿ |
| трёхкратנый | דריַ־פֿאַכיק | |
| употреблять | פֿאַרברוי'כן | |
| удваивать | פֿאַרטאָ'פּלען | |
| публиковать | פֿאַרע'פֿנטלעכן | |
| прирост | צו'וווּקס דער | צ |
| второй по величине | צווייט־גרעסטער | |
| состав | צוזאַ'מענשטעל דער | |
| шар | קיַ'לעך דער (ער) | ק |
| территория | [шэ'тэх-што'хим] (ים) שטח דער | ש |
| житель | [то'йшэв-то'йшвим] (ים) תּושבֿ דער | ת |

# П Р И Л О Ж Е Н И Я

# КЛЮЧИ К ЗАДАНИЯМ

## Урок I

### *К заданию 1*

1 – рэйш [р]; 2 – пасэх алэф [а]; 3 – комэц-алеф [о]; 4 – далэд [д]; 5 – самех [с]; 6 – тэс [т]; 7 – айэн [э]; 8 – тэс [т]; 9 – са'мех [с]; 10 – рэйш [р]; 11 – далэд [д]; 12 – пасэх алэф [а]; 13 – комэц-алеф [о]; 14 – айэн [э]; 15 – комэц-алеф [о].

### *К заданию 7*

4 – [д]; 5 – [р]; 6 – [у]; 7 – [з]; 8 – [т]; 9 – [и]; 11 – [р]; 12 – [с]; 14 – [э]; 15 – [д]; 16 – [и]; 17 – [у]; 19 – [а]; 21 – [о]; 22 – [э]; 23 – [и]; 24 – [у]; 25 – [д]; 26 – [р]; 27 – [с]; 28 – [т]; 29 – [з]; 30 – [о].

### *К заданию 9*

***1*** – 17; ***2*** – 18; ***3*** – 7; ***4*** – 8; ***5*** – 1; ***6*** – 19; ***7*** – 9; ***8*** – 6; ***9*** – 2; ***10*** – 5; ***11*** – 3; ***12*** – 11; ***13*** – 4; ***14*** – 10; ***15*** – 12; ***16*** – 13; ***17*** – 20; ***18*** – 14; ***19*** – 16; ***20*** – 15.

## Урок II

### *К заданию 11*

1) ***Мотл.*** Смотри, Клара! Вот наш завод. 2) ***Клара.*** А кто это возле станка? 3) ***М.*** Это слесарь Залкинд, а это сын Залкинда Вэлвл. 4) ***К.*** А кто там слева? 5) ***М.*** Это токарь Левин, а это сын Левина Саша. 6) ***К.*** Что он делает? 7) ***М.*** Он радист. Он радирует. 8) ***К.*** Смотри, Клара! Вот тётя Дора со своими детьми. Вот её сын Мэндл. Он врач А это её сын Виктор. Он учитель в нашей школе. 9) ***М.*** А кто это там возле трактора? 10) ***К.*** Это отец. Он тракторист. 11) А это наш Владимир, он матрос. Он служит во Владивостоке. 12) ***К.*** А это кто? 13) ***М.*** Это Лиза, сестра Доры. Она студентка. Она учится в Московском университете. 14) А это театр. Вот артист Жуков. А это сестра Жукова артистка Щукина.

### *К заданию 13*

***1*** – 6; ***2*** – 2; ***3*** – 20; ***4*** – 19; ***5*** – 15; ***6*** – 14; ***7*** – 11; ***8*** – 22; ***9*** – 1; ***10*** – 16; ***11*** – 7; ***12*** – 12; ***13*** – 13; ***14*** – 8; ***15*** – 4; ***16*** – 3; ***17*** – 17; ***18*** – 9; ***19*** – 5; ***20*** – 18; ***21*** – 10; ***22*** – 21.

## Урок III

### *К заданию 12*

1) קומ־; 2) קאָכ־; 3) זשומע־; 4) קוויטשע־; 5) דרוק־; 6) לערנ־; 7) מוטשע־; 8) אַרבעט־; 9) נעמ־; 10) בלאָנדזשע־; 11) האַלט־; 12) עס־; 13) שושקע־; 14) זשאַלעווע־; 15) שמועס־; 16) מעסט־; 17) טרעשטשע־.

### *К заданию 13*

1) קום! 2) קאָך! 3) דרוק! 4) נעם! 5) לערן! 6) עס!

### *К заданию 14*

1) דרוקט ריִ׳כטיק! 2) נעמט! 3) קומט! 4) שמו׳עסט! 5) לערנט! 6) עסט!

### *К заданию 15*

1) לייִ׳ען, 2) שרײַבסט, 3) נעמט, 4) אַרבעטן, 5) לע׳רנען, 6) לייִ׳ענט, 7) אַ׳קערן, 8) ראַדי׳רט.

### *К заданию 18*

1) דו הוסט, 2) דו ווייסט, 3) דו נעמסט, 4) דו טרייסט, 5) דו היטסט, 6) דו אַ׳רבעטסט, 7) דו טראַכטסט, 8) דו שמו׳עסט.

### *К заданию 19*

1) ער, איר הוסט, 2) ער ווייס(ט), איר ווייסט, 3) ער, איר נעמט, 4) ער, איר טרייסט, 5) ער, איר היט, 6) ער, איר אַ׳רבעט, 7) ער, איר טראַכט, 8) ער, איר שמו׳עסט.

### *К заданию 21*

***Начало осени.*** 1) Начало осени ещё жаркое. 2) Солнце стоит ещё высоко в голубом небе. 3) Сено уже стоит в скирдах. 4) Наш отец

Айзик косит и молотит овёс. 5) Моя мама Годл и моя дочь Рейзл кормят кур и петухов. 6) Я и мой брат Берл строгаем доски. 7) Старая бабушка Бейле и дедушка Зише дома. 8) Внучек Гершеле ещё в школе. 9) У него сегодня шесть уроков. 10) Все остальные работают, 11) все остальные усердно трудятся. 12) Скоро наступит холодная зима.

### *К заданию 25*

***А.*** ***1*** – 8, ***2*** – 3, ***3*** – 9, ***4*** – 11, ***5*** – 13, ***6*** – 5, ***7*** – 4, ***8*** – 2, ***9*** – 10, ***10*** – 6, ***11*** – 12, ***12*** – 7, ***13*** – 1, ***14*** – 14.
***Б.*** ***1*** – 9, ***2*** – 5, ***3*** – 10, ***4*** – 8, ***5*** – 13, ***6*** – 14, 7 – 12, ***8*** – 3, ***9*** – 4, ***10*** – 2, ***11*** – 11, ***12*** – 6, ***13*** – 7, ***14*** – 1.

## Урок IV

### *К заданию 16*

1) 2; 2) 12; 3) 20; 4) 22; 5) 222; 6) 2222; 7) 30; 8) 3213; 9) 1213; 10) 8; 11) 18; 12) 80; 13) 8949; 14) 11053; 15) 1215.

### *К заданию 17*

1) דער ע'רשטער יאַנואַ'ר; 2) דער איין און דרײַ'סיקסטער דעצעמבער; 3) דער נײַנטער מײַ; 4) דער אַכטער מאַרץ; 5) דער פֿערצנטער מאַרץ; 6) דער זעכצנטער מאַרץ; 7) דער ערשטער מײַ; 8) דער צווייטער מײַ; 9) דער...; 10) דער...

### *К заданию 28*

***1*** – 9; ***2*** – 1; ***3*** – 21; ***4*** – 3; ***5*** – 22; ***6*** – 6; 7 – 26; ***8*** – 24; ***9*** – 16; ***10*** – 31; ***11*** – 14; ***12*** – 33; ***13*** – 11; ***14*** – 34; ***15*** – 15; ***16*** – 36; ***17*** – 37; ***18*** – 28; ***19*** – 17; ***20*** – 35; ***21*** – 20; ***22*** – 10; ***23*** – 13; ***24*** – 18; ***25*** – 37; ***26*** – 29; ***27*** – 27; ***28*** – 5; ***29*** – 12; ***30*** – 39; ***31*** – 38; ***32*** – 30; ***33*** – 32; ***34*** – 4; ***35*** – 12; ***36*** – 8; ***37*** – 25; ***38*** – 7; ***39*** – 19; ***40*** – 23.

## Урок V

### *К заданию 10*

1) דאָס איז דער לערער, די פֿרוי, דאָס ייִנגל, חיים.

2) איך זע דעם זיידן, טאַניען, דאָס מיידל, די שוועסטער.
3) איך ענטפֿער אַדען, דעם מענטשן, דער באָבען, דעם מיידל, דעם זון.
4) איך גיי צו עטלען, צו דעם ייִדן, צו דעם ברודער, צו דער מאַמען, צו דעם קינד.
5) דאָס איז סאָניעס בוך, דעם לערערס בוך, דער מוטערס בוך, דעם פֿאָטערס בוך.

### *К заданию 12*

а) ***ед. число***: 1, 2, 4, 7, 8, 9.
б) ***мн. число***: 3, 5, 6, 10.

### *К заданию 14*

а) ***ед. число***: 1, 3, 6, 7, 10, 12, 15.
б) ***мн. число***: 2, 4, 5, 8, 9, 11, 13, 14.

### *К заданию 17*

***Письмо.*** 1) Дорогой друг! 2) Я и моя семья уже пять дней в Израиле. 3) Временно мы живём в квартире для новых репатриантов в посёлке недалеко от Тель-Авива на берегу моря. 4) Здесь очень красивая местность и хороший климат. 5) Сейчас здесь лето. 6) Дни очень жаркие, 7) ночи прохладные. 8) Рассветы росистые. 9) Местность очень красивая. 10) Деревья зеленеют. 11) Цветут красивые цветы. 12) Здесь много новых репатриантов, молодые и старики, дети и родители, мужчины и женщины – евреи со всего света. 13) Здесь много репатриантов из бывшего Советского Союза: Из Новороссийска и Киева, из снежного Норильска и жаркого Ташкента. 14) Мы одна большая еврейская семья: сефарды и ашкеназы, выходцы из Йемена и Марокко. 15) И даже чернокожие евреи из Эфиопии. 16) Днём мы заняты. 17) Многие олим уже работают, 18) многие ещё устраиваются. 19) Все учатся в ульпане иврите. 20) Часто мы идём к морю купаться. 21) Оно почти всегда голубое и спокойное. 22) Все купаются в волнах моря и наслаждаются прекрасным летом. 23) Вечером мы идём гулять, в кино или на концерт. 24) К нам часто приезжают артисты из Тель-Авива. 25) Они довольно часто играют на иврите и нередко на идише. 26) Мои знания идиша помогают мне в уроках по иврите. 27) Ведь оба языка имеют тот же алфавит и много общих слов. 28) Как ты поживаешь *(букв.* что делаешь)? 29) Как дела у твоих родителей (*букв.* что делают...)? 30) Напиши мне о наших знакомых, о себе и о твоей семье. 31) Будь здоров (*букв.* оставайся здоровым). 32) Твой Авром Мижирицкий.

### К заданию 20

*А*. Существительные: ***1*** – 15; ***2*** – 1; ***3*** – 14; ***4*** – 2; ***5*** – 13; ***6*** – 3; *7* – 6; ***8*** – 8; ***9*** – 5; ***10*** – 7; ***11*** – 4; ***12*** – 9; ***13*** – 11; ***14*** – 10; ***15*** – 12; ***16*** – 17; ***17*** – 20; ***18*** – 19; ***19*** – 18; ***20*** – 16.
***Б***. Глаголы: ***1*** – 6; ***2*** – 1; ***3*** – 4; ***4*** – 7; ***5*** – 2; ***6*** – 3; *7* – 5; ***8*** – 8.
***В***. Другие части речи: ***1*** – 9; ***2*** – 8; ***3*** – 7; ***4*** – 1; ***5*** – 6; ***6*** – 2; *7* – 3; ***8*** – 4; ***9*** – 5; ***10*** – 10; ***11*** – 13; ***12*** – 12; ***13*** – 14; ***14*** – 15; ***15*** – 16; ***16*** – 11; ***17*** – 19; ***18*** – 17; ***19*** – 18; ***20*** – 20.

## Урок VI

***Внимание!*** Вы уже усвоили ряд слов и грамматических явлений, позволяющих вам самостоятельно (при помощи словаря) правильно переводить предложения, состоящие из знакомых слов. Поэтому здесь и в дальнейшем ключ в некоторых случаях даётся не ко всему тексту, а лишь к тем предложениям или частям предложений, которые могут вызвать у вас затруднения. Самостоятельная работа, в частности перевод фрагментов текста, отсутствующих в ключе, внимательное и частое (повторное) обращение к пройденному материалу помогут более прочному его усвоению и тем самым будут способствовать пониманию еврейских текстов.

### К заданию 5б

1) Он не слесарь ... 2) Зимой цветы не цветут. 3) ... не зеленеют. 4) ... нерабочий день. 5) ... не день отдыха. 6) Он не имеет ни брата, ни сестры, он единственный сын. 7) Она не имеет сестёр, она единственная дочь. 8) У него нет родителей, он сирота. 9) У неё нет мужа, он умер, она вдова. 10) У него нет жены, она умерла, он вдовец.

### К заданию 8

די ע׳רדאַרבעטערס זייַ׳נען פֿאַרנו׳מען אין די פֿע׳לדער, אין די סע׳דער און גע׳רטנער. זיי באַאַ׳רבעטן אַלץ וואָס זיי האָבן פֿאַרפֿלאַ׳נצט און פֿאַרזיי׳ט; זיי גראַ׳בליעווען און יעטן, קאָ׳סען און שנייַדן. עס הייבט זיך אָן דער היי׳שניט און תּבֿואה־שניט [твү'э-] . אין די גע׳רטנער און סע׳דער רייַפֿן די פּרות[пэ'йрэс] און גרינסן. עס באַווייַ׳זן זיך די ע׳רשטע באַרן, עפּל, ווייַנשל, פֿלוי׳מען, קאַרשן און אַ׳נדערע פֿרוכטן.

פֿאַר די שטאָט־אייַנוווינערס איז דער זו׳מער די צייַט פֿון מאַסן־אורלויבן. די קי׳נדער האָבן אויך קאַני׳קולן און פֿאָרן אַרוי׳ס אין די זו׳מער־לאַגערן. אַ סך משפּחות פֿאָרן אַרוי׳ס אויף אָ׳פּרו אין דאָרף, אָ׳דער צום ים [йам], אָדער אין די בערג.

אין זו׳מער האָבן מיר לויט או׳נדזער ייִ׳דישער טראַדי׳ציע איי׳ניקע יום־טובֿים און ווי׳כטיקע געדע׳נק־טעג.

אָ׳נהייב זו׳מער האָבן מיר דעם יום־טובֿ שבֿועות [швуэс]. דער יום־טובֿ שטאַמט פֿון אַן אַלטן מינהג אָ׳פּמערקן דאָס רייַף־ווערן פֿון די ע׳רשטע פּרות און תּבֿואות. לויט דער רעליגיע׳זער טראַדי׳ציע פֿייַ׳ערט מען שבֿועות אויך דעם מתּן־תּורה [ма'тн-то'йрэ], דעם טאָג, ווען גאָט האָט געגעב׳ן די ייִדן די תּורה. שבֿועות באַפּו׳צט מען די הייַ׳זער מיט גרי׳נע צווייַגן און גוט־ שמעקנדיקע און דופֿטנדיקע גרע׳זער. סוף [соф] יו׳לי אָ׳דער אָ׳נהייב אוי׳־ גוסט מערקט מען אָפּ דעם טרוי׳ער־טאָג תּשעה־באָבֿ [ти'шэбов] (דאָס הייסט „דער נייַ׳נטער טאָג אי׳נעם חודש אָבֿ [ов]“). דעם טאָג פֿאַסט מען, דאָס איז אַ תּענית־טאָג [то'нэс-]. תּשעה־באָבֿ איז אַן אָ׳נדענק נאָכן טאָג, ווען עס איז חרובֿ [хо'рэв] געוואָ׳רן דער בית־המקדש [бэ'йс-hами'кдэш] – דער צענטראַ׳לער טעמפּל אין דער אַ׳לטערטימלעכער מלוכה יהודה [йеhу'дэ].

### די פֿיר טרויער־טעג אויפֿן חורבן פֿון אַמאָליקן ארץ־ישׂראל

(לויטן אַרטיקל פֿון הרבֿ אַהרן בן-ציון שורין)

אין דער ייִ׳דישער טראַדי׳ציע הייבן זיך אָן די „דרייַ וואָכן פֿון טרוי׳ער“ אויפֿן נאַציאָנאַ׳לן חורבן פֿון בית־המקדש מיטן 17טן טאָג פֿון חודש תּמוז [та'мэз] (שבֿעה־עשׂר בתּמוז [ши'вэ-о'сэр бэта'мэз]) און ע׳נדיקן זיך מיט דעם פֿאַסט־טאָג תּשעה־באָבֿ.

פֿיר פֿאַסט־טעג האָט די יי'דישע טראַדי'ציע אײַ'נגעשטעלט אויפֿן חורבן בית־המקדש און ארץ־ישׂראל.

1) צען טעג אין חודש טבֿת [тэ'йвэс] (עשׂרה [асо'рэ] בטבֿת) – דער טאָג, ווען דער שׂונא האָט אָ'נגעהויבן זײַן באַלאַ'גערונג אַרו'ם ירושלים.

2) שבֿעה־עשׂר בתמוז – דער טאָג, ווען דער שׂונא האָט שוין דו'רכגעבראָכן די פֿע'סטונג, די „חומה“ [хо'ймо] (מוי'ער) פֿון ירושלים.

3) תּשעה באָבֿ – דער טאָג, ווען דער בית־המקדש איז פֿאַרברע'נט געוואָ'רן דורכן שׂונא. סײַ דער ע'רשטער בית־המקדש, אין די צײַטן פֿון דעם קע'ניג נבֿוכדנאצר [нэвухаднэ'цэр] פֿון בבֿל [бо'вэл], און סײַ דער צווי'טער בית־המקדש, אין די צײַטן פֿון די רוי'מער, זע'נען חרובֿ געוואָ'רן אין דעם 9טן טאָג פֿון חודש אָבֿ.

4) צום גדליה [цойм гэда'лье] – דער פֿע'רטער פֿאַסט־טאָג איז באַשטי'מט געוואָ'רן נאָך דעם ווי נבֿוכדנאצר האָט פֿאַרטרי'בן די לע'צטע רע'שטלעך ייִדן פֿון ארץ־ישׂראל. ער האָט מיט דעם געבראַ'כט צום פֿו'לשטענדיקן חורבן פֿון יי'דישן לאַנד.

אין שפּע'טערע דורות [до'йрэс] האָבן די חכמים [хахо'мим] נאָך מוסיף [мо'йсэф] געווע'ן אַ'נדערע סימבאָ'לן פֿון צער [цар] און טרוי'ער, כּדי צו פֿאַרטיי'פֿן דעם אָ'נדענק פֿון גרויסן יי'דישן נאַציאָנאַ'לן חורבן.

די חכמים האָבן, למשל, אײַ'נגעשטעלט: ווען אַ ייִד פֿאַרבט זײַן הויז, זאָל ער אי'בערלאָזן אַ שוואַרצן פֿאַס, ווי אַ טרוי'ער־אָנדענק פֿון ירושלים.

ווען אַ כּלה [ка'лэ] גייט צו דער חופּה [ху'пэ], זאָל זי אוי'סטאָן די „כּלה־צירונג“, און דעם חתן [хосн] זאָל מען אַרוי'פֿשיטן אַ ביסל אַש אויף זײַן קאָפּ.

דאָס אַלץ איז געטאָ'ן געוואָ'רן אין איי'נקלאַנג מיט דער שבֿועה [шву'э]: „אם אשכּחך ירושלים [им эшкохэ'йх йэрушола'им]... אם לא אעלה את ירושלים על ראש שׂמחתי“ [им лой аа'лэ эс йэрушола'им ал ройш симхо'си] (תּהילים, קל"ז [ти'лим, кала'з]) – אויב איך וועל פֿאַרגע'סן ירושלים... אויב איך וועל נישט דערמאָנען ירושלים אויפֿן הויכפּונקט פֿון מײַן שׂמחה.

עס איז צו פֿאַרשטיי'ן, אַז מיט דער פֿאַרטי'פֿונג פֿון יי'דישן טרוי'ער אויפֿן חורבן בית־המקדש און ארץ־ישׂראל האָבן די חכמים געצי'לט צו שטאַרקן און אָ'נהאַלטן די יי'דישע בע'נקעניש צו גאולה [гэу'лэ], צו אוי'סלייזונג.

אין די טרערן פֿון טרוי'ער האָבן די יי'דישע חכמים אויך געזע'ן די שפּע'טערדיקע טרערן פֿון פֿרייד. ווען ייִדן זײַ'נען נאָך געזע'סן בײַ די טײַכן פֿון בבֿל און האָבן געווײ'נט אויפֿן חורבן („על נהרות בבֿל שם ישבֿנו גם בכינו“ [ал наhаро'йс бо'вэл шом йоша'вну гам бохи'ну] – האָבן זיי שוין דאַן אויך געשוואָ'רן, אַז זיי וועלן קיין מאָל נישט פֿאַרגע'סן ירושלים („אם אשכּחך ירושלים“) וואָ'רעם, אין ווײ'נען און קלאָגן ליגן שוין די זוי'מען פֿון פֿרייד, פֿון לי'כטיקע האָ'פֿענונג־שטראַלן.

# דער האַרבסט

נאָך דעם הייסן זו'מער קומט דער האַרבסט. אָ'נהייב האַרבסט איז נאָך הייס, אָ'בער פֿון טאָג צו טאָג, פֿון חודש צו חודש ווערט אַלץ קי'לער און קע'לטער. אַלץ אָ'פֿטער גייט אַ רעגן און עס ווײ'ען קע'לטערע ווינטן. סוף [соф] האַרבסט איז שוין ממש [ма'мэш] קאַלט און עס פֿאַלן אַרוי'ס די ע'רשטע שניי'ען.

די פֿייגל זי'נגען כּמעט [кима'т] ניט מער. אַ סך פֿייגל פֿלי'ען אַוועק אין די וואַ'רעמע לע'נדער. חיות [ха'йэс] אין וואַלד גרייטן זיך צום קאַלטן ווי'נטער. די בלע'טער אויף די ביי'מער ווערן געל און רויט. אין גיכן פֿאַלן זיי אַראָ'פּ אויף דער נאַ'סער ערד. די טעג ווערן אַלץ קי'רצער, די נעכט ווערן אַלץ לע'נגער.

אויף די פֿע'לדער, אין די גע'רטנער און סע'דער נעמט מען אַראָ'פּ די גערע'טעניש: מע שנײַדט און דרעשט די רײַף געוואָ'רענע תּבֿואות, מע גראָבט אויס די קאַרטאָ'פֿל, מערן, בו'רעקעס, מע נעמט אַראָ'פּ פֿון די בייטן צי'בעלעס און קנאָבל, פֿע'פֿער און פּאַטלעזשאַ'נעס; אין די סע'דער נעמט מען אַראָ'פּ די רײַ'פֿע פּ̄רוכטן: עפּל און באַרן, פֿלוי'מען און אײַ'ווּעס, פֿון די באַשטאַ'נעס – קאַ'ווענעס, די'ניעס און קי'רבעסן. די שטאָ'טישע אײַ'נוווינער קערן זיך אום פֿון די או'רלויבן, די קי'נדער גיי'ען ווי'דער אין די שולן.

אין האַרבסט פֿאַלן אויס איי'ניקע אַלמלוכישע [алмэлу'хишэ] און טראַדיציאָנע'ל־ייִדישע יום־טובֿים [йонто'йвим]. אָ'נהייב האַרבסט, געוויי'נטלעך אין די לע'צטע טעג פֿון סעפּטע'מבער, הייבט זיך אָן לויטן אַלטן ייִ'דישן קאַלענדאַ'ר דאָס נײַ'ע יאָר. דער דאָ'זיקער יום־טובֿ הייסט ראָש־השנה [рошэшо'нэ]. באַקאַ'נטע און פֿרײַנד ווינטשן איי'נער דעם אַ'נדערן אַ גוט יאָר: לשנה־טובֿה [лэшо'нэ то'йвэ]! אין אַכט טעג נאָך ראָש־השנה ווערט אָ'פּגעמערקט דער יום־טובֿ יום־כּיפּור [йонки'пэр]. לויט דער רעליגיע'זער טראַדי'ציע איז דאָס דער טאָג, ווען גאָט משפּט [ми'шпэт] יעדן מענטשן און באַשטי'מט זײַן ווײַ'טערדיקן גורל [гойрл]. ערבֿ [э'рэв] יום־כּיפּור און דעם גאַנצן טאָג גופֿא [гу'фэ] פֿאַסט מען.

פֿינף טעג נאָך יום־כּיפּור קומט דער יום־טובֿ סוכּות [су'кэс]. לויטן טראַדיציאָנע'לן מינהג עסט מען די אַכט טעג יום־טובֿ אין סוכּות, געדע'קטע מיט סכך [схах]. דאָס סימבאָליזי'רט די צײַט, ווען די ייִדן האָבן נאָך יציאת־מצרים [йэци'эс-мицраим] פֿע'רציק יאָר געוואַ'נדערט אין מדבר סיני [ми'дбэр синай] און געלע'בט דאָרט אין סוכּות, געמאַ'כטע פֿון צווײַגן, דע'רנער און סכך.

די האַרבסט יום־טובֿים ע'נדיקן זיך מיט אַ באַזו'נדערס פֿריי'לעכן יום־טובֿ שׂימחת־תּורה [си'мхас-то'йрэ]. אין דעם טאָג פֿאַרע'נדיקט מען דעם יאָ'ריקן ציקל פֿון ליי'ענען די קאַפּי'טלען (פּרשות [па'ршэс]) פֿון דער תּורה, און מע הייבט אָן צו ליי'ענען זי פֿון דאָס נײַ. דעם דאָ'זיקן טאָג פֿרייט מען זיך: מע זינגט און מע טאַנצט אין די הײַ'זער, אין די שילן און אויף די גאַסן.

# דער ווי'נטער

נאָכן האַרבסט קומט דער ווי'נטער. אין דרויסן איז קאַלט. אָפֿט פֿאַלט אַרוי'ס אַ שניי. ער באַדע'קט פֿע'לדער און ווע'לדער, שטעט און דע'רפֿער מיט אַ ווײַסן צודעק. די ביי'מער שטיי'ען נאַ'קעט אָן בלע'טער. בלויז די נאָדלביימער – די סאָ'סנעס, יאָ'דלעס און צע'דערן – שטיי'ען גרי'נע, באַפּו'צט מיט ווײַסן שניי. די טעג ווערן צו ערשט אַלץ קי'רצער, אָ'בער נאָכן נײַ־יאָר ווערן זיי בהדרגהדיק [бэhадро'гэдик] אַלץ לע'נגער. די נאַטו'ר שלאָפֿט, אָ'בער אין די שטעט און אין די דע'רפֿער, אויף די זאַוואָ'דן און אין די וואַ'רשטאַטן גייט אָן אַן אָ'נגעשטרענגטע אַ'רבעט.

דער ווי'נטער האָט זיך זײַנע פֿריידן.

באַזו'נדערס ברענגט ער פֿרייד די קי'נדער און דער יוגנט. מע גייט אויף דער גלי'טשלקע, מע גליטשט זיך אויף גלי'טשערס און לי'זשעס, מע שפּילט האָקיי', מע שליטלט זיך אויף שליטנס און שלי'טלעך פֿון די בערג. און אָט קומט שוין דאָס נײַ־יאָר. די ע'לטערן ברע'נגען די יאָ'לקעס און די קי'נדער באַפּו'צן זיי מיט פֿאַרשיי'דענע שפּי'לכלעך.

ווי'נטער האָבן מיר לויט או'נדזער יי'דישער טראַדי'ציע צוויי פֿריי'לעכע יום־טובֿים – חנוכּה [ха'нукэ] און פּורים [пу'рим].

חנוכּה פֿאַלט אויס געוויי'נטלעך אין דעצע'מבער. דאָס איז אַן אָ'נדענק נאָך דעם זיג פֿון די מכּבייער [макабэ'йер] אי'בער די גריכן, ווע'לכע האָבן או'נטערגעדריקט דאָס פֿאָלק פֿון ישׂראל. די מכּבייער האָבן אַרוי'ס־געטריבן די גרי'כישע סאָלדאַ'טן פֿו'נעם לאַנד, אוי'סגערייניקט די שטאָט ירושלים [йерушола'им] און דעם בית־המקדש [бэйс-hами'кдэш] פֿון די געצן. זיי האָבן ווי'דער אָ'נגעצונדן די פֿײַ'ערלעך אין דער מנורה [мэно'йрэ] – אַ גרויסן לײַ'כטער מיט זיבן רערן. אין די רערן האָט געברע'נט בוימל. און דאָס איי'נציקע קריי'געלע בוימל וואָס זיי האָבן געפֿו'נען, האָט געקלע'קט אויף גאַ'נצע אַכט טעג. דערי'בער צינדט מען די חנוכּה־ליכטלעך אַכט טעג, יעדן טאָג מיט איין ליכטל מער: דעם ערשטן טאָג – איין ליכטל, דעם צווייטן – צוויי און אַזוי ווײַ'טער. חנוכּה איז אַ פֿריי'לעכער יום־טובֿ. מע גיט מתּנות [мато'нэс], מע שפּילט אין דריידל, מע עסט לאַ'טקעס. און די לײַ'כטעלעך זאָגן אונדז: פֿרײַ'הייט איז אַ טײַ'ערע זאַך.

דער צוויי'טער פֿריי'לעכער ווי'נטער יום־טובֿ איז פּורים. ער פֿאַלט אויס געוויי'נטלעך אין פֿעברואַ'ר–מאַרץ. דאָס איז אַן אָ'נדענק נאָך דעם, ווי די יי'דישע פֿרוי פֿו'נעם פּע'רסישן קי'ניג אַחשוורוש [ахашвэ'йрэш], די שיי'נע אסתּר [э'стэр] און איר פֿע'טער מרדכי [мо'рдхэ] האָבן גערא'טעוועט די ייִדן פֿו'נעם טויט, וועלכן עס האָט געגריי'ט פֿאַר זיי דער רשע [ро'шэ] המן [ho'мэн].

פּורים לייע'נט מען די מגילת־אסתּר [мэги'лэс-э'стэр]. מע שיקט איי'נער דעם אַ'נדערן מתּנות – שלח־מנות [шалахмо'нэс], מע באַקט המן־טאַשן [ho'мэн-], אָ'נגעפּילטע מיט מאָן אָ'דער מיט זי'סע יאַ'גדעס. די פֿאַרשטע'לטע פּורים־שפּילערס גיי'ען פֿון הויז צו הויז. זיי זי'נגען, טאַנצן און שטעלן פֿאָר די געשי'כטע פֿו'נעם קי'ניג אַחשוורוש און דער שיי'נער מלכּה [ма'лкэ] אסתּר. יעדן פּורים קומט פֿאָר אין ארץ־ישׂראל אַ גרוי'סער קאַרנאַוואַ'ל.

סוף [соф] ווי'נטער ווערט שוין וואַ'רעמער. באַלד קומט דער לי'בער פֿרי'לינג.

## פּורים לידלעך

* * *

הײַנט איז פּורים און מאָרגן איז אויס,
גיט אונדז אַ קאָ'פּיקע – און וואַרפֿט אונדז אַרוי'ס!

* * *

יאַ'כנע־דוואָסיע פֿאָרט אין שטאָט,
זי האַלט זיך אין איין פּאַקן.
זי פֿאָרט אויף פּורים קויפֿן מעל
המן־טאַשן באַקן!
האָפּ, מײַ'נע המן־טאַשן,
האָפּ, מײַ'נע היי'סע,
מיט מײַ'נע המן־טאַשן
האָט פּאַ'סירט אַ מעשׂה [ма'йсэ].

ס'גייט אַ רעגן, ס'פֿאַלט אַ שניי,
ס'קאַ'פּעט פֿון די דע'כער.
יאַ'כנע פֿירט שוין קאָ'רנמעל
אין אַ זאַק מיט לע'כער.
האָפּ...

יאַ'כנע טראָגט שוין שלח־מנות
צו דער מו'מע יע'נטע:
צוויי־דרײַ שוואַ'רצע המן־טאַשן,
האַלב רוי, האַלב פֿאַרברע'נטע.
האָפּ...

## דריי זיך, דריי'דעלע

(ווע'רטער: חנה מלאָ'טעק; מוזי'ק: א. גאָ'לדפֿאַדען)

דריי זיך, און דריי זיך,
און דריי זיך שוין, דריי'דעלע,
פֿריי זיך, דו ייִ'נגעלע,
פֿריי זיך, דו מיי'דעלע,
טאַנץ אין אַ רי'נגעלע,
טאַנץ אין אַ רע'דעלע –
עס איז שוין חנוכה דאָ!

איי'נס־צוויי־דרײַ, איי'נס־צוויי־דרײַ,
טאַנצט אין אַ רע'דעלע!
איי'נס־צוויי־דרײַ, איי'נס־צוויי־דרײַ,
יִי'נגעלע, מיי'דעלע!
איי'נס־צוויי־דרײַ, איי'נס־צוויי־דרײַ,
דריי זיך שוין, דריי'דעלע –
עס איז שוין חנוכּה דאָ!

הערשל פּאָליאַ'נקער

## נחמה [нэха'мэ] זינגט
(געקי'רצט)

פֿון דער מלחמה האָבן זיך או'מגעקערט סאָלדאַ'טן אין שי'נעלן מיט פּו'סטע אַרבל, אַ'נדערע – אויף קו'ליעס, אויף קולטיאַ'שקעס, געבלאָ'נקעט אי'בער די רוי'נען, געזו'כט, געני'שטערט, אפֿשר וועט מען ע'פּעס געפֿי'נען פֿו'נעם פֿאַרמע'גן, אפֿשר וועט מען באַגע'גענען ע'מעצן פֿון די פֿאַמי'ליעס, קרובֿים, באַקאַ'נטע. מע האָט געזו'כט אַ דאַך אי'בערן קאָפּ.

ווער עס איז געקו'מען אַהיים, קיין קי'עוו, איז קודם־כּל [ко'йдэмкол] געגאַ'נגען צו דער קוליאַ'נאָווקע, צו דער ווײַ'טער פֿאָ'רשטאָט פֿון קי'עוו, אַהי'ן ווו עס האָט זיך געצוי'גן דער שרע'קלעכער באַ'בי יאַר, ווו די דײַ'טשישע תּלינים [тальо'ним], או'ממענטשן און זיי'ערע געהי'לפֿן, פֿאַרשיי'דענערליי פֿאָליציי'ען האָבן מע'רדעריש געשאָ'סן, פֿאַרני'כטעט הע'כער הו'נדערט טויזנט ייִדן.

דער באַ'בי יאַר איז געלע'גן ווי אַ לע'בעדיקער עדות [э'йдэс] פֿון דעם או'מדערהערטן פֿאַרברע'כן, פֿון אַ שוי'דערלעכער טראַגע'דיע, וואָס די וועלט האָט נאָך ביז אַהע'ר נישט געזע'ן און נישט געהע'רט.

די אָ'נגעזאַפּטע מיט בלוט ערד, האָט נאָך נישט צו'געדעקט די ביי'נער פֿון די דערמאָ'רדעטע און דער מאַסן־קבֿר איז נאָך געווע'ן אָפֿן, ווי אַ לע'בעדיקער פֿאָ'רוווּרף דער וועלט, וואָס האָט צו אַזוי'נס דערלאָ'זט און געשווי'גן.

אין איי'נעם פֿון די טעג האָבן זיך אין שטאָט באַווי'זן או'מגעוויינלעכע אַפּי'שן, אַז עס איז אַהע'ר געקו'מען אַ ייִ'דישע זי'נגערין פֿון לי'טע און וועט זי'נגען ייִ'דישע לי'דער אין שטאָ'טישן טעאַ'טער.

עס איז נאָך געווע'ן זיי'ער פֿרי, נאָר דער הי'פּשער זאַל איז שוין געווע'ן אי'בערגעפֿולט. און אָט האָט זיך אוי'סגעלאָשן די שײַן, דער פֿאָ'רהאַנג האָט זיך צע'עפֿנט, און אויף דער בי'נע איז אַרוי'סגעגאַנגען אַ יונג, שלאַנק מיי'דעלע מיט אַ טיכל אויפֿן קאָפּ, מיט אַ פֿאַרזאָ'רגט בלייך פּנים [по'нэм], אין אַ שטרע'נגער טו'נקעלער קלייד. זי איז געשטאַ'נען אַ לאַ'נגע ווײַ'לע, געקו'קט אויפֿן אי'בערפֿולטן זאַל, געטראַ'כט...

אין זאַל זײַ'נען געזע'סן פֿיל ע'לטערע מע'נטשן מיט פֿאַרנע'פּלטע פֿון צער [цар] און ווײַ'טיק אויגן, עס זײַ'נען געזע'סן געווע'זענע סאָלדאַ'טן אין זיי'ער מיליטע'רישן אָ'נטאָן, באַצי'רטע מיט אָ'רדנס און מעדאַ'לן, אָ'נגעשפּאַרטע מיט די

הענט אויף זיי'ערע מעלי'צעס און שטע'קלעך, פֿאַרווו'נדיקטע, אינוואַלי'דן, קאַ'ליקעס.

אַ טוי'טע שטי'לקייט האָט געהע'רשט אין זאַל. מע האָט געדו'לדיק געוואַ'רט. און, ע'נדלעך, האָט זי שווער אוי'פֿגעאָטעמט און שטי'לערהייט געמאָ'לדן, אַראָ'פּלאָזנדיק די אויגן:

— באַבי יאַר...

און אי'בערן זאַל האָט זיך צעטראָ'גן אַן אוי'סערגעוויינלעכער געזאַ'נג, נישט קיין געזאַ'נג – אַ וויי'געשריי פֿון אַן או'מגליקלעכער מו'טער.

„וואָלט איך אוי'פֿגעהאַנגען דאָס וויגל אויף אַ באַלקן,  
און געהוי'דעט, געהוי'דעט מײַן יי'נגעלע, מײַן יאַנקל,  
איז די שטוב אַנטרו'נען מיטן פֿלאַם און פֿײַ'ער,  
ווי זשע זאָל איך הוי'דען מײַן יי'נגעלע, מײַן טײַ'ערס?..“

...די זי'נגערין האָט גענו'מען די הע'כסטע טע'נער, נאָר נישט אי'בער־כאַפּנדיק דעם אָ'טעם האָט זי גענו'מען נאָך הע'כער:

„וואָלט איך אָ'פּגעשוירן די צעפּ מײַ'נע, די לאַ'נגע,  
און אויף זיי דאָס ווי'געלע, דאָס וויגל אוי'פֿגעהאַנגען.  
ווייס איך נישט, ווו זײַ'נען זיי, די ביי'נדעלעך אַצי'נדער,  
די ביי'נדעלעך די טײַ'ערע פֿון ביי'דע מײַ'נע קי'נדער...  
העלפֿט מיר, מאַ'מעס, העלפֿט מיר  
אוי'סקלאָגן מײַן ניגון [нигн]!  
העלפֿט מיר, מאַ'מעס, העלפֿט מיר  
דעם באַ'בי יאַר פֿאַרווי'גן...“

דער עולם [о'йлэм] איז געווע'ן דערשי'טערט. דער זאַל איז מיט אַ מאָל אוי'פֿגעטרייסלט געוואָ'רן פֿון דער כוואַ'ליע אַפּלאָדיסמע'נטן. און בעת [бэйс] דער זאַל האָט געשטו'רעמט, געדאַ'נקט דער זי'נגערין און געפֿאָ'דערט ביסי'רן דאָס ליד, האָט זיך אַן אַ'לטע פֿרוי מיט אַ גרײַז־גרויען צעשוי'בערטן קאָפּ־האָר אוי'פֿגעהויבן אויף דעם שטול און מיט אַ'לע כּוחות אוי'פֿגעהויבן צום הימל אי'רע הענט און אוי'סגעשריגן:

— מענטשן, וואָס זיצט איר?! מענטשן, שטייט אוי'ף!

און אין איין רגע [рэ'гэ] האָט דער גאַ'נצער זאַל זיך אוי'פֿגעכאַפּט פֿון די ע'רטער. דער גאַ'נצער זאַל האָט געשטו'רעמט, אַפּלאָדי'רט.

די זי'נגערין, זע'ענדיק פֿאַר זיך אַזאַ' באַגײַ'סטערטן עולם, האָט אָ'נגעהויבן אויף ס'ניי, דאַכט זיך, נאָך שטאַ'רקער, הע'כער, טראַ'גישער:

„וואָלט איך אוי'פֿגעהאַנגען דאָס וויגל אויף אַ באַלקן,  
און געהוי'דעט, געהוי'דעט מײַן יי'נגעלע, מײַן יאַנקל...“

דער עולם האָט זיך נישט געזע'צט אויף די ע'רטער און אַזוי' שטיי'ענדיק ווי'דער א'ויסגעהערט זי.

אין זאַל איז געשטאַ'נען אַ שטאַ'רקער טומל. ווער איז די זי'נגערין און פֿון

וואַ'נען איז זי צו אונדז געקו'מען?

— פֿון דער לי'טע... נחמה... נחמה ליפֿשיץ... האָט זיך געהע'רט דאָ און דאָרט. נחמה זינגט אַ מחיה [мэха'йэ] צו הערן...

אַ גאַ'נצע וואָך איז נחמה אוי'פֿגעטראָטן און אַ'לע מאָל איז דער זאַל געווע'ן אי'בערפֿולט. און יע'דעס מאָל, ווען זי האָט אָ'נגעהויבן זי'נגען דאָס ליד „באַ'בי יאַר“, האָט זיך דער עולם אוי'פֿגעהויבן און געהע'רט שטיי'ענדיק.

וויפֿל יאָר איז שוין אַוועק, נאָר ביזן הײַ'נטיקן טאָג קלינגט אין די אוי'ערן נחמהס ליד און עס שטייט פֿאַר מײַ'נע אויגן די אַ'לטע פֿרוי מיטן צעשױ'בערטן גרוי'ען קאָפּ און איר אוי'סגעשריי: „מענטשן! וואָס זיצט איר? אוי'פֿשטיין!“

## 45 יאָר נאָכן מאָרד פֿון די ייִ'דישע שרײַ'בערס אין סאָווע'טן־פֿאַרבאַנד

(פֿון „פֿאָ'רווערטס“, אוי'גוסט 15, 1997)

אין דעם ספֿר [сэ'йфэр] פֿון או'נדזער געשי'כטע איז דעם 12טן אוי'גוסט 1952, צו'געקומען אַ נײַ בלאַט, וואָס וועט פֿאַרבלײַ'בן אײַ'נגעקריצט אין או'נדזער פֿאָ'לקס־זכּרון אויף דור־דורות [до'р-до'йрэс]. אין יע'נער נאַכט האָבן די מושלים [мо'шлим] פֿו'נעם איצט שוין געווע'זענעם סאָווע'טן־פֿאַרבאַנד דערמאָ'רדעט די ווי'כטיקסטע ייִ'דישע שרײַ'בערס, אַקטיאָ'רן און קולטו'ר־טוערס, וואָס זײַ'נען צוזאַ'מען מיט הו'נדערטער אַ'נדערע ייִ'דישע מע'נער און פֿרוי'ען פֿון גײַסט אַרעסטי'רט און געפּײַ'ניקט געוואָ'רן אין די יאָרן 1948־1949 אין די סאָווע'טישע תּפֿיסות. זיי'ער איי'נציקער חטא איז געווע'ן דאָס, וואָס זיי זײַ'נען געווע'ן ייִדן.

דאָס איז געווע'ן דער קולמינאַ'ציע־פּונקט פֿון אַ פּאָלי'טיק, וואָס האָט זיך געשטי'צט אויף די אַ'לטע באָלשעווי'סטישע טעאָ'ריעס פֿון לע'נין און סטאַ'לין, אַז ייִדן זײַ'נען נישט קיין פֿאָלק און זיי טאָרן נישט האָבן קיין מע'גלעכקייט צו אַנטווי'קלען זיי'ער איי'גענע רעליגיע'זע און וועלטלעכע קולטו'ר און זיי'ער אייגן שטיי'גער לעבן.

1903 האָט לע'נין געשרי'בן, אַז „די אידיי'ע פֿון אַ ייִ'דישער נאַציאָנאַ'ליטעט טראָגט אַ רעאַקציאָנע'רן כאַראַ'קטער“ און אַז „די אידיי'ע פֿון אַ ייִ'דישער נאַציאָנאַליטע'ט ווי'דערשפּרעכט די אינטערע'סן פֿון ייִ'דישן פּראָלעטאַריאַ'ט, שאַ'פֿנדיק בײַ אים דירע'קט און או'מדירעקט אַ שטי'מונג, וואָס איז פֿײַ'נטלעך צו אַסימילאַ'ציע, אַ שטי'מונג פֿון גע'טאָ“.

אין אַן אַ'נדער אַרטי'קל האָט לע'נין געשרי'בן: „ייִ'דישע נאַציאָנאַ'לע קולטו'ר איז די לאָ'זונג פֿון רבנים [рабо'ним] און פֿון דער בורזשואַזי'ע, אַ לאָ'זונג פֿון או'נדזערע שׂונאים [со'ним]“.

דאָס האָט לע'נין אַזוי' אַרו'ם פּרובי'רט באַקע'מפֿן דעם „בונד“ און זײַן פּראָגראַ'ם פֿאַר ייִ'דישער קולטו'ר־אויטאָנאָמיע און די גרוי'סע השפּעה [hашпо'э] וואָס דער „בונד“ האָט געהאַ'ט אויף די ייִ'דישע אַ'רבעטער פֿון רו'סלאַנד.

אין 1913 האָט סטאַ'לין אין זײַן בראָשו'ר „מאַרקסי'זם און די נאַציאָנאַ'לע און קאָלאָניאַ'לע פֿראַגן“ געשרי'בן, אַז „ייִדן זײַ'נען מערסטנס הע'נדלער און

פּראָפֿעסיאָנאַ'לן, פֿאַבריקאַ'נטן און סוחרים [со'хрим]. דאָס פֿאָ'דערן פֿאַר ייִדן נאַציאָנאַ'לע אויטאָנאָ'מיע איז אַ קוריאָ'ז, ווײַל מע פֿאָ'דערט עס פֿאַר אַ פֿאָלק, וואָס האָט נישט קיין צו'קונפֿט. און בכלל [бихлал] דאַרף מען פֿרי'ער באַווײַ'זן, אַז אַזאַ' פֿאָלק עקזיסטי'רט טאַ'קע".

[бихлал] דאַרף מען פֿרי'ער באַווײַ'זן, אַז אַזאַ' פֿאָלק עקזיסטי'רט טאַ'קע".

אויף אַן אַ'נדער אָרט האָט סטאַ'לין דערקלע'רט, אַז „ייִדן זײַ'נען אַ פּאַפּי'רענע נאַ'ציע, וואָס פֿאַרמאָ'גט נישט קיין שום בשותּפֿותדיקע [бэшу'тфэсдикэ] איי'גנשאַפֿטן ווי שפּראַך, עקאָנאָ'מיש לעבן און גײַ'סטיקע קולטו'ר, און דערפֿאַ'ר זײַ'נען זיי נישט באַרע'כטיקט צו אַ באַזו'נדערער נאַציאָנאַ'לער אויטאָנאָ'מיע".

נאָך דער באָלשעווי'סטישער רעוואָלו'ציע האָבן לע'נין און סטאַ'לין און אַ'לע אַ'נדערע טעאָרע'טיקער אַוועקגעלייגט זיי'ער טעאָ'ריע וועגן ייִדן אין די אַ'רכיוון און האָבן דערלוי'בט אַ ייִ'דיש קולטו'ר־לעבן, וואָס זאָל זײַן איי'נגעשפּאַנט אי'נעם בוי פֿון קאָמוני'זם. הגם [hага'м] זיי האָבן פֿאַר־ מאַ'כט אַ'לע שולן, בתּי־מדרשים [бо'тэ-медро'шим], ישיבֿות [йеши'вэс] און חדרים [хадо'рим] און האָבן פֿאַרווע'רט צו לע'רנען העברע'יִש, האָבן זיי דערלוי'בט אַרוי'סצוגעבן ייִ'דישע צײַ'טונגען און זשורנאַ'לן, צו ע'פֿענען ייִ'דישע שולן און פֿאָ'רש־אַנשטאַלטן, און צו דער רײַ'כער ייִ'דישער ליטעראַטו'ר זײַ'נען צו'געקומען באַדײַ'טנדיקע שאַ'פֿערס, וואָס הגם זיי זײַ'נען „געגאַ'נגען אין שפּאַן" פֿון קאָמוני'זם און פֿאַרלײַ'קענונג פֿון אַ'לטע ייִ'דישע ווערטן, האָבן זיי זיך אוי'סגעצייכנט מיט שפּראַ'כלעכע חידושים און גרויסן טאַלאַ'נט. עס זײַ'נען אוי'פֿגעקומען ייִ'דישע קרײַז־געריכטן, ייִ'דישע שולן און בי'לדונג־אינסטיטוציעס, ייִ'דישע ביבליאָטע'קן און מלוכה־טעאַטערס, וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָ'רש־אינסטיטוציעס און די ליטעראַטו'ר, וואָס האָט אוי'סגעפֿאָלגט דעם קאָמוני'סטישן לאָ'זונג צו זײַן נאַציאָנאַ'ל בלויז לויט דער פֿאָ'רעם, אָ'בער קאָמוני'סטיש לויטן אי'נהאַלט. זי האָט אָ'בער דאָך פֿאַרמאָ'גט טיף־נאַציאָנאַלע איי'גנשאַפֿטן, וואָס האָבן זי געמאַ'כט פֿאַר אַ טייל פֿון דער אַלוועלטלעכער ייִ'דישער ליטעראַטו'ר. די עצם־עקזיסטענץ [э'цэм-] פֿון אַ ליטעראַטו'ר מיט הו'נדערטער שרײַ'בערס און שולן מיט טוי'זנטער תּלמידים (אין ווײַ'סרוסלאַנד אַליי'ן זײַ'נען אין יאָר 1932 געווע'ן 1469 ייִ'דישע שולן און בי'לדונג־אינסטיטוציעס מיט 160 טויזנט תּלמידים) איז געווע'ן דער בע'סטער אוי'סדרוק פֿון נאַציאָנאַ'לער שע'פֿערישקייט און אַ פֿאַרלײַ'קענונג פֿון אַ'לע באָלשעווי'סטישע טעאָ'ריעס, אַז ייִדן זײַ'נען קיין פֿאָלק נישט. די שולן און די טעאַ'טערס האָבן צונוי'פֿגעוועבט די ייִדן פֿון רו'סלאַנד אין אַ ייִ'דישער משפּחה און דאָס האָבן די קאָמוני'סטישע מושלים נישט געוואָ'לט פֿאַרטראָ'גן. דאָס האָט דאָך נישט געשטי'מט מיט לע'נינס און סטאַ'לינס טעאָ'ריעס, וואָס זיי האָבן דערווײַ'ל געהאַ'לטן אין די אַרכי'וון, אָ'בער פֿון וועלכע זיי האָבן זיך קיין מאָל נישט אָ'פּגעזאָגט.

אין 1930, 13 יאָר נאָך דער רעוואָלו'ציע, איז ליקווידי'רט געוואָ'רן דער „טיש פֿאַר ייִ'דישע ענינים [инйо'ним]" און עס איז פֿונאַ'נדערגעלאָזן געוואָ'רן די טרוי'עריק־באַרימטע „יעווסע'קציע".

אין די יאָרן 1936־1937 האָט זיך פֿונאַ'נדערגעטראָגן אַ כוואַ'ליע פֿון אַרע'סטן און „ריי'ניקונגען" און צווישן די אַרעסטי'רטע איז געווע'ן אויך דער קאָמיסאַ'ר פֿאַר ייִ'דישע ענינים שמעון [ши'мэн] די'מענטשטיין, וועלכער האָט ע'טלעכע יאָר

פֿרי'ער געשרי'בן, אַז קאָמוני'סטן זײַ'נען „נישט קיין פֿאַנאַ'טיקער פֿון יי'דישן לשון [лошн]“ און אויך אַ'לע אַ'נדערע פֿי'רער פֿון דער „יעווסע'קציע“, ווי משה [мо'йшэ] ליטוואַקאָ'וו, משה ראַ'פֿעס, כאַצקל דו'ניעץ, יאַשאַ בראָ'נשטיין, מאַקס ע'ריק, י. זי'סקינד, יוסף לי'בערבערג, אסתּר פֿרו'מקין, ירחמיאל [йера'хмиэл] ווײַ'נשטיין, דער וועלט־באַרימטער ליטעראַטו'ר־היסטאָ'ריקער דר. י. צי'נבערג און אַ סך [сах] אַ'נדערע.

עס זײַ'נען אויך אַרעסטי'רט געוואָ'רן די פּאָע'טן אי'זי כאַ'ריק און משה קו'לבאַק, וועלכער איז אין 1928 געקו'מען פֿון ווי'לנע קיין מינסק, ווו ער האָט געוואָ'לט העלפֿן בוי'ען די נײַ'ע יי'דיש־סאָוועטישע ליטעראַטו'ר.

נאָך דעם ווי די רוי'טע אַרמיי' איז לויטן אָפּ'מאַך מיט נאַ'צי־דײַטשלאַנד אַרײַ'ן אין די מזרח־געביטן [ми'зрэх-] פֿון פּוילן, זײַ'נען אַרעסטי'רט געוואָ'רן אַ סך יי'דישע שרײַ'בערס, כּלל־טוערס [клал-], סאָציאַלי'סטן און צווישן זיי זײַ'נען געווע'ן די בו'נדישע פֿי'רער הע'נריק ע'רליך, ווי'קטאָר אַ'לטער, אַ'נאַ ראָ'זענטאַל, יאַנקל זשעלעזניקאָ'וו, די יי'דישע שרײַ'בערס און טו'ערס פֿון ייִ'וואָ זלמן [за'лмэн] ריי'זען, י. טשערניכאָ'וו און פֿיל, פֿיל אַ'נדערע. נאָך דעם ווי די דײַ'טשישע אַרמיי'ען זײַ'נען אין יו'ני 1941 באַפֿאַ'לן רו'סלאַנד, איז מער דאָרט נישט געווע'ן קיין שפּור פֿון אַן אָרגאַניזי'רט יי'דיש לעבן. סטאַ'לין האָט אָ'בער געדאַ'רפֿט אַ יי'דישע רעפּרעזענטאַ'נץ, וואָס זאָל דערמו'טיקן די צע'נדליקער טוי'זנטער יי'דישע סאָלדאַ'טן אין דער קע'מפֿנדיקער רוי'טער אַרמיי' און וואָס זאָל אויך העלפֿן קריגן הילף בײַ יִידן אין דער ברײַ'טער וועלט פֿאַר די מלחמה־נויטן. האָט ער געשאַ'פֿן דעם יי'דישן אַנטיפֿאַשי'סטישן קאָמיטע'ט און געשי'קט שלמה [шло'ймэ] מיכאָ'עלסן און אי'ציק פֿע'פֿערן קיין אַמע'ריקע צו שאַפֿן הילף פֿאַר רו'סלאַנד.

גלײַך ווי די מלחמה האָט זיך גע'ענדיקט, האָבן סטאַ'לין און זײַ'נע משרתים [мэшо'рсим] גענו'מען ליקווידי'רן די רע'שטלעך פֿון יי'דישן לעבן אין רו'סלאַנד. אָ'נגעהויבן האָט זיך דאָס מיט דער הע'צע קעגן „פּאַ'ספּאָרטלאָזע בראָדיאַ'געס“ און „קאָסמאָפּאָלי'טן“, פֿאַרשטע'לטע נע'מען פֿאַר די יִידן אין רו'סלאַנד. נאָך דעם איז געקו'מען דער צי'ניש־ אינסצעניזי'רטער מאָרד פֿון דעם פֿאָ'רזיצער פֿון אַנטיפֿאַשי'סטישן קאָמיטע'ט שלמה מיכאָ'עלס און די פּאַראַ'דנע לוויה [лэва'йе], ווו מע האָט פֿאַרגאָ'סן קראָקאָדי'ל־טרערן אויף דעם „פּלו'צעמדיקן טויט“ פֿון דעם „סאָלאָמאָ'ן מו'דרי“, דעם קלו'גן שלמה, ווי דאָס פֿאָלק האָט גערו'פֿן מיכאָ'עלסן.

נאָך דעם מאָרד פֿון מיכאָ'עלסן זײַ'נען אַרעסטי'רט געוואָ'רן די פֿאַרבלי'בענע יי'דישע שרײַ'בערס: פּרץ [пэ'рэц] מאַ'רקיש און דער נסתּר [ни'стэр], דוד [до'вид] האָ'פֿשטיין און דוד בע'רגעלסאָן, לייב קווי'טקאָ און אי'ציק פֿע'פֿער, דער אַרטי'סט בנימין [бинйо'мин] זו'סקין, שמואל האַ'לקין און שמואל פּע'רסאָוו, משה [мо'йшэ] בראָ'דערזאָן, אי'ציק קי'פּניס, דער קרי'טיקער און פֿאָ'רשער אליהו [элийо'hу] ספּי'וואַק, דער מוזיקאָלאָ'ג משה בערעגאָ'ווסקי, דער געווע'זענער פֿי'רער פֿון „פּראָפֿינטערן“ און דירע'קטאָר פֿון דער סאָוועטישער אינפֿאָרמאַ'ציע־דינסט בעת דער מלחמה מיט הי'טלערן א. לאָזאָ'ווסקי און פֿיל, פֿיל אַ'נדערע ווייניקער באַ־ קאַ'נטע שרײַ'בערס, אַזוי'נע ווי אי'ציק פּלאַ'טנער, משה פּינטשע'ווסקי, עוזר [о'йзэр] האָ'לדע, חיים גי'לדין, נאָ'טע לוריע', משה טייף און נאָך און נאָך.

דעם 12טן אוי'גוסט 1952 האָט מען די מערסטע פֿון זיי אַרוי'סגענומען פֿון דער

לוביאַ'נקאַ־תּפֿיסה אױן דערשאָ'סן. דאָס איז אַלץ צו'געגאַנגען שטיל אין געהיי'ם און ווען מע האָט דורך דיפּלאָמאַ'טישע קוואַלן זיך אין דער פֿרײַ'ער וועלט דערוווּ'סט וועגן די אַרע'סטן און דעם מאָרד, און מע האָט בײַ די סאָוועטישע שליחים [шли'хим] געפֿרע'גט וועגן דעם גורל [гойрл] פֿון די ייִ'דישע שרײַ'בערס, האָבן זיי געליי'קנט שטײַן און בײַן. דער ע'נטפֿער איז געווע'ן: „זיי לעבן און זיי שאַפֿן".

דער נע'גערישער זי'נגער און קאָמוני'סט פּאָל ראָ'בסאָן האָט געוואָ'לט בעת זײַן באַזו'ך אין מאָ'סקווע זען אי'ציק פֿע'פֿערן, האָט מען פֿע'פֿערן געגע'בן אין תּפֿיסה ע'טלעכע טעג גוט עסן און אים אױ'סגעפּוצט אין אַ שײ'נעם אָ'נצוג און געבראַ'כט צו פּאָל ראָ'בסאָן אין האָטע'ל־צימער. אויף ראָ'בסאָנס פֿראַגן ווי עס גייט אים, האָט אי'ציק פֿע'פֿער, וועלכער האָט געוווּ'סט, אַז „די ווענט האָבן אױ'ערן", גע'ענטפֿערט, אַז „גוט און פֿײַן", אָ'בער ער האָט אַ מאַך געטאָ'ן מיט זײַן האַנט אי'בער זײַן האַלדז, און ראָ'בסאָן האָט שוין מער נישט געדאַ'רפֿט פֿרעגן. ראָ'בסאָן האָט ווי אַ געטרײַ'ער קאָמוני'סט אָ'בער קײ'נעם אין אַמע'ריקע, אױ'סער זײַן זון, נישט דערציי'לט דעם אמת [э'мэс] וואָס ער האָט אױ'סגעפֿונען. (ערשט זעקס יאָר נאָך פּאָל ראָ'בסאָנס טויט האָט דער יו'נגער ראָ'בסאָן דערציי'לט, וואָס ער האָט זיך דערוווּ'סט פֿון זײַן פֿאָ'טער.)

אין 1956 איז דער „פֿאָ'רווערטס"־שרײַ'בער לעאָ'ן קרי'שטאָל צורי'קגעקומען פֿון אַ באַזו'ך אין רו'סלאַנד און ער האָט אױ'פֿגעדעקט אין „פֿאָ'רווערטס" דעם שרע'קלעכן אמת וועגן דעם שרע'קלעכן מאָרד.

נאָך דעם 20סטן צוזאַ'מענפֿאָר פֿון דער קאָמוני'סטישער פּאַרטיי', ווען כרושטשאָ'וו האָט אױ'פֿגעדעקט די מע'רדערײַען פֿון סטאַ'לינען, האָט מען גענו'מען באַפֿרײַ'ען די או'משולדיק־פֿאַרשפּאַרטע אין די תּפֿיסות און לאַ'גערן, און אַ צאָל ייִ'דישע שרײַ'בערס, וואָס האָבן אױ'סגעהאַלטן אַ'לע פּײַ'נען, זײַ'נען אויך געווע'ן צווישן די באַפֿרײַ'טע.

הײַנט, נאָכן באַנקראָ'ט פֿון קאָמוני'זם און נאָך דעם ווי אין די לע'נדער פֿון געווע'זענעם סאָווע'טן־פֿאַרבאַנד איז אײַ'נגעשטעלט געוואָ'רן אַ דעמאָקראַ'טישער רעזשי'ם, ווערן געמאַ'כט פּרוּוון צורי'ק אױ'פֿצושטעלן אַ ייִ'דיש לעבן מיט ייִ'דישע שולן און אַ ייִ'דישער ליטעראַטו'ר. עס זײַ'נען דאָרט געבלי'בן אַ צאָל שרײַ'בערס פֿון אַ'לטן דור [дор] מיט אַ סך טאַלאַ'נט. זיי פֿאַרע'פֿנטלעכן זיי'ערע ווערק אין דעם איי'נציקן ליטעראַ'ריש־ געזעלשאַפֿטלעכן זשורנאַ'ל „די ייִ'דישע גאַס", וואָס מיר אַ'לע דאַרפֿן העלפֿן ער זאָל ווײַ'טער קע'נען דערשײַ'נען. ייִ'דישע בי'כער ווערן דאָרט, מחמת [ма'хмэс] דעם שווערן פֿינאַנציע'לן מצב [ма'цэв], זעלטן אַרױ'סגעגעבן. עס זײַ'נען אָ'בער פֿאַראַ'ן שולן, ווו מע לערנט די ייִ'דישע שפּראַך און ליטעראַטו'ר.

און כאָטש מיר ווייסן, אַז קיין נײַ'ע דוד בע'רגעלסאָן און פּרץ מאַ'רקיש וועלן דאָרט איצט נישט אױ'פֿשטיין, דאַרפֿן מיר מיט אַ'לע או'נדזערע מי'טלען העלפֿן, אַז סײַ ייִ'דיש לעבן און סײַ ייִ'דישע ליטעראַטו'ר זאָלן ווײַ'טער לעבן אין די לע'נדער, ווו דער קאָמוני'זם האָט זיי אויף איי'ביק געוואָ'לט דערשטי'קן און או'מברענגען.

דוד האָ’פֿשטיין

## אין ייִ’דישן וואָרט

אין ייִ’דישן וואָרט, ווי ס’איז ווילד, ווי ס’איז מילד, ווי ס’איז טײַ’ער,
איז פֿאַראַ’ן אַזאַ’ רוף צו באַנײַ’ונג, איז פֿאַראַ’ן אַזאַ’ הע’לישער פֿײַ’ער,
אַז ווינטן, וואָס צי’ען אויף וועלטישע ברײ’טע באַראָ’טן,
ניט קע’נען פֿאַרבלאָ’זן זײַן גלי’ענדן אָ’טעם,
און אַשן פֿון תּקופֿות ניט קע’נען זײַן צו’נטער פֿאַרגרוי’ען,
זײַן מו’נטערן צו’נטער, וואָס העלט זיך אויף שטי’לקייט פֿון בלוי’ען.

אין ייִ’דישן וואָרט, וואָס איז אָ’קאָרשט אַרוי’ס פֿון די צוואַ’נגען,
וואָס או’מרויִק זוכט זיך נאָך פֿע’לדער און סטע’פּעס,
איז פֿאַראַ’ן שוין די זי’כערע רו אין די ברײ’טקייט פֿון ע’פּאָס.
און ניט נאָר בײַ היי’ליקע שומרים – אין וואָרט בײַ די פּשוטע הי’טערס,
הערט זיך דער אָ’נהייב פֿון שטאָ’לצע געזאַ’נגען פֿון שני’טערס,
הערט זיך דער אָ’נזאָג אויף מו’נטערע קלאַ’נגען פֿון שײַ’ער –
אין ייִ’דישן וואָרט, ווי ס’איז ווילד, ווי ס’איז מילד, ווי ס’איז טײַ’ער...

משה קו’לבאַק

## דער זיי’דע מיט די פֿע’טערס

אָ, דער זיי’דע פֿון קאָבי’לניק איז אַ ייִד אַ פּשוטער,
אַ פּוי’ער מיט אַ פּעלץ און מיט אַ האַק און מיט אַ פֿערד...
און מײַ’נע זעכצן פֿע’טערס און מײַן טאַ’טע –
ייִדן פּראָ’סטע, ייִדן ווי די שטי’קער ערד,
טרײַבן פּליטן אויף די טײַכן... שלעפּן קלע’צער פֿון די ווע’לדער...
און דעם גאַנצן טאָג געהאָ’רעוועט ווי כלאָ’פּעס,
עסט מען ווע’טשערע פֿאַר נאַכט צוזאַ’מען פֿון איין שיסל,
און מע פֿאַלט אַני’דער אין די זעכצן בעטן ווי די סנאָ’פּעס.
דער זיי’דע, אָ, דער זיי’דע קלע’טערט קוים אַרוי’פֿעט אויפֿן אויוון,
ער איז דער אַ’לטיטשקער בײַם טיש אַנטשלאָ’פֿן שוין געוואָ’רן,
נאָר די פֿיס – זיי ווייסן, פֿירן זיי אַליי’ן אים אָפּ צום אויוון...
דעם זיידנס גו’טע פֿיס, וואָס די’נען אים פֿון כּמה [ка'мэ] יאָרן...

זע’ליק בערדי’טשעווער (1898 - 1937)

## מלאָכה־מלוכה

בין איך מיר אַ סטאָ’ליערל,
רופֿט מען מיך ר’ [рэб] פֿישל,
כּ’מאַך אַ טיר, אַ פֿע’נצטערל,
אַ בע’נקעלע, אַ טישל.

טאַנצט און זינגט מײַן זע'געלע,
שנײַ'דנדיק די ברע'טלעך,
באַפּו'צן וועט דאָך או'נדזער מי
דע'רפֿעלעך און שטע'טלעך.

ווערן הענט און פֿיס מיר שווער,
הי'קעט צו דער הובל,
און דאָס האַרץ –
עס קלאַפּט מיר זיי'ער –
האָט נישט קיין פֿאַראי'בל!

ווער סע ווייסט נישט, ווער סע ווייסט נישט,
זאָל אַצי'נדער וויסן –
ווי שווער און בי'טער, קאַרג און שי'טער
קומט אונדז אָן דער ביסן.
היי, לע'בעדיק, פֿריי'לעך
וואָס איז דאָ דער חידוש?
מלאָכה־מלוכע
זינגט במנוחה [бэмэну'хэ]
אַ ליי'דעלע אַ יי'דישס!

בין איך מיר א שנײַ'דערל,
רופֿט מען מיך ר' בערל,
ניי איך מיטן נאָ'דעלע,
שנײַד איך מיטן שערל;
פּרעס איך מיטן פּרע'סעלע,
שטעפּ מיט דעם מאַשי'נדל,
פֿאַ'רטיקט זיך אַ מלבושל [ма'лбэшл]
פֿאַרן נגידס [но'гидс] זינדל.

אוי'סגעפּוצט דאָס נגידל,
איז ער מלא שׂמחה [мо'лэ си'мхэ];
נאָר דעם שנײַ'דערס יורשל [йо'йрэшл]
הו'נגערן איז אַ מומחה [му'мхэ].
ווער סע ווייסט נישט...

בין איך מיר אַ שו'סטערל,
קלאַפּ איך מיט אַ פֿלעקל,
אָ'נגעטאָן אַ פֿאַ'רטעכל,
דאַרף איך נישט קיין רעקל.
זיץ איך אויף דעם בע'נקעלע,
טאַנצט בײַ מיר דער האַ'מער,

האָב איך נישט קיין שטי'בעלע –
ווי'ן איך אין אַ קאַ'מער.
גיסט און גיסט אַ רע'גנדל,
וואַקסט און וואַקסט די בלאָ'טע,
זי'ץ איך אויף דעם בע'נקעלע,
לאַ'טעווע און לאַ'טע.

ווייל איז דעם וואָס איז אַ שו'סטער
איז אַזאַ פּאָגאָ'דע!
מאָנט דאָס ווײַב בײַ מיר אויף פּי'טע,
כ'מאַך זיך כלא־ידע [ки'лэ-йо'дэ].

ווער סע ווייסט נישט...

## לידער פֿון קינדער און יוגנטלעכע געשאַפֿן אין די געטאָס

עטל גורע'וויטש, 11 יאָר אַלט; קאָ'וונער גע'טאָ

### בײַ אונדז אין גע'טאָ

בײַ אונדז אין גע'טאָ איז געננו'ג בי'טער,
פֿון יעדן שאָס מע דערלאַ'נגט אַ צי'טער.
פּאָסטנס שטייען בײַ אַ'לע גע'טאָ קאַנטן,
ווי מיר וואָלטן געווע'ן די גרע'סטע אַרעסטאַ'נטן.

ווי עס קומט די נײַ'ע וואָך
גייט אַרוי'ף אַ נײַ'ע יאָך
און מע טראַכט דאַן, ווער ווייס וואָס
וועט זײַן מאָרגן? –
נײַ'ע לײַדן, נײַ'ע זאָרגן.

אסתּר שטום, 12 יאָר אַלט; ביאַ'ליסטאָקער גע'טאָ

### גאָט, ווי דאָס טוט וויי!

איינס, צוויי, דרײַ,
ווען וועלן מיר זײַן פֿרײַ?
הו'נגעריק, באָ'רוועס, אָ'פּגעריסן,
פֿון טאַ'טע־מאַ'מע גאָ'רניט וויסן,
גאָט, ווי דאָס טוט וויי!

איינס, צוויי, דרײַ,
דער טאָג וויל ניט פֿאַרבײַ',
שלעפּן ציגל, ברע'טער, שטיי'נער,
און פֿון טוי'טע מענטשן ביי'נער.
גאָט, ווי דאָס טוט וויי!

איינס, צוויי, דרײַ,
הער מײַן געשריי',
פֿון או'מבאַקאַנטע מאַסן־קבֿרים,
קליי'נע קי'נדער פֿון חדרים,
קיין מאַ'מעס דאָ מיט זיי.

איינס, צוויי, דרײַ,
גלויבן מיר געטרײַ'.
וואַרטן מיר און האָפֿן
ווי דו האָסט אונדז פֿאַרשפּראָ'כן –
עם ישׂראל חי [ам йисро'эл хай]!

יעקבֿ בע'רמאַן, 17 יאָר אַלט; רי'גער געטאָ

## די זון איז אַרײַ'ן אין די וואָלקנס

די זון איז אַרײַ'ן אין די וואָלקנס,
עס האָט אָ'נגענומען אַן אַ'רקטישע קעלט.
מענטשן זײַ'נען ווי'לדער ווי די חיות,
איך דע'רקען שוין מער נישט די וועלט.

מע האָט אונדז אַרײַ'נגעוואָרפֿן אין גע'טאָ
פֿון אויסן פֿאַרצאַ'מט מיט אַ שטעכל־דראָט,
ניטאָ' קיין פֿאַמי'ליעס,
עס לעבן נאָר איי'נציקע יתומים.

די ברי'דער אין אָסטן זיי קעמפֿן,
זיי שרעקט ניט קיין שניי און קיין קעלט,
נאָר זיי וועט געהע'רן די צו'קונפֿט,
נאָר זיי וועט געהע'רן די וועלט.

**חיהלע פּאָזנאַ׳נסקי, 15 יאָר אַלט; ווי׳לנער גע׳טאָ**

## אַ מאַ׳מע

איך בין אוי׳פֿגעשטאַנען באַגי׳נען
און דערמאָ׳נען זיך ע׳פּעס געוואָ׳לט.
גלײַך בי׳סטו מיר אַרוי׳ף אויפֿן זי׳נען
און דײַן בילד האָט פֿאַר מיר זיך געמאָ׳לט.

אַך, ווי גוט ס׳איז צו זײַן נאָר צוזאַ׳מען,
ניט פֿאַרשטאַ׳נען האָב איך עס אַמאָ׳ל,
אַך, ווי שלעכט ס׳איז צו זײַן אָן אַ מאַ׳מען,
אַך, ווי בי׳טער צו לעבן אָן איר.

**יצחק לו׳דען**

## 100 יאָר „בונד“

„בונד“ און זײַן היסטאָ׳רישע ראָל אין לויף פֿון 20סטן יאָרהו׳נדערט

דאָס יאָר 1897 שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ ווענדיאָר אין דער ייִ׳דישער געשי׳כטע, מחמת אין דעם יאָר זײַ׳נען אוי׳פֿגעקומען די דרײַ ביז גאָר ווי׳כטיקע פֿאַקטאָ׳רן אין לעבן פֿון ייִ׳דישן פֿאָלק.

דער פּאָלי׳טישער ציוני׳זם – אין באַזל, דהײַנו אין מערבֿ־איראָפּע, דער ייִ׳דישער אַ׳רבעטער בונד אין ווי׳לנע, דהײַנו אין מיזרח־איראָפּע, און דער „פֿאָ׳רווערטס“ אין ניו־יאָרק, אין דער „נײַ׳ער וועלט“ – ווי דער גײַ׳סטיקער באַשפּײַ׳זער פֿאַר דער מיזרח־איראָפּעיִשער אימיגראַ׳ציע אין אַמע׳ריקע.

ווי אַן אידעאָלאָ׳גישע באַווע׳גונג איז דאָס געווע׳ן דער „בונד“, וועלכער האָט אַדו׳רכגעפֿירט אין מיזרח־איראָפּע די טי׳פֿסטע אי׳בערקערעניש אין ייִ׳דישן לעבן, אַרײַ׳נברענגענדיק ליכט אין דעם פֿי׳נצטערן לעבן פֿון די סאַ׳מע ברײי׳טסטע רע׳כטלאָזע מאַסן, און שטע׳לנדיק זיך אין שוץ פֿון זיי׳ערע לע׳בנסנייטיקע אַקטוע׳לע טאָג־טעגלעכע באַדע׳רפֿענישן.

דער „בונד“ האָט באַזי׳רט זײַן פּראָגראַ׳ם סײַ אויף די נאַציאָנאַ׳לע און סײַ אויף די סאָציאַ׳לע אינטערע׳סן, ווי אויך אויף די קולטו׳ר־ געזע׳לשאַפֿטלעכע באַדע׳רפֿענישן פֿון די ייִ׳דישע אַ׳רבעטער־מאַסן אין מזרח־איראָפּע.

ביי׳דע רי׳כטונגען, סײַ דער „בונד“ און סײַ דער פּאָלי׳טישער ציוני׳זם, זײַ׳נען אוי׳פֿגעקומען, ווי אַ מרידה קעגן דער געזע׳לשאַפֿטלעכער סטאַגנאַ׳ציע און נאַציאָנאַ׳לער דיסקרימינאַ׳ציע, פֿון וועלכער דאָס ייִ׳דישע פֿאָלק האָט געלי׳טן, די סאָציאַ׳לע עוולה פֿון דעם ייִ׳דישן אַ׳רבעטער האָט דעם ציוני׳זם צו יע׳נער צײַט (ביזן אוי׳פֿקום פֿון ציוני׳סטיש־סאָציאַליסטישן פֿליגל) ניט באַשע׳פֿטיקט. קעגנאי׳בער דעם ציוני׳זם, וועלכער האָט פֿאָ׳רגעשטעלט די טעריטאָריע׳לע לײי׳זונג, דורך עקזאָדוס – יציאת־איראָפּע און דורך קאָנצענטרי׳רן די ייִדן „אין לאַנד פֿון די אָבֿות“

– האָט דער „בונד“ זיך געשטע׳לט אויף דער פּאָזי׳ציע פֿון קאַמף פֿאַר די סאָציאַ׳לע און נאַציאָנאַ׳לע רעכט אויפֿן אָרט. אין אָט דעם קאַמף האָט דער „בונד“ אַרײַ׳נגעבריינגט אין ייִ׳דישן לעבן דעם ברוי׳זנדיקן פּולס פֿון נאַציאָנאַ׳לער אַנטוויי׳קלונג אויף אַ׳לע געבי׳טן; האָט אוי׳פֿגעשטעלט אַ שטאַ׳רקע פּראָפֿעסיאָנע׳לע באַוועגונג, אַ נעץ פֿון ייִ׳דיש־וועלטלעכע שולן, האָט סטימולי׳רט דאָס אוי׳פֿשטעלן כּלערליי אינסטיטו׳ציעס פֿון נאַציאָנאַ׳לער זעלבסט־באַשטימונג.

די שרע׳קלעכע דערפֿאַ׳רונג פֿון או׳נדזער דור האָט געברע׳נגט, נאָכן חורבן, דעם נצחון דער ציוני׳סטישער וועלט־באַוועגונג, אָ׳בער נישט דער ציוני׳סטישער אידעאָלאָ׳גיע. די אַ׳נטשטייונג פֿון דער ייִ׳דישער מדינה איז געווע׳ן נישט בלויז אַ רעזולטאַ׳ט פֿון דעם קאַמף, וועלכן עס האָט געפֿי׳רט פֿאַר איר די ציוני׳סטישע באַוועגונג, נאָר אויך – און אפֿשר דער עיקר – אַ פֿאַרגי׳טיקונג מצד [мица'д] דער פֿאַרשו׳לדיקטער וועלט פֿאַר דעם אוי׳סגעבלוטיקטן ייִ׳דישן פֿאָלק. זי האָט אָ׳בער נישט געליי׳זט דעם שורשדיקן [шо'йрэшдикн] פּראָבלע׳ם, וואָס האָט מיט 100 יאָר צורי׳ק געברע׳נגט צו דער גרי׳נדונג פֿון ביי׳דע אידעאָלאָ׳גישע באַווע׳גונגען – דעם „בונד“ און דעם ציוני׳זם.

די ע׳רשטע 50 יאָר פֿון זיי׳ער עקזיסטע׳נץ – איז דער אידע׳יִשער גערא׳נגל צווישן „בונד“ און דעם ציוני׳זם אָ׳נגעגאַנגען ווי אַ גערא׳נגל צווישן אַ דעמאָלט רעאַ׳לער „דאָ׳יִקייט“ און אַ נישט רעאַ׳לער, אָ׳דער אַ ספֿק־רעאַלער „דאָ׳רטיקייט“, וואָס איז אין יע׳נער צײַט אין אַ גרוי׳סער מאָס געווע׳ן אַן אוטאָ׳פּיע. האָט דאָך דעמאָלט, פֿאַר דעם חורבן, געלע׳בט אויף דער וועלט אַ פֿאָלק פֿון 18 מיליאָ׳ן נפֿשות [нэфа'шэс], און אַפֿילו אויך נאָך דער באַ׳לפֿור־פֿאַרפֿליכטונג זע׳נען די אײַ׳נוואַנדערונגס־מעגלעכקייטן אין דעם צו׳געזאָגטן לאַנד געווע׳ן שטאַרק, זייער שטאַרק באַשרע׳נקט. דערפֿאַ׳ר טאַ׳קע איז דער קאַמף קעגן די דיסקרימינאַ׳ציעס און פֿאַר דער נאַציאָנאַ׳לער גלײַ׳כבאַרעכטיקונג, און דער גערא׳נגל פֿאַר רעכט אויף אַ׳רבעט און פֿאַר סאָציאַ׳לן יושר אויפֿן אָרט געווע׳ן דער געבאָ׳ט פֿון דער שעה [шо] און דער קוואַל, וואָס האָט געצוי׳גן די ייִ׳דישע אַ׳רבעטער־מאַסן צום „בונד“; דאָס איז געווע׳ן דער מקור פֿון די מאַסי׳ווע דערפֿאָ׳לגן פֿון „בונד“ אין די סוף־דרײַ׳סיקער יאָרן אין פּוילן.

עס איז נאַטי׳רלעך, אַז דער חורבן פֿון איין זײַט, און פֿון דער אַ׳נדערער זײַט דער אוי׳פֿקום פֿון מדינת־ישׂראל, האָבן אוי׳פֿגעוועקט די כוואַ׳ליע פֿון נאַציאָנאַ׳לן ייִאוש [шэ'йи], און דערנאָ׳ך די כוואַ׳ליע פֿון נאַציאָנאַלי׳סטישן ענטוזיאַ׳זם. דער „בונד“, ווי אַ באַווע׳גונג, וואָס איז געווע׳ן קאָנצענטרי׳רט אין מיזרח־אייראָפּע, איז געוואָ׳רן צעשמע׳טערט מיטן או׳מקום פֿון זײַ׳נע מאַסן אין מיזרח־אייראָפּע, דער עיקר אין פּוילן. די אָרטאָדאָ׳קסיע, דער ציוני׳זם און אַפֿילו דער קאָמוני׳זם (בײַ ייִדן) – האָבן אַלס וועלט־באַוועגונגען ווײ׳ניקער געלי׳טן פֿון דעם חורבן. אָ׳בער די בו׳נדישע אידעאָלאָ׳גיע האָט נישט פֿאַרלוי׳רן פֿון איר לע׳בנסווערטיקייט, ווײַל דער ציוני׳זם האָט זײַן עיקרדיקן ציל נישט דערגריי׳כט: הגם עס איז פֿאַרווי׳רקלעכט געוואָ׳רן דער אַ׳לטער חלום וועגן אַ ייִ׳דישער מדינה – קען זי אָ׳בער אַרײַ׳ננעמען אין זיך נאָר אַ טייל, אָ׳בער זי׳כער נישט די מע׳רהייט פֿון ייִ׳דישן פֿאָלק; זי קען נישט לייזן דאָס אַזוי׳ גערו׳פֿענע ייִדן־פּראָבלעם, זי איז נישט בכוח צו ליקווידי׳רן דעם אַנטיסעמיטי׳זם און אויך נישט די אַסימילאַ׳ציע, וואָס רײַסט שטי׳קער פֿון דעם ייִ׳דישן וועלט־פֿאָלק.

דער הע'רשנדיקער רעזשי'ם אין דער יי'דישער מדינה האָט ווײַט נישט מקיים געווע'ן דעם חלום פֿון אי'רע טרוי'מער און גרי'נדער.

די מע'רהייט פֿון יי'דישן פֿאָלק בלײַבט ווײַ'טער צעשפריי'ט אויף דער וועלט.

דער „בונד“ שטרעבט צו זע'לבסטבאַשטימונג פֿון די יי'דישע יי'שובֿים אין דער צעשפריי'טקייט. דער „בונד“ זעט אין דער יי'דישער שפּראַך די אידענטיטע'ט־קאַרטע פֿון דער אָ'נגעהעריקייט צום יי'דישן פֿאָלק. און ער באַטראַ'כט זי ווי די עפֿעקטי'ווסטע דאַמבע קעגן דער אַסימילאַ'ציע. דער טי'פֿער קרי'זיס פֿון דער יי'דישער שפּראַך און קולטו'ר איז איי'נער פֿון די ווי'כטיקסטע פֿאַקטאָ'רן און סיבות פֿון דער אָ'נגייענדיקער און פֿאַרפֿליי'צנדיקער אַסימילאַ'ציע. די ציוני'סטישע באַווע'גונג, די סוכנות, וואָס איר גאַ'נצע עקזיסטע'נץ און טע'טיקייט איז או'נטערגעוואָרפֿן די אוי'סשליסלעכע אינטערע'סן פֿון מדינת־ישראל, האָט אוי'סגעשלאָסן יי'דיש פֿון איר דערצי'ונגס־טעטיקייט צווישן די יי'דן אין די תּפֿוצות, און דערמי'ט העלפֿט זי שטאַרקן די אַסימילאַ'ציע צווישן די יי'דן אין די תּפֿוצות. יי'דיש וואָלט דאָך געקע'נט די'נען ווי אַ גלע'נצנדיקע גײַ'סטיקע בריק צווישן די אַשכּנזישע תּפֿוצות און מדינת־ישראל.

דער „בונד“ זעט אויך אין אַ וועלט פֿון נישט געפּע'לשטן סאָציאַלי'זם די אמתע גאַראַ'נטיע קעגן דעם אַנטיסעמיטי'זם, קעגן נאַציאָנאַ'לער דיסקרימינאַ'ציע, פֿאַר או'מגעשטערטן פּלוראַלי'זם אין יי'דישן לעבן און פֿאַר פֿרײַ'ער זע'לבסטבאַשטימונג פֿון יעדן קאָלעקטי'וו און פֿון יעדן יחיד, די גאַראַ'נטיע פֿאַר דעם פֿרײַ'ען המשך [hэ'мшэх] פֿון יי'דישן פֿאָלק.

דאָס איז אויך הײַנט די שיי'דליניע צווישן דעם „בונד“ און דעם ציוני'זם – די צוויי פּאַראַלע'לע רי'כטונגען, וואָס האָבן צוזאַ'מען געווי'רקט אין גאַנצן לויף פֿון דעם צוואַ'נציקסטן יאָרהו'נדערט. זיי'ערע כּוחות זע'נען, ווי מיר ווייסן, גאָר ווײַט נישט קיין גלײַ'כע. נאָך 100 יאָר עקזיסטע'נץ שטיי'ען זיי איצט אָ'בער ביי'דע פֿאַר נײַ'ע רע'טענישן, אַרוי'סֿפֿאָדערונגען און פּערספּעקטי'וון – אין דעם 21טן יאָרהו'נדערט, וועלכער שטייט און וואַרט אויף דער שוועל.

### לייב נײַדוס (1830 - 1918)

## נעמילע [но'ймэлэ]

אַ לי'בעס קינד איז נעמילע. אַ קליי'נע, בלאָ'נדע מיי'דעלע,
דער פֿי'נפֿטער פֿרי'לינג גייט איר שוין אַנטקע'גן פֿון דער ווײַט;
זי האָט צוויי בלוי'ע איי'געלעך און ברע'מען לאַ'נגע, איי'דעלע,
וואָס צי'טערן ווי פֿע'דעמלעך, ווי פֿע'דעמלעך פֿון זײַד.

דער קאָפּ אין הע'לע פֿרע'נדזעלעך, אין גאָלד־געלאָקטע גלע'קעלעך,
צעשטראַ'לטע ווי אַ יו'ני־טאָג און לײַ'כטע ווי אַ טרוים,
זיי קריי'זלען זיך און קושן קוים די ראָ'זקייט פֿון די בע'קעלעך,
וואָס גלוסטן זיך, ווי ע'פּעלעך, געפֿאַ'לן ערשט פֿון בוים.

אַ קורץ פֿאַררי'סן נע'זעלע פֿאַרמאָ'גט די קליי'נע נעמילע,
און די'נע, די'נע לי'פּעלעך ווי ראָ'זער אָוונט־שניי;
איר ביי'געוודיקער קע'רפּערל איז ווי אַ פֿרי'לינג ביי'מעלע,
וואָס רוישט בײַם מי'נדסטן ווי'נטעלע און ווייסט נאָך נישט קיין וויי.

דעם טאָג דעם גאַנצן שפּילט זי זיך אויף בייטן פֿאַ'רביק־בלומיקע,
דעם טאָג דעם גאַנצן באָדט זי זיך אין בלו'מען ווי אַ בלום;
עס קוקן ווי פֿאַרוווּ'נדערטע די בלו'מען די אַרו'מיקע,
און גלעטן זי, און בעטן זי, און רופֿן לי'בלעך: „קום!...“

זי חבֿרט זיך אַ גאַנצן טאָג מיט שמע'טערלינגען לו'פֿטיקע,
וואָס שטעלן זיך אָפּט אָפּ אויף איר און מיי'נען ס'איז אַ רויז;
זי שפּילט מיט זיי, ביז ס'קו'מען אָן אין אָוונט ווי'נטעלעך דו'פֿטיקע
און פֿירן זי מיט פֿעלד־גערוך אַהיי'ם צו זיך אין הויז.

און דאָ אין ווײַסן בע'טעלע, שטיל שלאָפֿן אײַן די איי'געלעך,
די קליי'נע בלוי'ע הי'מעלעך, ווי יו'נגע מי'דע שאָף,
אַ נאַכט אַ גאַ'נצע טרוי'מען זיי פֿון בלו'מען און פֿון פֿיי'געלעך;
דער פֿי'נפֿטער פֿרי'לינג שמייכלט עס צו איר אין קי'נדער־שלאָף.

## רבי עקיבֿא [ра'би аки'вэ]

(„פֿאָ'רווערטס“, 9-טן יאַנואַר 1998)

רבי עקיבֿא איז אין זײַן יוגנט געווע'ן אַ פּאַ'סטעך בײַם ירושלימער גבֿיר כּלבא שבֿוע [ка'лбэ саву'э], געוואַ'קסן איז ער אַן עם־הארץ [амо'рэц]. האָט זיך אין אים פֿאַרלי'בט די טאָ'כטער פֿון כּלבא שבֿוע און חתונה געהאַ'ט מיט אים אין געהיי'ם, קעגן איר טאַטנס ווילן. זי האָט אים צו'גערעדט, ער זאָל אַוועק לע'רנען תּורה. האָט ער זי געפֿאָ'לגט און איז געוואָ'רן אַ תּלמיד פֿון רבי אליעזר בן הורקנוס [элиэ'зэр бэн hурка'нэс], רבי יהושע [йеhо'йшуэ] און רבי נחום איש גמזו [но'хэм иш га'мзэ]. מיט דער צײַט איז רבי עקיבֿא געוואָ'רן איי'נער פֿון די גרע'סטע תּנאים [тано'им] און געהאַ'ט זײַן ישיבֿה אין בני־ברק.

עס שטייט אַפֿילו געשרי'בן, אַז ער האָט אין איין צײַט געהאַ'ט פֿיר און צוואַ'נציק טויזנט תּלמידים. רבי עקיבֿא איז אַרו'מגעפֿאָרן אי'בער שטעט און לע'נדער ווו נאָר ס'האָבן געוווי'נט ייִדן. ער האָט זיי געמו'טיקט, געוועקט און זיי צו'גערעדט צו באַטיי'ליקן זיך אי'נעם אוי'פֿשטאַנד קעגן די רוי'מער. ווען עס איז אוי'סגעבראָכן דער אוי'פֿשטאַנד אין ארץ־ישׂראל מיט בר־כּוכבא בראָש [бэро'ш], איז רבי עקיבֿא געוואָ'רן זײַנס אַן אָ'נהענגער און געגליי'בט, אַז ער וועט ברע'נגען די דערליי'זונג. ער האָט אפילו געגליי'בט, אַז בר־כוכבא איז משיח [моши'эх]. נאָכן גרויסן דו'רכפֿאַל, וואָס בר־כּוכבא און זײַ'נע חיילות [хайо'лэс] האָבן געלי'טן, האָבן די רוי'מער אײַ'נגעפֿירט נאָך שטרע'נגערע גזירות אויף ייִדן און איי'נע פֿון זיי איז געווע'ן דער פֿאַרבאָ'ט צו לע'רנען תּורה. רבי עקיבֿא האָט נישט אוי'סגעפֿאָלגט דעם

פֿאַרבאָ'ט. ער האָט ע'פֿנטלעך וויי'טער געלע'רנט מיט זײַ'נע תּלמידים. האָבן די רוי'מער אים אַרעסטי'רט און אַרײַ'נגעוואָרפֿן אין תּפֿיסה. אָ'בער זײַ'נע תּלמידים זײַ'נען געקו'מען צו אים און ער האָט מיט זיי ווײַ'טער געלע'רנט.

מ'האָט אים פֿאַראו'רטיילט צום טויט און ווען מ'האָט אים געפֿי'רט צום או'מקום, איז עס געווע'ן אין דער צײַט פֿון קריאת־שמע [кри'шмэ] ליי'ענען. און כאָטש מ'האָט גערי'סן זײַן לײַב מיט שפּי'ציקע אײַזנס, האָט ער נישט אוי'פֿגעהערט צו מו'רמלען די תּפֿילה און אוי'סגעגאַנגען מיטן וואָרט „אחד“ [эхо'д] אויף זײַ'נע פֿאַרבלו'טיקטע ליפּן. זײַ'נע תּלמידים זײַ'נען פֿון צווישן די אָ'נגעזעענסטע תּנאָים פֿון יע'נער צײַט.

**אליעזר שטיי'נבאַרג (1880 - 1932)**

## די שפּיז און די נאָדל

איי'נער (ראובֿן [рувн], שמעון [ши'мэн] אָ'דער איקס)
קומט פֿון דער מלחמה מיט אַ ביקס
און שפּאַרט זי אָן אין קאָמאָ'דל,
ווו געשטע'קט אַ די'נע נאָדל.
– אָט אַ נאָדל, אָט אַ ריז!
(טראַכט דאָס נע'דעלע, דערזע'ענדיק די שפּיז)
קליי'דער מאַכט אַוודאי [ава'дэ] זי פֿון אײַזן צי פֿון בלעך,
און אויף גיך, מיט רי'זנשטעך!
פֿאַר אַ גוג־מגוג מסתמא, צי אַזוי' אַ ריז, אַ גדול [годл]...
און די שפּיז? זי קוקט, באַטראַכט די נאָדל,
– אָט אַ שפּי'זעלע אַ שרעטל!
חידוש, וואָס סע לויפֿט זיך נישט צונוי'ף דאָס שטעטל
אויף דעם שנע'קעלע צו קוקן!
קאָ'מיש! אַזוי' קאָ'מיש! נו, ווי מאַכט מען ניט מיט אים אַ שפּאַס?...
זאָג מיר, ברו'דערל, ניט שעם זיך: אמת, וואָס מע שמו'עסט אין גאַס?
ביסט אַ פֿײַ'ער! קו'מסט אין כּעס [ка'ас], איז מסוכּן [мэсу'кн]!
מיט אַ מאָל דערשטע'כסטו, זאָגט מען, זיבן פֿליגן!
– שקר [шэ'кэр]! (שרײַט די נאָדל) ליגן!
איך קען שווערן דיר בײַם מע'נטעלע פֿון ספֿר־תּורה,
לײַוונט שטעך איך, לײַוונט! ס'איז אַזאַ' מין סחורה...
– כאַ, כאַ, כאַ! ער שטעכט גאָר לײַוונט! לײַוונט שטעכט ער!
– וואָס זשע ווילט איר (פֿרעגט די נאָדל), איך זאָל שטעכן בלעך?!
עך, עך,
ווען ווי איר איך גרויס!
– אוי, געוואַ'לד, איך האַלט נישט אויס!
(שרײַט די ביקס) איך שיס!
– זײַט מוחל [мойхл] (זאָגט די נאָדל), ניט געמיי'נט צום שלעכטן

ניט קײן לײַוונט, ניט קײן בלעך – איז וואָס זשע שטעכט'ן?
– מענטשן שטעכט מען! מענטשן (זאָגט די שפּיז).
אָ'בער דאָ די נאָדל שוין געגנו'מען לאַכן,
נאָר אַ לאַכן – אפשר לאַכט זי נאָך:
כי, כי, כי! און אַך, אַך, אַך! און אָך, אָך, אָך!
– שטעך איך, זאָגט זי, לײַוונט, מאַך אַ שטעכל, נאָך אַ שטאָך,
ווערט אַ העמדל, ווערט אַ מלבוש [ма'лбэш] – זאַכן:
אָ'בער מענטש – שטעך הײַנט, שטעך מאָרגן אים,
וואָס ווע'סטו פון אים מאַכן?!

ישראל גו'טווירט

## יע'דער ייִד איז מחויב [мэху'йев] צו געבן צדקה

די מצווה פון צדקה איז שוין אַזוי אַלט ווי דאָס ייִ'דישע פאָלק. „אַ'לע זײַ'נען מיר מחויב צו געבן צדקה", שרײַבט דער גרוי'סער ייִ'דישער גאָון [го'йен], דער רמב"ם [рамба'м], אַפילו די, וואָס לעבן אַלײ'ן אין דחקות [да'хкэс]. ווײַל ווי גרויס עס זאָל נישט זײַן די דחקות, אין ווע'לכער דו לעבסט, געפי'נען זיך פיל אַ'נדערע, וואָס לעבן אין אַ נאָך גרע'סערער דחקות.

מע דאַרף קאָ'נען געבן צדקה. נישט נאָר ווען מע האָט צו געבן, נאָר אויך ווען מע האָט נישט, ווען מע לעבט אַלײ'ן אין אָ'רעמקייט. אויב דו האָסט אַלײ'ן קיין אַ'נדער וועג נישט, טאָ צעטײ'ל זיך מיט דײַן מאָ'לצײַט. דו וועסט נישט שטאַרבן, אויב דו וועסט אַ שטיקל צײַט עסן נאָר אַ העלפט פון דעם, וואָס דו דאַרפסט עסן. אויב אָ'בער ער וועט נישט עסן, וועט ער יאָ שטאַרבן.

און נישט נאָר דער, וואָס לעבט אין אָ'רעמקייט איז מחויב צדקה צו געבן, נאָר אויך אַפילו דער, וואָס לעבט אַלײ'ן פון צדקה. צדקה קען זײ'ער פיל אוי'פטאָן, נישט בלויז מיט אַ גרוי'סער סו'מע, מע קען אַמאָ'ל מיט אַ קלײ'ניקייט דערהאַ'לטן אײ'נעם בײַם לעבן.

אַן אָ'רעמאַן, ווע'מען מע קען נישט און ער זאָגט: „איך בין הו'נגעריק, גיט מיר עסן", איז מען נישט בודק [бо'йдэк] צי ער איז נישט קיין שווי'נדלער, נאָר מע שפּײַזט אים באַלד. ווען ער איז געווע'ן נישט אָ'נגעטאָן און געבעטן: „טוט מיך אָן", טוט מען אים באַלד אָן לפי כבודו [лэфи' кво'йдой]. מע דאַרף נישט דערזו'כן ווען אים.

צדקה – שרײַבט דער רמב"ם – אויב דו קענסט נישט געבן קיין נדבה [нэдо'вэ], גיב אים כאָטש דײַן מיטגעפי'ל. ותפק לרעב נפשך [вэсофэ'йк нафшэхо' лороэ'йв] (ישעיהו נ"ח [йешай'оhу нун-хэс]). דו זאָלסט דעם הו'נגעריקן דײַן נשמה אַנטקע'גנטראָגן. אויב דו האָסט נישט צו געבן אים, טרייסט אים מיט רייד, בעט אים אי'בער מיט רייד.

אַ מענטש ווערט קיין מאָל נישט אָ'רעם פון געבן צדקה – שרײַבט דער רמב"ם. קיין שום שלע'כטע זאַך אָ'דער שאָדן קען נישט קו'מען פון געבן צדקה. ווער עס האָט רחמנות [рахмо'нэс] – איז מען זיך אויף אים מרחם [мэра'хэм] אין הימל.

צום סוף [соф] ווילן מיר דאָ ציטי'רן די אַכט מדרגות [мадрэ'йгэс] פֿו'נעם רמב"ם וועגן צדקה:

1) די הע'כסטע, די אַ'כטע מדרגה איז ווען מע העלפֿט דעם אָרעמאַ'ן דורך אַ געשאַ'נק, אָ'דער מע געפֿי'נט פֿאַר אים ע'פּעס אַ באַשע'פֿטיקונג אַזוי', אַז ער זאָל פֿאַרשפּאָ'רן צו גייִן בעטן הילף בײַ מענטשן;

2) דער, וואָס גיט צדקה, טוט עס אויף אַזאַ' אופֿן, אַז נישט ער ווייסט, ווע'מען ער גיט, און נישט דער אָרעמאַ'ן ווייסט, פֿון ווע'מען ער האָט באַ־קו'מען;

3) ווען דער גע'בער ווייסט יאָ, ווע'מען ער גיט, כאָטש דער אָרעמאַ'ן ווייסט נישט, פֿון ווע'מען ער האָט באַקו'מען;

4) ווען דער אָרעמאַ'ן ווייסט, פֿון ווע'מען ער האָט באַקו'מען, און בלויז דער גע'בער ווייסט נישט, ווע'מען ער האָט גע'געבן;

5) וועןביידע, סײַ דער, וואָס גיט, און סײַ דער, וואָס נעמט, ווייסן, הגם דער געבער איז אויף אַזוי פֿיל איידל, אַז ער וואַרט נישט, אַז דער אָרעמאַ'ן זאָל אים בעטן;

6) ווען מע גיט ערשט דאַן, ווען דער אָרעמאַ'ן האָט אַליי'ן געבע'טן;

7) אַ קלע'נערע מדרגה איז ווען מע גיט צו ווייניק, דאָך מיט אַ פֿריי'לעך פּנים און אַ שמייכל אויף די ליפּן;

8) די קלע'נסטע מדרגה איז ווען מע גיט ע'פּעס דעם אָרעמאַ'ן מאַ'כנדיק דערבײַ' אַ קרו'מע מי'נע.

## טעאָדאָ'ר הערצל

(פֿון אוריאל ווײַ'נרײַכס „קאָ'לעדזש ייִ'דיש")

ד"ר טעאָדאָ'ר הערצל איז געווע'ן דער ע'רשטער אין זײַן דור, וואָס האָט געוואָ'לט שאַפֿן אַ ייִ'דישע מלוכה אין ארץ־ישׂראל. ער האָט געטראַ'כט, אַז אויב ייִדן וועלן האָבן אַ מלוכה, וועלן זיך ע'נדיקן זיי'ערע צרות. לויט זײַן פּלאַן האָבן ייִדן פֿון דער גאַ'נצער וועלט, דער עיקר די אָ'רעמע, געדאַ'רפֿט אַרי'בערפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל און דאָרטן בוי'ען אַ ייִ'דיש לאַנד. צו די, וואָס האָבן געמיי'נט, אַז אַזאַ' זאַך איז ניט מי'גלעך, האָט הערצל געזאָ'גט: „אויב איר ווילט נאָר, איז עס ניט קיין מעשׂהלע". טוי'זנטער יאָרן, פֿון דער צײַט ווען מען האָט זיי אַווע'קגעטריבן פֿון ארץ־ישׂראל, איז בײַ פֿרו'מע ייִדן געווע'ן אַ חלום, אַז ייִדן וועלן זיך או'מקערן אַהי'ן. אַ סך פֿרו'מע ייִדן זײַ'נען געפֿאָ'רן קיין ארץ־ישׂראל, ווען זיי זײַ'נען אַלט געוואָ'רן, ווײַל זיי האָבן געוואָ'לט דאָרטן שטאַרבן. יעדן פּסח בעטן ייִדן אין דער הגדה, אַז איבער אַ יאָר זאָלן זיי שוין זײַן אין ירושלים. אָ'בער דער פּלאַן צו קריגן פֿאַר ייִדן אַן איי'גענע מלוכה איז אין הערצלס צײַט געווע'ן אין גאַנצן אַ נײַ'ער.

ד"ר הערצל האָט געלע'בט זיי'ער אַן אינטערעסאַ'נט לעבן. ער איז געבוי'רן געוואָ'רן אין 1860 אין בודאַפּע'שט (או'נגערן). ער האָט זיך געלע'רנט אין אוניווערסיטע'ט אין ווין, און נאָך דעם איז ער געוואָ'רן אַ שרײַ'בער פֿאַר אַ צײַ'טונג. ווען ער איז געווע'ן אין פֿראַ'נקרײַך, האָט אים דאָרטן טיף אָ'נגערירט דער אַנטיסעמיטי'זם. ער איז דע'מאָלט געקו'מען צום אויספֿיר, אַז ייִדן זײַ'נען ניט זי'כער

אין קיין איין לאַנד אין אייראָפּע, אַפֿילו ניט אין דעם פֿרײַ'ען פֿראַ'נקרײַך. אין 1897 איז אַרוי'סגעגאַנגען הערצלס בוך, די ייִ'דישע מלוכה, וואָס אין אים האָט הערצל דערקלע'רט זײַן פּלאַן. קיין פֿו'לע אַסימילאַ'ציע פֿאַר ייִדן איז ניט מי'גלעך, האָט הערצל געשריבן, ווײַל דער אַנטיסעמיטי'זם לאָזט ניט. דערפֿאַר מוזן ייִדן שאַפֿן אַ נאַציאָנאַ'לע מלוכה, וואָס אין איר זאָלן זיי האָבן אַ מע'רהייט.

צום אָ'נהייב האָט הערצל ניט געטראַ'כט, אַז די מלוכה דאַרף זײַן דווקא אין ארץ־ישׂראל. שפּע'טער האָט ער אָ'נגעהויבן פֿאַרלאַ'נגען דווקא ארץ־ ישׂראל.

אין אױ'גוסט 1897 האָט הערצל גערו'פֿן דעם ערשטן ציוני'סטישן קאָנגרע'ס אין באַזל (שווייץ). אין אָוונט, נאָך דער ע'רשטער זי'צונג פֿון קאָנגרע'ס, האָט הערצל אַרײַ'נגעשריבן אין זײַן טאָ'גבוך: „הײַנט האָב איך געשאַ'פֿן די ייִ'דישע מלוכה“. און אַזוי' האָט זיך אָ'נגעהויבן דער פּאָלי'טישער ציוני'זם. הערצל איז אַ סך אַרו'מגעפֿאָרן און האָט אַרו'מגערעדט מיט מיניסטאָ'רן פֿון פֿאַרשיי'דענע מלוכות די פּלע'נער, וואָס ער האָט געהאַ'ט. ער האָט אַליי'ן געלע'בט מיטן אידעאַ'ל פֿון אַ ייִ'דישער מלוכה און האָט אָ'נגעצונדן אַ סך טױ'זנטער מענטשן מיט דעם אידעאַ'ל. ער איז געשטאָ'רבן בײַ דער אַ'רבעט אין ווין אין יו'לי 1904 – לאַנג איי'דער זײַן חלום איז געוואָ'רן וואָר. אָ'בער זײַן נאָ'מען לעבט. אין אַ סך שטעט אין ישׂראל הייסן ווי'כטיקע גאַסן נאָך הע'רצלען, און עס איז אַפֿילו דאָ אַ גאַ'נצע נײַ'ע שטאָט, וואָס הייסט הרצליה.

**משה טייף (1904 - 1966)**

## דעם קלע'זמערס איי'ניקל

...אַ בענקל. אַ טישל. און אויף דער וואַנט
עס וויגט זיך אַ שאָטן אַהע'ר און אַהי'ן...
אַ רוי'טער בליי'ער צייכנט אַ שלייף
אַרו'ם דעם האַלדז פֿון בערליי'ן.
– מלך לע'ווין? – איך הער, גענעראַ'ל!
– צוויי'טער נו'מער? – יאָ, גענעראַ'ל!
– אַ מוזיקאַ'נט? – יאָ, גענעראַ'ל!
– שפּילסט אויף אַ פּויק? – ניין, גענעראַ'ל!
– נו, אויף אַ פֿלייט? – ניין, גענעראַ'ל!
– אויף אַ טרומיי'ט? – ניין, גענעראַ'ל!
– אויף וואָס זשע שפּי'לסטו? ע'נטפֿער, סאָלדאַ'ט!
– אויף אַ האַרמאַ'ט!
– און פֿאַר דער מלחמה? – אַ פֿידל געהאַ'ט!...
– האָ'סטו אַ ווײַב? – געהאַ'ט, גענעראַ'ל!
– האָ'סטו אַ קינד? – געהאַ'ט, גענעראַ'ל!
– אַ טאַ'טע, אַ מאַ'מע? – געהאַ'ט, גענעראַ'ל!
– ווו זײַ'נען זיי אַ'לע?
שטיל אין זעמליאַ'נקע. אַ לע'מפּעלע צי'טערט.

און ס'הערט זיך אַן ע'נטפֿער:
– אַ'לע... צעשני'טן...

...עס ברענט בערלי'ן! און ע'רגעץ אויף גאַסן
פֿאַרלע'שט זיך דער לע'צטער קנאַל...
– אַ'כטונג! עס פֿאָרט דער גענעראַ'ל!
– סערזשאַ'נט לע'ווין! – איך הער, גענעראַ'ל!
– פֿאַר דיר אַ מתּנה... – אַ דאַנק, גענעראַ'ל!
– זע'סטו די פֿידל? – איך זע, גענעראַ'ל!
– דו ביסט ניט מיד? – ניין, גענעראַ'ל!
– איז שפיל אויס אַ ליד... – איך שפיל, גענעראַ'ל!
– שפיל איצט אין פֿריידן... – איך שפיל, גענעראַ'ל!
– פֿאַר טאַ'טע־מאַמע, פֿאַר דעם זיידן... – איך שפיל, גענעראַ'ל!

עס ברענט בערלי'ן. פֿון הוי'כע מוי'ערן
דערטראָ'גן זיך אוי'ספֿרײַסן איי'ניקע...
בײַ די בראַ'נדענבורגער טוי'ערן
שפּילט אַ „פֿריי'לעכס“ דעם קלע'זמערס איי'ניקל.

יע. קראַסנאָשטיין

## אַן אוי'סגענייט העמדל

אויפֿן סאַ'מע דעק פֿון אַן אַלטן קאַסטן איז געלע'גן אַן אוי'סגענייט העמדל און לעבן דעם – אַ פֿאַרגע'לטער קאָנווע'רט. דאָס דאָ'זיקע העמדל האָט הערשל צום ערשטן און צום לעצטן מאָל אָ'נגעטאָן אין יע'נעם או'מפֿאַרגעסלעכן זו'נטיק, ווען עס האָט זיך אָ'נגעהויבן די מלחמה. ער האָט הויך אַ הייב געטאָ'ן זײַן צוויי־יאָ'ריקן די'מקען, ע'טלעכע מאָל אים אַ קוש געטאָ'ן און געזאָ'גט צו אים און צו דער פֿרוי: „וואַרט אויף מיר, מײַ'נע טײַ'ערע. איך וועל אין גיכן זיך או'מקערן, מיטן זיג“. און ער איז אַווע'ק.

אי'נעם פאַפי'ר, וואָס ליגט אי'נעם פֿאַרגע'לטן קאָנווע'רט, שטייט אָ'נגעשריבן: „געפֿאַ'לן ווי אַ העלד...“

די שטוב האָט גערוי'שט ווי אַ בי'נשטאָק. אַ גרוי'סער עולם איז געקו'מען אויף די'מקעס חתונה.

די מאַ'מע האָט אים או'נטערגעטראָגן דאָס אוי'סגענייטע העמדל, האָט אים אַרו'מגענומען און געזאָ'גט:

– דאָס איז דיר אַ מתּנה פֿו'נעם טאַטן און פֿון מיר... טראָג עס געזו'נטערהייט!

עס איז שטיל געבלי'בן די מוזי'ק. דער עולם האָט געשווי'גן. ע'טלעכע טרערן האָבן זיך אַרו'סגעקײַקלט פֿון דער מאַ'מעס אויגן אויף דער ווײַ'סער לײַוונט פֿו'נעם העמדל...

אבֿרהם ריי'זען

## ווײַ'סע טויב פֿון שלום

ווײַ'סע טויב פֿון שלום,
קום פֿון ע'רגעץ אָן,
און פֿון איי'ביק פֿרידן
זאָג די בשׂורה אָן!
ס'פֿאַלט דאָס האַרץ פֿאַר פּחד
און פֿאַר אַנגסטן אײַן,
און מיט שרעק מיר פֿרעגן:
וואָס וועט ווײַ'טער זײַן?
ווי די שאָטנס וואַ'נדלען
אויף דער ערד מיר אום.
ס'רעדן די קאַנאָ'נען,
און דער מענטש איז שטום...
ווײַ'סע טויב פֿון שלום,
פֿאָ'רזיכטיק דאָך זײַ,
ווײַל די לופֿט, דער הימל
איז אויך איצט ניט פֿרײַ.
זעסט אַ טײַוול פֿליט דאָרט
אין דער הייך אַרו'ם:
אײַזן – זײַ'נע פֿלי'גלען,
פֿײַ'ער איז זײַן ברום!
מײַד אים אויס, דעם טײַוול,
היט זיך פֿאַר אים גוט,
דײַ'נע ווײַ'סע פֿליגל
שמירט ער אויס אין בלוט...

שלום-עליכם

## דער אוצר

אויף יע'נער זײַט באַרג, או'נטערן אַ'לטן בית־המדרש, געפֿי'נט זיך אַן אוצר.
אַזוי' האָט מען געשמו'עסט בײַ אונדז אין שטעטל.

נאָר קו'מען צום אוצר איז ניט אַזוי' גרינג. אַז אַ'לע ייִדן אין שטעטל וועלן לעבן בשלום, און וועלן זיך נע'מען אַ'לע אים זוכן, דע'מאָלט וועט מען אים געפֿי'נען.

אַזוי' האָט מען געשמו'עסט בײַ אונדז אין שטעטל.

און אַז אַ'לע ייִדן וועלן לעבן צופֿרי'דן, עס וועט ניט זײַן קיין קינאה בײַ ייִדן, קיין שׂינאה, קיין קריג, קיין לשון־הרע, קיין רכילות, און מע וועט זיך נע'מען אַ'לע, וועט מען אָ'פּזוכן דעם אוצר, און אַז ניט – וועט ער אַרײַן טיף־טיף אין דער ערד אַרײַ'ן...

אַזוי' האָט מען געשמו'עסט בײַ אונדז אין שטעטל.

און מע האָט אָ'נגעהויבן זיך צו שפּאַרן און אי'בערשפּאַרן, צו אַ'מפּערן זיך און צו ווע'רטלען זיך, צו זי'דלען און צו קריגן זיך, וואָס ווײַ'טער אַלץ מע'רער, אַלץ שטאַ'רקער און אַלץ אי'בערן אוצר. דער האָט געזאָ'גט: ער דאַרף זײַן דאָ; דער האָט געזאָ'גט: דאָרטן. און מע האָט ניט אױ'פֿגעהערט זיך צו שפּאַרן און אי'בערשפּאַרן, צו אַ'מפּערן זיך און צו ווע'רטלען זיך, צו זי'דלען און צו קריגן זיך, וואָס ווײַ'טער אַלץ מע'רער, אַלץ שטאַ'רקער און אַלץ אי'בערן אוצר. און דער אוצר... האָט געזונ'נקען אַלץ טי'פֿער און טי'פֿער אין דער ערד אַרײַ'ן.

שלום-עליכם

## שיר־השירים
(פֿראַגמע'נט)

איך האָב געהאַ'ט אַ ברו'דער בע'ניע, איז ער דערטרו'נקען געוואָ'רן אין טײַך. איז געבלי'בן פֿון אים אַ יתומה מיטן נאָ'מען בו'זי. ...און שיין איז זי געווע'ן, אַזוי' ווי די שולמית, וואָס אין שיר־השירים. און מיר זײַ'נען געוואַ'קסן, ווי אַ ברו'דער מיט אַ שווע'סטער. און מיר האָבן זיך ליב געהאַ'ט, ווי אַ ברו'דער מיט אַ שווע'סטער. אָט דאָס איז בו'זי.

...עס זײַ'נען אי'בערגעלאָפֿן יאָרן. איך בין אַוועק'ק פֿון דער היים קעגן ווילן פֿון מײַן טאַ'טע־מאַמע. איך האָב ווי'דערשפּעניקט זיי'ער געבאָ'ט, ניט געוואָ'לט גיין אין זיי'ערע וועגן, אַווע'קגעגאַנגען מײַן איי'גענעם וועג, זיך אַווע'קגעלאָזט לע'רנען. קומט מיר אָן איין מאָל פֿאַר פּסח אַ בריוול פֿון מײַן טאַטן מיט אַ מזל־טובֿ: בו'זי איז אַ כּלה געוואָ'רן, שבת נאָך שבֿועות איז די חתונה, זאָל איך קו'מען צו פֿאָרן אויף פּסח אַהיי'ם. האָב איך אָ'פּגעענטפֿערט מיט אַ מזל־טובֿ, און איך בין געקו'מען צופֿלי'ען אויף פּסח אַהיי'ם.

און איך האָב געטראָ'פֿן בו'זין אױ'סגעוואַקסן און שיין, נאָך שע'נער ווי געווע'ן. און עס האָט אױ'פֿגעוואַכט אין מײַן זכּרון די אַמאָ'ליקע בו'זי, די שולמית פֿון שיר־השירים. און אַ שטו'רעם האָט זיך אױ'פֿגעהויבן בײַ מיר אין קאָפּ, און אַ פֿײַ'ער האָט זיך אָ'נגעצונדן אין מײַן האַרצן, אַ פֿײַ'ער – ניט אויף קיי'נעם, נאָר אויף זיך אַליי'ן, אויף זיך און אויף מײַ'נע יי'נגלשע גאָ'לדענע נאַ'רישע חלומות, וואָס צולי'ב זיי האָב איך פֿאַרלאָ'זט טאַ'טע־מאַמע, ווי'דערשפּעניקט זיי'ער געבאָ'ט און אַווע'קגעלאָזט זיך לע'רנען. און אָט אַזוי' האָב איך פֿאַרשפּי'לט, פֿאַרשפּי'לט מײַן גליק, דערלאָ'זט, אַז בו'זי זאָל ווערן אַ כּלה. ע'מעצנס – ניט מײַ'נע!...

**י.-ל. פּרץ**

## אַ קלעזמערס טויט
(פֿראַגמענט)

אַ סקעלעט ליגט אין בעט... מיכל קלעזמער שטאַרבט אַוועק. לעבן אים אויף אַ קאַסטן זיצט מירל, זײַן ווײַב, מיט געשוואָלענע אויגן פֿאַר געוויין. אין ענגן שטיבל – ווײַערע אַכט זין, אַלע קלעזמער. שטיל. קיינער רעדט נישט צום צווייטן. עס איז נישטאָ פֿון וואָס צו רעדן. דער דאָקטער האָט שוין לאַנג אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט...

איין מירל וויל זיך ניט אונטערגעבן... „שווײַג, מירל! – האַקט דער קראַנקער איבער, – עס איז שוין פֿאַרפֿאַלן... איך האָב שוין מײַנס אָפּגעשפּילט... גענוג... ע, חיים, בערל, יונה... אַלע! הערט! געשווינד, נעמט די כּלים!“ די קינדער האָבן געפּאָלגט און אַרומגעשטעלט זיך בײַם בעט: דרײַ פֿידל, איין קלאַרנעט, אַ באַס, אַ טראָמפּייט.

– הערט, קינדער, שפּילט אָן מיר, ווי מיט מיר, שפּילט גוט, זײַט נישט קיין שקצים אויף אָרעמע חתונות... האַלט ערלעך די מוטער... און אַצינד – שפּילט מיר אָפּ די ווידוי [ви'дэ]!...

און די פֿיר־איילנדיקע שטוב איז פֿול געוואָרן מיט מוזיק.

**אירמע דרוקער**

## די פּלייט
(אַדאַפּטירט)

אין איינער אַ מדינה, בײַ איינעם אַ מלך איז געווען אַ וווּנדערלעכע קאַפּעליע. דער בעסטער שפּילער איז געווען דער פּלייטנשפּילער. דער מלך האָט שטאַרק ליב באַקומען דעם פּלייטנשפּילער מיט זײַן פּלייט. האָט ער באַפֿוילן די פּלייט אין גאָלד אָנטאָן, און די פּלייט האָט גענומען שײַנען ווי מיט זונשטראַלן. אָבער די פּלייט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן. האָט מען אויסגעטאָן דאָס גאָלד פֿון דער פּלייט, און די פּלייט איז געוואָרן ווידער אַ פּלייט.

און דער מלך האָט געמוזט מודה זײַן: „גאָלד קאָן אַלץ, אָבער שפּילן – דאָס ניט!“

**דוד האָפֿשטיין**

## ס'האָט הײַנט פֿון פֿעלד

ס'האָט הײַנט פֿון פֿעלד אַ פֿרישער ווינט
אויף הייסע גאַסן זיך פֿאַרקליבן
און ניט געוווּסט וווּ אײַן, וווּ אויס –
און שטיל געבליבן.

פֿון טו'נקלען הויז בין איך אַרוי'ס,
דעם ווינט אַנטקע'גן אָ'נגעקומען –
און ס'האָט דער ווינט מיך שטיל און לינד
אַרו'מגענומען...
איך האָב צעקו'שט זיך מיטן ווינט
און אָן אַ וואָרט געוואָ'ר געוואָ'רן,
וואָס טוט אויף פֿע'לדער זיך אַצי'נד –
דאָרט בליט שוין קאָרן!
עס וועט מיר קלי'נגען היינט ביז נאַכט
דער שטי'לער שאַל פֿון וויַטן האָרן:
עס בליט שוין קאָרן!

**משה-לייב האַ'לפּערן**

## דער גאַסן־פּויקער

זינגט דער פֿויגל פֿריַ און פֿריי'לעך,
צי'טערט אויף זיַן טראָן דער מלך,
צי'טערן איז ניט כּדאַי,
זינג איך, ווי דער פֿויגל, פֿריַ,
און געשווי'נד,
ווי דער ווינט,
טאַנץ איך הפֿקר, טאַנץ איך בלינד,
גאַס אַריַ'ן און גאַס אַרוי'ס! –
בין איך קראַנק און אַלט און גראָ,
ווע'מען אַרט עס – האָ־האָ־האָ!
פֿאַר אַ קו'פּער־גראָשן בלויז
פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן
און איך דזשי'נדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרום –
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!
קומט אַ מיידל אַ מכשפֿה,
צינדט זיך אָן אין מיר אַ שׂרפֿה,
נעם איך זיך נאָך ווי'לדער דריי'ען,
און איך פּרעס צונוי'ף די ציין,
און איך ברום:
– מיידל קום,
גיב די האַנט און נעם אַרו'ם,
היי'סער טאַנצט זיך עס צו צוויי.
ס'האָט אַזאַ' ווי דו אַ שלאַנג,

מיך פֿאַרלאָ'זן ערשט ניט לאַנג.
קרענקט דאָס האַרץ און פּלאַצט פֿאַר וויי –
פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן
און איך דזשי'נדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרו'ם –
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

לאַכן קי'נדער לו'סטיק, מו'נטער,
פֿאַל איך ניט בײַ זיך אַרו'נטער,
רירט זיך יו'נגען! פֿלי'נקער – האָפּ!
נאָך אַ מאָ'ל אַ זעץ אין קאָפּ.
נאָך אַ שפּײַ!
סײַ ווי סײַ
מיטן שפּרונג גייט אַלץ פֿאַרבײַ'.
צו'געווינט צו אַ'לדאָס בייז,
קנײַפּ איך אַ שטיק ברויט פֿון טאַש.
און איך זשליאָ'קע פֿון דער פּלאַש.
ברענט דאָס בלוט, און רינט דער שווייס –
פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן
און איך דזשי'נדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרו'ם –
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

אָט אַזוי זיך דו'רכגעריסן,
דו'רכגעריסן, דו'רכגעביסן
מיטן קאָפּ ווי דורך אַ וואַנט,
אי'בער שטעג און וועג און לאַנד
מיט די ציין –
האַק דעם שטיין!
האַק דעם שטיין און בלײַב אַליי'ן!
הונט און שלע'פּער, לומפּ און ווינט.
הפֿקר, הפֿקר דורך דער פֿרעמד!
האָב איך ניט קיין ראָק, קיין העמד,
האָב איך ניט קיין ווײַב קיין קינד.
פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן
און איך דזשי'נדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרו'ם –
דזשין, דזשין, בום־בום־בום.
דזשין דזשין בום!

# הומאָר

לאַכן איז געזונט! דאָקטוירים הייסן לאַכן (שלום-עליכם).

## דאַ'נקען גאָט, וואָס כאָטש נאָר אויף איין מינו'ט!

שלום־עליכמס ברו'דער ווע'וויק איז געווע'ן בײַ אים צו גאַסט אין קי'עוו. אָ'פּגעוועזן אַ פּאָר טעג, האָט ער זיך מיט אַ'לעמען געזע'גנט און איז אַוועק'ק אויפֿן וואָקזאַ'ל. האָט אָ'בער געטראָ'פֿן, אַז ער האָט פֿאַרשפּע'טיקט צום צוג. קערט ער זיך אום און דערציי'לט שלום־עליכמען, וואָס עס האָט געטראָ'פֿן. שלום־עליכם טוט אַ קוק אויפֿן ברו'דער מיט שמייכלענדיקע אויגן:

– באמת פֿאַרשפּע'טיקט?... אויף וויפֿל פֿאַרשפּע'טיקט?

– אויף איין מינו'ט! – ע'נטפֿערט דער ברו'דער.

– נו, – באַרוי'קט זיך כלומרשט שלום־עליכם, – דאַ'נקען גאָט, וואָס כאָטש נאָר אויף איין מינו'ט!

## פֿון דער סעריע „כעלעמער חכמים“

## דאָ איז לי'כטיק

אַ כע'לעמער שטייט בײַ אַ לאַמטע'רן און זוכט ע'פּעס. גייט פֿאַרבײַ' אַ ייִד און פֿרעגט אים:

– וואָס האָט איר פֿאַרלאָ'רן?

– אַ מטבע [матбэ'йэ].

– טאַ'קע דאָ לעבן לאַמטע'רן?

– ניין, אַ ביסל ווײַ'טער.

– טאָ פֿאַר וואָס זוכט איר דאָ?

– ווײַל דאָ איז לי'כטיק!

## אַ כע'לעמער ע'נטפֿער

מע האָט געפֿרע'גט בײַ אַ כע'לעמער:

– צי זײַ'נען געבוי'רן געוואָ'רן בײַ אײַך אין דער שטאָט גרוי'סע מענטשן?

– ניין, – ע'נטפֿערט דער כע'לעמער, – בײַ אונדז זײַ'נען די געבוי'רענע שטע'נדיק קליי'נע קי'נדער.

## די פשרה

כעלם האָט ניט געקאָ'נט באַשלי'סן, ווי זאָל מען לייגן די ברע'טער פֿאַר דער פֿאָ'דלאָגע אין באָד: צי זאָל מען די ברע'טער הו'בלען אָ'דער ניט הו'בלען? אויב הו'בלען – קאָן דאָך חלילה טרעפֿן, אַז נאַ'קעטע ייִדן וועלן זיך אוי'סגליטשן און פֿאַלן. אויב ניט הו'בלען, וועלן זיך די ייִדן חלילה צעשטע'כן די פֿיס. וואָס טוט מען? האָט מען געקלע'רט און געקלע'רט. לסוף האָט דער רבֿ געפּסקנט:

– לאָמיר מאַכן אַ פשרה: אי יאָ הו'בלען, אי ניט הו'בלען. די ברע'טער זאָל מען טאַ'קע אויף איין זײַט יאָ הו'בלען. נאָר לייגן זאָל מען זיי מיט דער געהו'בלטער זײַט אַראָ'פּ...

## דער כע'לעמער מלמד און דער גענעראַ'ל

אַ כע'לעמער מלמד איז געקו'מען קיין וואַ'רשע, איז פֿאַרפֿאָ'רן אין אַן אײַ'נפֿאָר־הויז און באַקו'מען אַ בעט אין אַ צי'מער פֿאַר צוויי מענטשן. דער צווײ'טער אין צי'מער איז געווע'ן אַן אַ'לטער גענעראַ'ל. עס איז געווע'ן שוין שפּע'ט און דער גענעראַ'ל איז שוין געשלאָ'פֿן. דער מלמד האָט פֿאַרן שלאָ'פֿן גיין געבע'טן דעם דינ'ער, ער זאָל אים גאַנץ פֿרי אוי'פֿוועקן, ער זאָל ניט פֿאַרשפּע'טיקן דעם צוג.

דער די'נער האָט אים אוי'פֿגעוועקט. צום אָ'פּגיין פֿו'נעם צוג זײַ'נען געבלי'בן געציי'לטע מינו'טן. דער מלמד האָט אין אײַ'לעניש אָ'נגעטאָן די גענעראַ'לסקע קליי'דער און געלאָ'זט זיך לויפֿן צום וואָקזאַ'ל. אויף דעם וועג זעט ער, אַז אַ'לע גאַ'סנקערער גיבן אים אָפּ „טשעסט“. די זשאַנדאַ'רמען שטיי'ען אויך און גיבן אים אָפּ „טשעסט“! „אָט דאָס איז אַ שטאָט! – טראַכט ער. – וואָס דען, כעלם איז אַ שטאָט? דאָס קלע'נסטע ייִנגל האָט דאָך ניט קיין דרך־ארץ. און דאָ אין וואַ'רשע גיט מען מיר אָפּ אַזאַ' כבֿוד...“

אויפֿן וואָקזאַ'ל קויפֿט ער אַ בילע'ט דרי'טע קלאַס. לויפֿט או'נטער אַ סאָלדאַ'ט, כאַפּט זײַן באַגאַ'זש און פֿירט אים אַרײַ'ן אין ערשטן קלאַס. שטייט ער אַזוי און טראַכט: „צי איז ניט בע'סער צו לעבן אין וואַ'רשע איי'דער אין כעלם? איך קום נאָר אַהיי'ם, – באַשלי'סט ער, – נעם איך מײַן יע'נטע־ביילע און די קי'נדער און קום קיין וואַ'רשע און וועל שוין דאָ זײַן אַ מלמד...“

ווי ער טראַכט אַזוי', גיט ער אַ קוק אין שפּיגל און הייבט אָן צו שרײַ'ען, ער האָט זיך זיי'ער דערשראָ'קן:

– זעט נאָר, וואָס פֿאַר אַ גרוי'סער נאַר דער די'נער איז! איך האָב אים געבע'טן, ער זאָל מיך אוי'פֿוועקן, נעמט ער, דער דוראַ'ק, און וועקט גאָר אויף דעם גענעראַ'ל!!!

## אַ כע'לעמער און אַ פֿעסל ווײַן

אַ כע'לעמער האָט אײַ'נגעהאַנדלט אַ פֿעסל ווײַן. האָט ער דאָס גוט פֿאַרקלאַ'פּט, אַז קיי'נער זאָל דאָס ניט קאָ'נען ע'פֿענען. האָט זײַן די'נער אוי'סגעבויערט אַ לעכל פֿון אונטן, או'נטער דעם פֿעסל, און האָט גענו'מען יעדן טאָג טרי'נקען צו בי'סלעך פֿון פֿאַס ווײַן. דער כע'לעמער בעל־הבית דערזע'ט, אַז

עס פֿעלט ווײַן אין פֿעסל. „זעט נאָר, – זאָגט ער, – דאָרט ווו איך האָב פֿאַרקלאַ'פּט, איז גאַנץ, ווי אַזוי' זשע קאָן פֿעלן ווײַן?...

איז בײַם כע'לעמער געווע'ן אַ לי'טוואַק צו גאַסט, זאָגט דער לי'טוואַק: „גיט אַ קוק פֿון אונטן, אפֿשר צאַפּט מען."

איז דער כע'לעמער אין כעס געוואָ'רן: „דער ווײַן פֿעלט דאָך פֿון אויבן, און ניט פֿון אונטן!..."

## ס'איז דען אײַ'ער איי'גענע שיף?

איין מאָל איז אַ כע'לעמער געשווו'מען אויף אַ שיף. מאַכט זיך אַ גרוי'סער שטו'רעם, און די שיף האַלט בײַם או'נטערגיין. אַ טויט־שרעק איז געפֿאַ'לן אויף אַלע. מע שרײַט, מע וויינט, מע פֿאַלט אין חלשות.

פֿרעגט דער כע'לעמער איי'נעם אַ ייִדן, וואָס האָט שרע'קלעך געגוואַ'ל־דעוועט, וואָס שרײַט ער אַזוי'. ע'נטפֿערט אים דער ייִד:

– איר זעט דען ניט, אַז די שיף האַלט בײַם או'נטערגיין?

– נו, איז וואָס? – מאַכט דער כע'לעמער, – איך פֿאַרשטיי' ניט, וואָס נעמט איר זיך אַזוי' שטאַרק צום האַרצן? ס'איז דען אײַ'ער איי'גענע שיף?

## די ציג

אַ גרוי'סער אָרעמאַ'ן האָט זיך באַקלאָ'גט פֿאַרן רבין:

– איך האָב צען קי'נדער. אַ'לע לעבן מיר אין איין צי'מער. ס'איז ענג ממש דערשטיקט צו ווערן. וואָס זאָל איך טאָן?

– אַ ציג האָ'סטו? – פֿרעגט דער רבי.

– יאָ, אין הויף שטייט בײַ מיר אַ ציג.

– טאָ גיי אַהיי'ם און נעם אַרײַ'ן די ציג צו דיר אין שטוב אַרײַ'ן.

דער אָרעמאַ'ן האָט זיך פֿאַרווו'נדערט. נאָר, אַז דער רבי הייסט... אין ע'טלעכע טעג אַרו'ם קומט דער אָרעמאַ'ן ווי'דער:

– גוואַלד, רבי! שלעכט! ניטאָ' אין שטוב קיין אָרט ניט פֿאַר מיר, ניט פֿאַר מײַן ווײַב, ניט פֿאַר די קי'נדער, די ציג שפּרינגט אַרו'ם – אַ גיהנום!...

– גיי אַהיי'ם, – זאָגט דער רבי, – און טרײַב אַרוי'ס תּיכף־ומיד די ציג אין הויף אַרוי'ן.

אויף מאָרגן קומט דער אָרעמאַ'ן ווי'דער.

– נו, – פֿרעגט דער רבי, – ווי לע'בסטו?

– אוי, רבי, אַ גרויסן דאַנק פֿאַר אײַ'ער גו'טער עצה! מיר האָבן גע'עפֿנט די אויגן – אַזאַ' גראַ'מקייט, אַזאַ רחבֿות...

## לאָקשן? – לאָקשן!

אַ ייִדן אַ „פִּילאָ'לאָג“ פֿרעגט מען:
– פֿאַר וואָס רופֿט מען לאָקשן מיטן נאָ'מען „לאָקשן“?
– וואָס הייסט פֿאַר וואָס? לאַנג זײַ'נען זיי, ווי לאָקשן, אוי'סזען זע'ען זיי אויס אויך ווי לאָקשן, קאָכן קאָכט מען זיי טאַ'קע ממש ווי לאָקשן – הײַנט, זאָגט אַליי'ן פֿאַר וואָס זאָל מען זיי ניט רופֿן „לאָקשן“?...

## ס'איז „וואָר“

אַ טוי'בער האָט געהע'רט,
ווי אַ שטו'מער האָט דערציי'לט,
אַז אַ בלי'נדער האָט געזע'ן,
ווי אַ לאָ'מער איז גיך־גיך געלאָ'פֿן.

Глухой слышал,
как немой рассказывал,
что слепой видел,
как хромой быстро-быстро бежал.

# ИДИШ-РУССКИЙ СЛОВАРЬ

## О ПОЛЬЗОВАНИИ СЛОВАРЁМ

1. В словарь включены слова всех уроков „Самоучителя”. Еврейские слова, форма и значение которых сходны или совпадают с соответствующими русскими и которые не представляют трудностей для понимания, в словарь не включены.

2. Слова расположены в алфавитном порядке, т. е.

אַ, ב, בֿ, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, י, כּ, כ, ל, מ, נ, ס, ע, פּ, פֿ, צ, ק, ר, ש, שׂ, תּ, ת

3. а) Во всех словах, содержащих более одного гласного или дифтонга, указано *ударение.* Знак ударения поставлен также во всех глагольных приставочных словах, в том числе и односложных.

б) Наличие двух знаков ударения, например:

на почётном месте — אוי'בנאַ'ן

означает, что под ударением находятся обе части слова.

4. а) ***Род имён существительных*** обозначен артиклем: мужской род – דער, женский – די, средний – דאָס.

б) Наличие двух артиклей, например:

книга — בוך דער/דאָס

означает, что данное существительное имеет два рода и слово בוך употребляется как в мужском роде с артиклем דער, так и в среднем с артиклем דאָס.

5. При существительных в скобках указаны *формы множественного числа.*

а) Если рядом с артиклем указан суффикс, например:

дитя, ребёнок — קינד דאָס (ער)

мать — מו'טער די (ס)

и т. п., это означает, что множественное число от этих существительных соответственно די קי'נדער и די מו'טערס.

б) Знак равенства (=) означает, что множественное число совпадает с единственным, например:

яблоко — עפּל דער (=)

т. е. множественное число – די עפּל.

в) Форма множественного числа, образующаяся с изменением корня, приводится полностью:

книга — בוך דער/דאָס (בי'כער)

г) Если существительное имеет несколько форм множественного числа, то указываются все варианты:

воз, телега   וואָגן דער (ס, וועגן, װ'עגענער)

д) Помета מ"צ (без скобок) после существительного, например,

родители   ע'לטערן מ"צ

означает, что данное слово употребляется только (или преимущественно) во множественном числе.

6. *Прилагательные* и слова, склоняющиеся, как прилагательные, даются в краткой форме, т. е. без окончания, например:

белый   ווײַס

7. а) Качественные *наречия,* совпадающие с основой соответствующих прилагательных (типа גיך „быстро" – גיך „быстрый") отдельно в словарь не включены.

б) *Наречия*, не совпадающие со значением краткой формы прилагательного (сравните прилагательное גלײַך в значении „равный", „ровный" и наречие גלײַך в значении „тотчас же"), приведены как отдельные слова на своих алфавитных местах.

8. а) ***Регулярные глаголы***, образующие партицип с помощью суффикса ־ט без изменения корня, приводятся только в форме инфинитива. О преобразовании партиципа глаголов этого типа в исходную словарную форму – инфинитив см. уроки IX - XI.

б) *У нерегулярных глаголов* (корневых и с приставками) при заглавном слове в скобках приводится форма партиципа, например:

есть, кушать   עסן (געגע'סן)

в) איז перед партиципом, например:

бегать (איז געלאָפֿן) לויפֿן

означает, что данный глагол образует прошедшее время с помощью личных форм вспомогательного глагола זײַן (т. е. איך בין געלאָפֿן, דו ביסט געלאָפֿן и т. д.).

Отсутствие איז или наличие האָט перед партиципом, например:

писать   שרײַבן (געשרי'בן)

завидовать   מקנא זײַן (האָט מקנא געווען)

означает, что данный глагол образует прошедшее время с помощью вспомогательного глагола האָבן.

г) Возвратная частица זיך при инфинитиве, взятая в скобки, например:

беречь(ся)   היטן (זיך)

означает, что возвратный глагол переводится как исходный, но с добавлением возвратной частицы *-сь, -ся,* т. е. היטן „беречь", а היטן זיך, соответственно, „беречься".

д) *Глагольное управление* указано:
– если у разных значений глагола разное управление;

1. устоять; 2. (אויף) добиваться, настаивать (*на*) (איז באַשטאַ'נען) באַשטיי'ן

– в случаях расхождения в управлении глагола на идише и его русского эквивалента;

ждать, ожидать (*кого-либо, чего-либо*) (אויף) וואַרטן

е) Перевод глагола даётся, как правило, в форме несовершенного вида, при этом подразумевается, что возможен и совершенный вид, т.е.

награждать באַלוי'נען

9. У всех частей речи рядом с заглавным словом приводятся грамматические формы, образованные с изменением корня, например:

я (מיר *Д.* ;מיך *В.*) איך
хороший (בעסט *превосх. ст.* ,בע'סער *сравн. ст.*) גוט

10. В словаре использованы следующие сокращения и обозначения:

и тому подобное אד"גל און דאָס גלײַכן
множественное число מ"צ מע'רצאָל
партиципּ פּ"פּ פּאַרטיצי'פּ

*безл.* безличная форма
*буд.* будущее время
*букв.* буквально
*б. ч.* большей частью
*В.* винительный падеж
*вр.* время
*вспом.* вспомогательный (глагол)
*гл.* глагол
*грам.* грамматический термин
*Д.* дательный падеж
*др.* другие
*ед.* единственное (число)
*ж.* женский род
*знач.* значение
*И.* именительный падеж
*инф.* инфинитив
*ирон.* иронически
*и т. д.* и так далее
*и т. п.* и тому подобное
*кратк. ф.* краткая форма
*л.* лицо
*ласк.* ласкательно
*м.* мужской род
*мат.* математический термин
*межд.* междометие
*мест.* местоимение
*мн.* множественное (число)
*наст.* настоящее время
*неизм.* неизменяемое
*нескл.* несклоняемое
*однокр.* однократный вид (глагола)
*п.* 1. падеж; 2. пункт
*перен.* переносное значение
*поэт.* поэтическое
*превосх.* превосходная (степень)
*прил.* прилагательное
*притяж.* притяжательный падеж
*против.* противительный союз
*прош.* прошедшее время
*р.* род

*разг.* разговорное
*рел.* религия
*с* средний род
*скл.* склоняемое
*собир.* собирательное значение
*соед.* соединительный союз
*сокр.* сокращение
*сравн.* сравнительная (степень)
*ст.* степень
*сущ.* существительное
*тж.* также
*уменьш.* уменьшительное
*употр.* употребляется
*усил.* усилительная частица
*ф.* форма
*ч.* число

: (*двоеточие*) после заглавного слова означает, что слово употребляется только или преимущественно в определённых сочетаниях, например,

סך: אַ סך — много

(вне этого сочетания סך практически не употребляется).

־ (*дефис*) при указании форм множественного числа заменяет неизменяемую часть слова, например:

באַקאַנטער דער (־טע) — знакомый

( ) (*круглые скобки*) при заглавном слове используются: 1) для показа грамматических форм, образованных не по общему правилу, см. п. 5в, 8б, 8в, 9; 2) в соотносительных парах: глагол с возвратной частицей и без неё, см. п. 8г; 3) для показа управления, см. п. 8д.

[ ] (*квадратные скобки*) равносильны *или*. В них даётся вариант, заменяющий предыдущее слово или выражение

מיר זײַ'נען [זע'נען]

означает, что 1 л. мн. ч. наст. вр. от глагола זײַן „быть" имеет и форму זײַ'נען, и форму זע'נען.

= (*знак равенства*) используется для расшифровки слитно-сокращённых форм:

מיטן = מיט + דעם

מיטן – это сочетание предлога מיט с артиклем דעם.

☚ ***изображение руки*** равносильно *смотрите*, например:

אויף ס'נײַ ☚ אויף דאָס נײַ

для перевода אויף ס'נײַ следует смотреть אויף דאָס נײַ.

# א

אַ[1] *неопред. артикль*

אַ[2] *перед числит.* примерно, приблизительно

אַ צוויי־דרײַ טעג дня два-три

א"א *сокр.* און אַ'נדערע и др., и другие

אאַז"וו *сокр.* און אַזוי' ווײַ'טער и т. д., и так далее

אַבי' лишь бы, только бы

אַבי' וואָס всякое, что угодно

אַבי' ווי кое-как, как-нибудь (*небрежно — о работе и т.п.*)

אַבי' ווען когда угодно

אַבי' ווער всякий, кто угодно

אָ'בער но, только, однако

אַ דאַ'נק благодаря

אַדו'רך ☛ דורך

אַדו'רכלייענען (אַדו'רכגעלייענט) прочитать

אָ'דער или

אַהיי'ם домой

אַהי'ן туда

אַהי'נטאָן (זיך) ((זיך) אַהי'נגעטאָן) девать(ся) (***куда-либо***)

אַהע'ר сюда

אור'גערקע די (ס) огурец

אַוודאי' [ава'дэ] *частица* 1. конечно; наверно; 2. пожалуй, вероятно

אָוונט דער (ן) вечер

אַווע'ק[1] ***нареч.*** прочь

אַווע'ק[2] *прист. слово; см. урок VII*

אַווע'קפֿאָרן уехать

אַווע'קזעצן זיך садиться

אַווע'קלאָזן זיך (זיך אַווע'קגעלאָזט) отправиться в путь

אַווע'קמאַכן: אַווע'קמאַכן מיט דער האַנט махнуть рукой (*на что-либо*)

אַווע'קמאַכן זיך ускользнуть, увернуться

אַווע'קקויפֿן (от)купить (*что-либо у кого-либо*)

אַווע'קשטאַרבן (איז אַווע'קגעשטאָרבן) скончаться, умереть

אַווע'קשטעלן поставить

אַווע'קשרײַבן (אַווע'קגעשריבן) написать (*письмо кому-либо*)

אויב если

אויב אַזוי' если так; в таком случае

אויבן наверху

אויבנאָ'ן 1. на почётном месте; 2. *перен.* во главе угла

אויג דאָס (ן) глаз

אויוון דער (ס) печка
אויך тоже, также
אוי׳כעט = אויך
אויס[1] *нареч.* кончено
אויס[2] из, по, поводу
אויס לי׳בע из любви
אויס[3] *приставочное слово; см. урок VIII*
אוי׳סבאָדן (זיך) выкупать(ся)
אוי׳סבאַהאַלטן (זיך) / (זיך) אוי׳סבאַהאַלטן скрывать(ся)
אוי׳סבויען выстроить
אוי׳סבעטן[1] (אוי׳סגעבעט) стелить (***постель***)
אוי׳סבעטן[2] (אוי׳סגעבעטן) выпрашивать
אוי׳סבראָך דער (ן) 1. взрыв; 2. неожиданное начало (*войны и т.д.*)
אוי׳סברעכן (אוי׳סגעבראָכן) разражаться
אוי׳סגאַבע די (ס) издание
אוי׳סגיין (איז אוי׳סגעגאַנגען) 1. обходить (***город***); 2. иссякать; 3. умирать
אוי׳סגיין נאָך ע׳מעצן быть по уши влюблённым (*в кого-либо*)
אוי׳סגיין נאָך ע׳פּעס тосковать (***по чему-либо***)
אוי׳סגליטשן זיך поскальзываться
אוי׳סגעצייכנט отлично
אוי׳סדערוויילט избранный, отборный
אוי׳סדרוק דער (ן) выражение
אוי׳סדרייען (זיך) изворачиваться, вывёртываться
אוי׳סדריקן выражать
אוי׳סהאַלטן (אוי׳סגעהאַלטן) выдерживать
אוי׳סוויילן выбирать
אוי׳סווייניק ☛ אוי׳סנווייניק
אוי׳סזוכן выискивать, изыскивать
אוי׳סזען[1] (אוי׳סגעזען) высматривать
אוי׳סזען[2] דאָס/דער наружность
אוי׳סטאָן (זיך) ((זיך) אוי׳סגעטאָן) раздевать(ся)
אוי׳סטאָקן вытачивать
אוי׳סלאָזן (אוי׳סגעלאָזט, אוי׳סגעלאָזן) изливать (*гнев и т. д.*)
אוי׳סלאָזן זיך (זיך אוי׳סגעלאָזט, אוי׳סגעלאָזן) 1. оканчиваться;
2. оказываться
אוי׳סלאַנד דאָס заграница
אוי׳סלייזן 1. освобождать; 2. выручать(*сумму*)
אוי׳סלייזן זיך освобождаться
אוי׳סלענדער דער (=) иностранец
אוי׳סלערנען (זיך) научаться
אוי׳סמאַטערן изматывать; измучивать
אוי׳סמײַדן (אוי׳סגעמיטן, אוי׳סגעמײַדט) избегать

אוי׳סנווייניק наизусть
אוי׳סניצן использовать
אוי׳סער кроме, вне
אוי׳סערגעווייגלעך исключительный
אוי׳סער זיך זײַן (איז אוי׳סער זיך געווע׳ן) быть вне себя
אוי׳סערלעך внешний
אוי׳סערן = אוי׳סער דעם ☛ אוי׳סער
אוי׳סערסט исключительно
אוי׳ספּוצן наряжать, украшать
אויספּרווו דער (ן) испытание
אוי׳ספֿאַלן (איז אוי׳סגעפֿאַלן) 1. выпадать (***о снеге***); 2. приходиться (*о дате*)
אוי׳ספֿילן выполнять; заполнять
אוי׳ספֿירן 1. выполнять (***работу***); 2. делать вывод
אוי׳ספֿיר־קאָמיטע׳ט דער (ן) исполнительный комитет
אוי׳סצוג דער (ן) отрывок; цитата
אוי׳סצייכענען (זיך) ((זיך) אוי׳סגעצייכנט) отличать(ся)
אוי׳סקאַלכן покрывать побелкой; белить
אוי׳סקומען (איז אוי׳סגעקומען) 1. довольствоваться; 2. приходиться (*безл.*)
אוי׳סקעמפֿן отвоёвывать
אוי׳סקערן 1. выметать; 2. поворачивать
אוי׳סקערן זיך поворачиваться
אוי׳סקערעווען זיך ☛ אוי׳סקערן זיך
אוי׳סקריצן вырезать (***на камне и т. д.***)
אוי׳סראָטן (אוי׳סגעראָטן) истреблять, искоренять
אוי׳סרייניקן вычищать
אוי׳סרעכענען вычислять
אוי׳סשטאַטן оборудовать
אוי׳סשטריקן (с)вязать (***на спицах***)
אוי׳סשליסלעך исключительно
אוי׳סשמירן вымазывать
אוי׳סשפּילן выигрывать
אוי׳סשפּירער דער (ס) разведчик
אוי׳ער דער (ן) ухо
אויף[1] на *предлог* [аф]
אויף דעם טיש на столе
אַ טעפּל אויף צו קאָכן горшок для варки
אויף[2] [уф] (אויפֿ־ *при слитном написании*) *приставочное слово;*
*см. урок VIII*
אוי׳פֿגיין в(о)сходить
אויף[3] [уф] זײַן (איז אויף געווע׳ן) бодрствовать
אוי׳פֿאַקערן вспахивать
אוי׳פֿבליִען расцветать

אויפֿגאַבע די (ס, ־בן) задание; задача
אויפֿגיין (איז אויפֿגעגאַנגען) в(о)сходить (*о солнце и т. д.*)
אויפֿגעבן (אויפֿגעגעבן) задавать
אויפֿגערעגט взволнованный; напряжённый
אויפֿגעשוואָלן ווערן (איז אויפֿגעשוואָלן געוואָרן) вспухать, опухать
אויף דאָס נײַ заново
אויפֿדעקן вскрывать
אויפֿדערנאַכט דער (ן) вечер
אויף דער נאַכט вечером
אויפֿהייבן (זיך) ((זיך) אויפֿגעהויבן) начинать(ся)
אויפֿהענגען (זיך) ((זיך) אויפֿגעהאַנגען) вешать(ся)
אויפֿהערן прекращать
אויפֿוואַכן пробуждаться
אויפֿזוכן отыскивать
אויפֿזידן (אויפֿגעזידט, אויפֿגעזאָדן, אויפֿגעזאָטן) (вс)кипятить
אויפֿטראָג דער (ן) поручать
אויפֿטריט דער (ן) выступление
אויפֿטרייסלענדיק потрясающий
אויפֿכאַפּן זיך (זיך אויפֿגעכאַפּט) просыпаться; спохватываться
אויפֿמאַכן открывать
אויפֿמערקזאַם внимательный
אויפֿן = אויף + דעם ☛ אויף
אויפֿן נאָמען (פֿון) имени
אויפֿנעמען (אויפֿגענומען) принимать
אויף ס'נײַ ☛ אויף דאָס נײַ
אויפֿעסן (אויפֿגעגעסן) съедать
אויפֿפֿירן ставить (***пьесу, спектакль***)
אויף צו להכעיס назло [аф цэло'хэс]
אויפֿציטערן вздрагивать
אויפֿקום דער возникновение
אויפֿרײַס דער (ן) взрыв
אויפֿרײַסן (זיך) ((זיך) אויפֿגעריסן) взрывать(ся)
אויפֿרעגן в(зв)олновать (***кого-либо***)
אויפֿשטאַנד דער (ן) восстание
אויפֿשטײַג דער (ן) подъём
אויפֿשטיין (איז אויפֿגעשטאַנען) в(ос)ставать
אויפֿשטעלן (זיך) поднимать(ся)
אויפֿשטענדלער דער (ס) повстанец
אויפֿשריפֿט די (ן) надпись
אולפּן דער (ים) [ульпан] ульпан (***интенсивные курсы иврита***)
אום во время
אום שבת [ша'бэс] в субботу

אומ־ *приставка со значением „не”*
או'מאויסשעפּיק неисчерпаемый
או'מאויפֿהערלעך непрерывно
או'מאָנגענעם неприятно
או'מאָפּהענגיקייט די независимость
או'מבאַשטענדיק непостоянный
או'מברענגען (או'מגעבראַכט) (по)губить
או'מגליק דאָס (ן) несчастье
או'מגעזאַמט немедленный; срочный
אומה די (־ות) [у'мэ] нация
או'מוואַנדלען (זיך) превращать(ся)
או'מזיסט 1. напрасно; 2. даром
או'מטעטיק бездейственный
או'מעטום повсюду
או'מעטיק грустный, печальный
או'מפֿאַרגלײַכלעך несравненный
או'מפֿאַרגע'סלעך незабываемый
או'מצופֿרידן недовольный
או'מקום דער гибель
או'מקומען (איז או'מגעקומען) погибать
או'מקערן (זיך) возвращать(ся)
או'משטאַנד דער (ן) обстоятельство
און[1] и
און[2] а
אונדז нас; нам
או'נדזער наш, наша, наше
אונטן внизу
או'נטער[1] под ***предлог***
או'נטער[2] *приставочное слово; см. урок VII*
או'נטערזאָגן подсказывать
או'נטערגיין (איז או'נטערגעגאַנגען) 1. подходить; 2. заходить; 3. погибать
או'נטערגעאָרדנט подчинённый
או'נטערגעבן (זיך) ((זיך) או'נטערגעגעבן) сдавать(ся)
או'נטערדריקונג די угнетение
או'נטערדריקט угнетённый
או'נטערהאַנדלונגען מ"צ переговоры
או'נטערוואַסער־שיף די (ן) подводная лодка
או'נטערוואַרפֿן זיך (זיך או'נטערגעוואָרפֿן) подчиняться
או'נטערזאָגן подсказывать
או'נטערן = או'נטער דעם ☛ או'נטער[1]
או'נטערנעמונג די (ען) предприятие
או'נטערערדיש подпольный

או'נטערשרײַבן (זיך) (או'נטערגעשריבן (זיך)) подписывать(ся)
אוצר דער (ות) [о'йцэр-о'йцрэс] сокровище
או'ראייניקל דאָס (עך) правнук
אות דער (אותיות) [ос-ой'сиэс] буква
אַז что; когда; если *союз*
אַזאַ' такой, такая, такое
אַז אָך און וויי'! увы! горе мне!
אַזוי' так
אַזוי'נס такое
אַזוי'נער такой
אַזוי' פֿיל столько
אַזע'לכער такой
אַזש аж
אַחדות דאָס [а'хдэс] единство
אָט вот
אָ'טעם דער дыхание
אָ'טעמען дышать
אַטע'ן Афины
אי'..., אי'... и..., и...
אי'בונג די (ען) упражнение
איבן (זיך) упражнять(ся)
אי'בער[1] над ***предлог***
אי'בער[2] *приставочное слово; см. урок VIII*
אי'בערגײן переходить
אי'בערבײַסן (אי'בערגעביסן) перекусывать
אי'בערבעטן[1] перестилать (*постель*)
אי'בערבעטן[2] просить прощения
אי'בערבעטן זיך мириться
אי'בערגעפֿולט переполненный
אי'בערהאַקן (אי'בערגעהאַקט) перерубать
אי'בערוועגנדיק преобладающий; превосходящий
אי'בערזאַלצן (אי'בערגעזאַלצט, אי'בערגעזאַלצן) пересаливать
אי'בערזעצונג די (ען) перевод
איבערזע'צן[1] переводить (***с одного языка на другой***)
אי'בערזעצן[2] пересаживать
אי'בערזעצער דער (ס) переводчик
אי'בערחזרן [и'бэрхазэрн] повторять
אי'בעריאָגן перегонять
אי'בערכאַפּן перехватывать
אי'בערמאָרגן послезавтра
אי'בערן = אי'בער + דעם ☛ אי'בער[1]
אי'בערנעמען (איבערגענומען) перенимать

אי'בערפּרוּװן перепроверять

אי'בערצײַגונג די (ען) убеждение

אי'בערצײַגט убеждённый

אי'בערצײַגן (זיך) убеждать(ся)

אי'בערציילן пересчитывать

אי'בערקוילערן זיך кувыркаться

אי'בעררופֿן (אי'בערגערופֿן) 1. перечислять; 2. называть по имени

אי'בעררוקן передвигать

אי'בעררײדן ☛ אי'בעררעדן

אי'בעררײַסן (אי'בערגעריסן) прерывать

אי'בעררעדן уговаривать

אי'בעררעכענען (אי'בערגערעכנט) 1. пересчитывать; 2. перечислять

אי'בערשטײַגן (אי'בערגעשטי'גן) превосходить

אי'בערשטעלן переставлять

איז[1] и так, следовательно *союз*

איז[2] (זײַן) есть, является (*3-е л. ед. ч. наст. вр. от*)

ער איז אַ לערער он учитель

אי'טלעכער каждый

איי דאָס (ער) яйцо

איי'ביק вечный

אייגן свой, собственный

איי'גנטלעך собственно (говоря)

איי'גנטימלעך присущий, свойственный

איי'גנטימלעכקייט די (ן) свойство

איי'גענער[1] свой, собственный

איי'גענער[2]: דער איי'גענער тот же

איי'גענער[3] דער (־נע) родственник

איידל вежливый; благородный

איי'דלקייט די вежливость; благородство

איי'דעם דער (ס) зять

איי'דער 1. прежде чем; 2. чем *союз*

אײַז דאָס лёд

אײַזן דאָס железо

אײַ'זנבאַן די (ען) железная дорога

אײַ'זערן железный

אײַך вам; вас

אייל דער/דאָס масло (*растительное*)

אײַלן торопиться

איין один

אײַן *приставочное слово; см. урок VIII*

אײַן און אויס: װיסן װוּ אײַן און װוּ אויס знать все ходы и выходы

אײַ'נבייגן זיך ((זיך) אײַ'נגעבויגן, אײַנגעבייגט) наклонять(ся); нагибать(ся)

אײַ'נבײַסן (אײַ'נגעביסן) надкусить
אײַ'נבינדער דער (ס) переплётчик
אײַ'נגעבויגן наклонённый, согнутый
אײַ'נגעבן זיך (זיך אײַ'נגעגעבן) удаваться
אײַ'נגעשלאָסן включая
אײַ'נדרוק דער (ן) впечатление
אײַ'נהאַלטן (זיך) ((זיך) אײַ'נגעהאַלטן) сдерживать(ся)
איי'נהייט די единство
איי'נהייטלעך единый
אײַ'נהייצן затопить (***печь***)
אײַ'נהערן זיך (זיך אײַ'נגעהערט) вслушиваться
אײַ'נוווינער דער (ס) житель
אײַ'נטונקען (אײַ'נגעטונקען, אײַנגעטונקט) обмакивать
איי'ניקל דאָס (עך) 1. внук; 2. внучка
איי'ניקע некоторые
אײַ'נלאַדן (אײַ'נגעלאַדן) приглашать
אײַ'נלייגן זיך умещаться, укладываться
איין מאָל однажды
איינס[1] раз (*при счёте*)
איינס[2] די (ן) единица
איי'נער один; некто
אײַ'נפּאַקן упаковывать
איי'נפֿאַך простой
אײַ'נפֿאַל דער (ן) 1. затея, внезапная мысль; 2. обвал
אײַ'נפֿאַלן (איז אײַ'נגעפֿאַלן) 1. приходить в голову; 2. обваливаться
אײַ'נפֿונדעווען זיך (זיך אײַ'נגעפֿונדעוועט) обосновываться
איי'נצאָל די единственное число *грам.*
אײַ'נצאַמען обуздывать
איי'נציק единственный
איי'נציקווײַז по одному, в одиночку
איי'נצלהייט די (ן) деталь, частность
אײַ'נקויפֿן закупать
אײַ'נקלאַמערן заключать в скобки
אײַ'נרוימען шептать (***доверительно***)
אײַ'נריידן ☛ אײַ'נרעדן
אײַ'נרעדן уговаривать
אײַ'נשטעלן[1] устанавливать
אײַ'נשטעלן[2] рисковать
אײַ'נשטעלן[3] זיך (פֿאַר) заступаться (***за***)
אײַ'נשלאָפֿן (איז אײַ'נגעשלאָפֿן) засыпáть
אײַ'נשלינגען (אײַ'נגעשלונגען) глотать, поглощать
אײַ'ער ваш, ваша, ваше

אייראָ'פּע די Европа

איך (*В.* מיך; *Д.* מיר) я

אי'כ'ל = איך + וועל ☛ וועלן[2]

אים ему; его

אין ***предлог*** в, на, за

  אין זשיטאָמיר в Житомире

  אין אָוונט вечером

  אין דרײַ טעג за три дня

אין איי'נעם вместе

אין... אַרום по прошествии...

  אין ע'טלעכע טעג אַרו'ם через несколько дней

אין גאַנצן совсем

אין גי'כן вскоре

אינדזל דער (ען) остров

אין דער היים до́ма

אינדערפֿרי' דער утро

אין דער פֿרי утром

אין דרוי'סן на улице

אי'נהאַלט דער содержание

אי'נהאַלטלאָז бессодержательный

אין זי'נען האָבן иметь в виду

אין כּעס ווערן (אי'ז אין כּעס געוואָ'רן) гневаться, сердиться

אין מיטן посреди

אי'נעם = אין דעם ☛ אין

אי'נערלעך внутренний

אין פֿאַל (פֿון) в случае

  אין פֿאַל פֿון רעגן в случае дождя; если пойдёт дождь

אין צוויי'ען вдвоём

אַ'יעדער = יע'דער

איצט сейчас, теперь

אי'צטיק нынешний, теперешний

איר[1] Вы, вы

איר[2] её (***принадлежащее ей***)

איר[3] ей

איר'ט = איר + וועט ☛ וועלן[2]

אַכזריותדיק [ахзо'риэсдик] жестокий

אַכט[1] восемь

אַכט[2]: נע'מען אין אַכט принимать во внимание

אַ'כטונג די внимание

אַ'כטונג געבן обращать внимание

אַ'כציק восемьдесят

אַכצן восемнадцать

אַ'לגעמיין (все)общий
אַל דאָס: אַל דאָס גוטס всё хорошее; всего хорошего (*пожелание*)
אַל דאָס בע'סטע всего наилучшего (*пожелание*)
אַלט старый
אַלט און יונג и стар и млад
אַלט זײַן (איז אַלט געווע'ן) иметь от роду... лет
אַליין сам; в одиночку
אַלמן דער (־ים) [а'лмэн] вдовец
אַלמנה די (־ות) [алмо'нэ] вдова
אַלמע'כטיק всемогущий
אַלס как, в качестве
אַ'לע все
אַ'לע מאָל всегда
אַ'לערלײ всякого рода
אַלף דער/די [а'лэф] название буквы א
אַלפֿאָ'לקיש всенародный
אַלפֿאַרבאַ'נדיש всесоюзный
אַלף־בית דער (ן) [а'лэфбэйс] алфавит
אַלץ всё
אַ'לצדינג всё
אַלץ איינס всё равно
אַ'לרוסלענדיש всероссийский
אַמאָ'ל когда-то; иногда
אַמאָ'ליק прежний, бывший
אמונה די [эму'нэ] вера
אַמט דער (ן) должность
אַמעריקאַ'נער[1] американский
אַמעריקאַ'נער[2] דער (=) американец
אַמעריקאַ'נערין די (ס) американка
אמת דער (ן) [э'мэс] истина
אמת(ער) [э'мэс(эр)] истинный
אַן *вариант неопредел. артикля перед словом, начинающимся с гласного звука*
אַן אייניקל внук
אָן[1] без
אָן[2] о, об
אָן[3]: פֿון... אָן начиная с...
אָן[4] *приставочное слово; см. урок VIII*
אָנקומען прибывать
אָ'נבאַקן (אָ'נגעבאַקן, אָ'נגעבאַקט) напечь
אָ'נבינדן (אָ'נגעבונדן) навязывать
אָ'נגאַבן, אָ'נגאַבעס מ״צ данные

אָ'נגיין (איז אָ'נגעגאַנגען) 1. относиться, иметь отношение (*к чему-либо*);
2. продолжаться
אָ'נגיסן (זיך) ((זיך) אָנגעגאָ'סן) наливать
אָ'נגענעם приятно
אָ'נגעשטעלטער דער (־טע) служащий
אָ'נגעשטרענגט напряжённый
אָנגרי'ף דער (ן) наступление; нападение
אָנדע'נק דער (ס) память
אַ'נדער другой
אָ'נדער(ט)האַלב(ן) полтора
אַ'נדערש иначе, по-другому
אָ'נהייב דער (ן) начало
אָ'נהייבן (זיך) ((זיך) אָ'נגעהויבן) начинать(ся)
אָ'נהייבנדיק פֿון... начиная с...
אָ'נוואַרעמען (זיך) нагревать(ся)
אָ'נווײַזן (אָ'נגעוויזן) указывать
אָ'נוועזנדיק присутствующий
אָ'נווענדן (אָ'נגעווענדט, אָ'נגעוואָנדן) применять
אָ'נווערן (אָ'נגעוואָרן, אָ'נגעווירן) утрачивать
אָ'נזאָגן сообщать, извещать
אָ'נטאָן (אָ'נגעטאָן) надевать, одевать
אָ'נטאָן זיך (זיך אָ'נגעטאָן) одеваться
אַנטדע'קונג די (ען) открытие
אַנטדע'קן открывать
אַנטהאַ'לטן (זיך) ((זיך) אַנטהאַ'לטן) содержать(ся)
אַנטוואַ'לדן вырубать леса
אַנטוואַ'סערן обезвоживать
אַנטוואָ'פֿענונג די разоружение
אַנטוואָ'פֿענען (אַנטוואָ'פֿנט) разоружать
אַנטווי'קלונג די (ען) развитие
אַנטווי'קלט развитой
אַנטווי'קלען (זיך) развивать(ся)
אַנטוי'שן (זיך) ((זיך) אַנטוי'שט) разочаровывать(ся)
אָ'נטיילנעמער דער (=, ס) участник
אַנטלוי'פֿן (איז אַנטלאָ'פֿן) убегать
אַנטמו'טיקן обескураживать; лишать мужества
אָ'נטערמיניק бессрочный
אַ'נטקעגן (на)против
אָ'נטראָגן (אָ'נגעטראָגן) наносить
אַנטשווי'גן ווערן (איז אַנטשווי'גן געוואָ'רן) замолкать
אַנטשטיי'ן (איז אַנטשטאַ'נען) возникать
אַנטשיי'דן решительный

אַנטשײַ'דנדיק решающий
אַנטשלאָ'פֿן ווערן (איז אַנטשלאָ'פֿן געוואָ'רן) засыпать
אַנטשלי'סן (זיך) ((זיך) אַנטשלאָ'סן) решаться (***на что-либо***)
אַני'דערפֿאַלן (איז אַני'דערגעפֿאַלן) падать
אָ'ננעמען (אָ'נגענומען) 1. принимать (***решение***); 2. предполагать
אָ'נעם = אָן + דעם ☛ אָן[1], אָן[2]
אָ'נעסן זיך (זיך אָ'נגעגעסן) наедаться
אָ'נערקענען признавать
אָ'נפֿאַלן (איז אָ'נגעפֿאַלן) нападать
אָ'נפֿאַנגען (אָ'נגעפֿאַנגען) начинать
אָ'נפֿירונג די руководство
אָ'נפֿירן (מיט) руководить
אָ'נפֿירער דער (ס) руководитель
אָ'נצינדן (אָ'נגעצונדן) зажигать
אָ'נצינדן זיך (זיך אָ'נגעצונדן) 1. загораться; 2. вспылить
אַנצי'קט восхищённый
אָ'נקאָכן наваривать
אָ'נקומען (איז אָ'נגעקומען) прибывать
אָ'נקוקן смотреть; глазеть
אָ'נקלאַפּן стучать (***в дверь и т. д.***)
אָ'נקלינגען (אָ'נגעקלונגען) звонить
אָ'נקלעפּן. приклеивать
אָ'נרופֿן (זיך) ((זיך) אָ'נגערופֿן) называть(ся)
אָ'נריידן ☛ אָ'נרעדן
אָ'נריידן זיך ☛ אָ'נרעדן זיך
אָ'נרעדן 1. наговаривать; 2. подговаривать
אָ'נרעדן זיך наговариваться
אָ'נשאַרפֿן натачивать
אַנשטאָ'ט вместо
אָ'נשרײַבן (אָ'נגעשריבן) (на)писать
אָ'נשרײַען (אָ'נגעשריגן, אָ'נגעשריִען) (на)кричать
אָ'סיען דער осень
אַ סך [сах] много
אָפּ *приставочное слово; см. урок VIII*
אָפּגעבן отдавать
אָ'פּבליִען отцветать
אָ'פּגעבן (זיך) ((זיך) אָ'פּגעגעבן) отдавать(ся)
אָ'פּגעמאַכט! идёт! договорились!
אָ'פּגעשטאַנענער отсталый
אָ'פּדאַוונען помолиться
אָ'פּדאַנקען (от)благодарить
אָ'פּדאַרן отсыхать

אָ'פּדרוקן (от)печатать

אָ'פּהיטן 1. сохранять; 2. соблюдать

אָ'פּהענגיק зависимый

אָ'פּהענטיק беспомощный

אָ'פּוואַרטן подождать; прождать

אָ'פּוואַרפֿן (אָ'פּגעוואָרפֿן) отбрасывать

אָ'פּוואַשן (אָ'פּגעוואַשן) отмывать

אָ'פּווישן вытирать; стирать

אָ'פּזאָגן (זיך) отказывать(ся)

אָ'פּזײַן (איז אָ'פּגעווען) (про)быть (***какое-то время***)

אָ'פּטומלען отшуметь

אָ'פּטייל דער (ן) отдел

אָ'פּטרעטן (איז אָ'פּגעטראָטן) 1. отступать; 2. уступить (*дорогу и т. п.*)

אָ'פּלויפֿן (איז אָ'פּגעלאָפֿן) отбега́ть; пробега́ть

אָ'פּלעבן 1. проживать (***какое-то время***); 2. отживать

אָ'פּמאַך דער (ן) договор

אָ'פּמאַכן договариваться

אָ'פּמאָלן срисовывать; копировать

אָ'פּמערקן отмечать

אָ'פּנאַרן обманывать

אָ'פּנעמען (אָ'פּגענומען) отнимать

אָ'פּענטפֿערן отвечать

אָ'פּעסן (אָ'פּגעגעסן) поесть; отъесть

אָ'פּצאָל דער (ן) оплата

אָ'פּקלינגען (אָ'פּגעקלונגען) отзвучать, отзвенеть

אָ'פּרו דער отдых

אָ'פּרוהויז דאָס (־הײַזער) дом отдыха

אָ'פּרופֿן (זיך) ((זיך) אָ'פּגערופֿן) отозвать(ся)

אָ'פּריידן ☛ אָ'פּרעדן

אָ'פּריידן זיך ☛ אָ'פּרעדן זיך

אָ'פּרײַסן (אָ'פּגעריסן) отрывать

אָ'פּרעדן отговаривать

אָ'פּרעדן זיך договариваться

אָ'פּשאַפֿן (אָ'פּגעשאַפֿט, אָ'פּגעשאַפֿן) отменять

אָ'פּשטאַם דער происхождение

אָ'פּשטאַרבן (אָ'פּגעשטאָרבן) отмирать

אָ'פּשטויסן (אָ'פּגעשטויסן) отталкивать

אָ'פּשטעלן (זיך) останавливать(ся)

אָ'פּשיקן отсылать

אָ'פּשײַ דער уважение

אָ'פּשלאָגן (אָ'פּגעשלאָגן) 1. отбивать; 2. отражать (*атаку и т. д.*)

אָ'פּשלײַדערן отшвыривать

אָ'פּשניט דער (ן) отрезок
כאַפּן אַן אָ'פּשניט терпеть неудачу
אָפֿט частый
אָ'פֿטלעך частенько
אַפֿילו [афи'лэ] даже
אָפֿן открытый
אַפֿרי'ער раньше
אַפֿריקאַ'נער[1] африканский
אַפֿריקאַ'נער[2] דער (=) африканец
אַפֿריקאַ'נערין די (ס) африканка
אפֿשר [э'фшэр] возможно, быть может
אַצי'נד сейчас
אַצי'נדער, אַצינדערטט ☛ אַצי'נד
אָ'קאָרשט только что
אַקסל דער (ען) плечо
אַקע'גן ☛ אַנטקע'גן
אַ'קער דער (ס) плуг
אַ'קער־אײַזן דער (ס) плуг
אַראָפּ[1] вниз
אַראָפּ[2] *приставочное слово; см. урок VII*
אַראָ'פּגיין сходить (*с чего-либо*)
אַראָ'פּלויפֿן (איז אַראָ'פּגעלאָפֿן) сбегать (***вниз***)
אַראָ'פּנעמען (אַראָ'פּגענומען) снимать
אַראָ'פּפֿאַלן (איז אַראָ'פּגעפֿאַלן) спадать
אַראָ'פּפֿליִען (איז אַראָ'פּגעפֿלויגן) слетать вниз
אַראָ'פּרײַסן (אַראָ'פּגעריסן) срывать
אַ'רבעט די (ן) работа
אַרבעטאָרין די (ס) работница
אַ'רבעטלאָזיקייט די безработица
אַ'רבעטלאָזער דער (־זע) безработный
אַ'רבעטן работать
אַ'רבעטער דער (ס) рабочий
אַ'רבעטערין די (ס) работница
אַ'רבעטערשאַפֿט די рабочие ***собир.***
אָ'רדענונג די (ען) порядок
אַרוי'ס[1] вон, прочь
אַרוי'ס[2] *приставочное слово; см. урок VII*
אַרויסלויפֿן выбегать
אַרוי'סבאַקומען (אַרוי'סגעבאַקומען) добиваться
אַרוי'סגיין (איז אַרוי'סגעגאַנגען) выходить
אַרוי'סגעבן (אַרוי'סגעגעבן) выдавать
אַרוי'סוואַרפֿן (אַרוי'סגעוואָרפֿן) выбрасывать

אַרויסווײַזן (אַרויסגעוויזן) проявлять; выказывать
אַרויסווײַזן זיך (זיך אַרויסגעוויזן) оказываться
אַרויסזאָגן (זיך) высказывать(ся)
אַרויסזעצן (זיך) высаживать(ся)
אַרויסטראָגן (אַרויסגעטראָגן) выносить
אַרויסטרײַבן (אַרויסגעטריבן) выгонять
אַרויסטרעטונג די (ען) выступление
אַרויסטרעטן (איז אַרויסגעטראָטן) выступать
אַרויסלאָזן (אַרויסגעלאָזט, אַרויסגעלאָזן) выпускать
אַרויסלויפֿן (איז אַרויסגעלאָפֿן) выбегать
אַרויסנעמען (אַרויסגענומען) вынимать
אַרויספֿאַלן (איז אַרויסגעפֿאַלן) выпадать
אַרויספֿירן выводить; вывозить
אַרויספֿליִען (איז אַרויסגעפֿלויגן) вылетать
אַרויסציִען (אַרויסגעצויגן) вытягивать
אַרויסקײַקלען (זיך) выкатывать(ся)
אַרויסרופֿן (זיך) ((זיך) אַרויסגערופֿן) вызывать(ся)
אַרויסרײַסן (זיך) ((זיך) אַרויסגעריסן) вырывать(ся)
אַרויסשטעלן выставлять
אַרויסשרײַבן (אַרויסגעשריבן) выписывать
אַרויף[1] вверх!
אַרויף[2] *приставочное слово; см. урок VII*
אַרויפֿגיין (איז אַרויפֿגעגאַנגען) восходить
אַרויפֿלויפֿן (איז אַרויפֿגעלאָפֿן) взбегать
אַרויפֿפֿירן ввозить (***вверх***)
אַרום[1] вокруг
אַרום[2] *приставочное слово; см. урок VII*
אַרומקוקן זיך оглядываться
אַרומגיין (איז אַרומגעגאַנגען) 1. слоняться; 2. обходить (*вокруг*)
אַרומנעמען (אַרומגענומען) обниматься
אַרומרינגלען окружать
אַרומשטעלן זיך вставать вокруг; обступать
אַרונטער *приставочное слово; см. урок VII*
אַרונטערגיין (איז אַרונטערגעגאַנגען) сходить
אַרונטערפֿאַלן (איז אַרונטערגעפֿאַלן) попадать (***под что-либо***)
אַרונטערשטעלן подставлять
אָרט דאָס (ערטער) место
אָרטיק местный
אַרטיקל[1] דער (ען) артикль *грам.*
אַרטיקל[2] דער (ען) статья
אַריבער *приставочное слово; см. урок VII*
אַריבערגיין переходить

אַרי'בערגאַנג דער (־גענג) переход
אַרי'בערלויפֿן (איז אַרי'בערגעלאָפֿן) перебегать
אַרי'בערפֿאָרן (איז אַרי'בערגעפֿאָרן) переезжать
אַרי'בערפֿירן переводить; перевозить
אַרי'בערשטײַגן (איז אַרי'בערגעשטיגן) превосходить
אַרײַ'ן![1] Входи(те)!
אַרײַ'ן[2] *приставочное слово; см. урок VII*
אַרײַ'נגײן входить
אַרײַ'נגאַנג דער (־גענג) вход
אַרײַ'נדרינגען (אַרײַ'נגעדרונגען) проникать
אַרײַ'נטראָגן (אַרײַ'נגעטראָגן) вносить
אַרײַ'נלאָזן (אַרײַ'נגעלאָזט, אַרײַ'נגעלאָזן) впускать
אַרײַ'נלייגן вкладывать
אַרײַ'נמישן (זיך) вмешивать(ся)
אַרײַ'ננעמען (אַרײַ'נגענומען) вбирать, вмещать
אַרײַ'נפֿאַלן (איז אַרײַ'נגעפֿאַלן) впадать
אַרײַ'נפֿאָרן (איז אַרײַ'נגעפֿאָרן) въезжать
אַרײַ'נפֿירן вводить
אַרײַ'נפֿלעכטן (אַרײַ'נגעפֿלאָכטן) вплетать
אַרײַ'נציִען (אַרײַ'נגעצויגן) втягивать
אַרײַ'נקומען (איז אַרײַ'נגעקומען) входить
אַרײַ'נקוקן заглядывать
אַרײַ'נקריכן (איז אַרײַ'נגעקראָכן) заползать
אַרײַ'נשרײַבן (אַרײַ'נגעשריבן) записывать
אָ'רעם бедный
אָרעמאַ'ן דער (אָרעמעלײַ'ט) бедняк
אַרעסטי'רטער דער (אַרעסטי'רטע) арестант
אַרעסטי'רן арестовывать
אַש דאָס пепел
אַשכּנזים [ашкэна'зим]

# ב

באַאוי'פֿטראָגן поручать
באַאײַ'נפֿלוסן подвергать влиянию
באַאַ'מטער דער (־טע) служащий
באַאַ'רבעטן обрабатывать
באָב דער (ן) боб
באָ'בע די (ס) бабушка
באַ'בעלע דאָס (ך) бабочка
באָ'בעניו די бабуля (***ласково***)
באַגײַ'סטערן (זיך) воодушевлять(ся)

באַגי'נען рано утром
באַגי'סן (זיך) ((זיך) באַגאָ'סן) обливать(ся)
באַגלאָ'זן вставлять стёкла
באַגליי'טן сопровождать
באַגלי'קן осчастливливать
באַגע'געניש די (ן) встреча
באַגע'גענען (זיך) ((זיך) באַגע'גנט) встречать(ся)
באַגע'ר דער (ן) сильное желание, стремление
באַגרייַ'פֿן (באַגרי'פֿן, באַגרייַ'פֿט) понимать
באַגרי'נדן (באַגרי'נדעט) обосновывать
באַגרי'נען озеленять
באַגרי'סן приветствовать; поздравлять
באַגרי'ף דער (ן) понятие
באַגרע'נעצונג די (ען) ограничение
באַגרע'נעצן ограничивать
באָד די (בע'דער) баня
באַדאַ'נקען благодарить
באַדאַ'רפֿן (באַדאַ'רף *3-е л. ед. ч.*) 1. иметь надобность; 2. нуждаться
באַדייַ'טנד(יק) значительный
באַדי'נגונג די (ען) условие
באַדי'נען обслуживать
באָדן (זיך) ((זיך) געבאָ'דן) купать(ся)
באַדע'קן (זיך) покрывать(ся)
באַהאַ'לטן[1] (באַהאַ'לטן) 1. прятать; 2. хоронить
באַהאַ'לטן[2] 1. спрятанный; 2. тайный
באַהוי'כן дышать (***на что-либо***)
באַהע'לן озарять, освещать
באַהע'פֿטן (זיך) ((זיך) באַהאָ'פֿטן) сочетать(ся)
באַהע'רשן овладевать
באַוואַ'לדן насаждать лес(а)
באַוואַ'סערן орошать
באַוואָ'פֿענונג די (ען) вооружение
באַוואָ'פֿענען (זיך) ((זיך) באַוואָ'פֿנט) вооружать(ся)
